שנה ו'
יו"ט סוכות
נומער 283

# קרית ברסלב בלעטל

### רב הכולל

אידישקייט אין די בראשות יארן פון אמעריקע / באקענט אייך מיט די פולע היסטא־ריע פון דעם רב הכולל, הרה"ק ר' יעקב יוסף יאזעף זצ"ל / וועם האט מען אלץ אנגעטראגן דעם פאסטן פון זיין / דער רב הכולל / זיינע פולע פעולות אין יענע צייט / וואס האט גורם געווען צו זיין / טראגישע ענדע / די לימוד פאר היינטיגע צייטן.



### מוסאיוף שטיבלעך

לכבוד יום טוב כאפט מען זיך אריבער צום ווירבעלדיגן "מוסאיוף" שטיבלאך אין הארץ פון ירושלים עיר הקודש / געעפענט געווארן פאר איבער 130 יאר צוריק / א תוכן'דיגע שמועס מיטן לאנג יעריגן גבאי מו"ה אברהם כהן הי"ו / די חיזוק פון רבנים אנצוגיין מיט די גבאות.



### היכל הקודש געשעענישן אין בילדער:

ראש השנה תשפ"ו אין אומאן - אוי האט זיך עס געלוינט!

# הושענא
# פינת יקרת
# הושענא

הִסְתַּכְּלוּת עַל אֶתְרוֹג הוּא רְפוּאָה לִכְאֵב עֵינַיִם", אתרוג איז מסוגל פאר אויגן ווייטאג

קרית ברסלב בלעטל וואונטשט אלע חשובע ליינערס א פרייליכן יום טוב סוכות

## תקופת רב הכולל
8



## מוסאיוף שטיבלעך
38



## געשעענישן
95





# קרית ברסלב בלעטל

יום טוב סוכות תשפ"ו • 283

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
אברהם יצחק אייזנער
שמואל בער שניטצלער
שמעון עוזר פערל
**שרייבערס**
משה ארי' שניטצלער
אברהם משה שטראססער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
יואל שניצלער
יואל נחמן גלויבער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. שטיינבערג
ל. סאקס
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גרעפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ

צו אדווערטייזן אדער ארייַנשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין ארייַנצושיקן עדס איז זונטאג 1:00



כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפיען שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.



צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:

אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org

אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com

ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069



4 קוק אהער
57 ברסלב'ע שטוב
85 קינדער בלעטל
95 געשעענישן


## זמנים
סוכות ט"ו תשרי

ערשטע טעג
הדלקת הנרות . 05:39
מוצאי יו"ט ....... 07:40

צווייטע טעג
הדלקת הנרות . 06:01
מוצאי יו"ט ....... 07:29









בס"ד

רענט קאמפיין

מוסדות היכל הקודש ברסלב בארה"ב

יעמדו על הברכה אברכים הנדיבים

מו"ה **יואל מענדלאוויטש** הי"ו

מו"ה **יואל טייטלבוים** הי"ו

מו"ה **דוד טשינגל** הי"ו

פארן מנדב זיין

# פרנס החודש תשרי

די זכות פון ארויסהעלפן דעם
הייליג'ן רבין'ס מוסדות זאל אייך
ביישטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה
בשפע, געזונטע לאנגע יארן, מיט
פיל סייעתא דשמיא.

*sruliHeskel

קוק אהער

# די שיעורים ארבעט פיין

א קאר, א פליגער, א באס, א באס א באן, און יעצט די הויכע פאל, א באס א באס א טרעין, א באס א באס א פלעין...

יא רעכן איבער, ס'שטימט ממש. אזוי מ'פארט זיך אויף אומאן... קיינער פארט זיך נישט, ווער ס'איז אריבער דעם לאנגן שווערע נסיעה וואס איז נאר מעגליך פאר איינע מיט אמונת צדיקים אריבערצוגיין, שפירט נאך לכאורה יעצט חול המועד סוכות אין אלע גלידער די נסיעה וואס האט אויפגעשאקלט דעם גוף.

אזוי ווי יעדעס יאר ווען מ'פארט מיט אנשי שלומינו אונטערוועגס ווען מ'פארברענגט מיט אנשי שלומינו, אינאיינעם פרישע מקורבים, מקורבים פון דער נאענט און פון דער ווייט, מ'פאקט זיך אן מיט חיזוק מיט שיחות חברים, מ'טרעפט זיך מיט פרישע פריינט און מיט פריינט וואס מ'קען שוין.

יעדעס מאל וואו מ'גייט טרעפט מען זיך מיט א פרישע באגלייטונג, א פרישע שמועס, נאכאמאל איז מען זיך מחזק און מ'רעדט שיינע דיבורים פון רבי'ן.

דעם ערשטן טאג ראש השנה אינדערפרי אביסל נאך די סעודה איז מען געגאנגען אינאיינעם מיט דער ראש ישיבה צו תשליך, דאס מאל איז מען נישט געגאנגען צו די וואסער וואו מ'גייט די לעצטע פאר יאר אויף צו לינקס פונעם בנין, נאר מ'איז געגאנגען צו די גרויסע טייך וואו רוב עולם גייט זאגן תשליך נעבן די פושקינע גאס.

די וועג איז געווען היפש לאנג און אויסמאטערנדיג, אבער צום סוף זעמיר אנגעקומען אינאיינעם אלע אנשי שלומינו צום טייך, און מיט גרויס שמחה געזאגט תשליך. נאכדעם האט מען געטאנצן אינאיינעם "אוי האט זיך עס געלוינט!"

נאך תשליך איז מען ארויף די פושקינע גאס אויפן וועג צום ציון, און פון פריש געדאנקט דעם אייבערשטן אז מיר האבן אונזערע אייגענע רואיגע געשמאקע ווינקל אוועק פונעם הו הא און די באלאגאן פון פושקינע...

זייער מערקבאר איז געווען צו זען ווי אזוי דער ראש ישיבה האט ממש נישט געקענט גיין קיין צוויי טריט אן דעם וואס איינער זאל אים אפשטעלן און זיך באדאנקען פאר די שיעורים און חיזוק וואס דער ראש ישיבה פארשפרייט אויף די וועלט - אין קאנטראסט צו די ראטעריך אז קיינער דארף נישט קיין חיזוק, ס'אלעס נייע זאכן וכו' בלא בלא...

אנקומענדיג צום ציון האט דער ראש ישיבה געוויזן פאר די עולם צו גיין ווייטער אריין צום ציון און נישט זיך שטופן ארום אים, אזוי ווי דער ראש ישיבה זאגט ביי די שיעורים אז ווען ער קומט צום רבי'ן וויל ער קומען ווי א פשוטער איד אויסגעמישט צווישן אלע אידן.

אויפן וועג אהיים פון ציון נאך די בנין פון פעדער, האב איך זיך געטראפן גיין מיט איינע פון אנשי שלומינו, און מיר האבן אנגעהויבן שמועסן וועגן די תשליך, אז ס'איז אינטערעסאנט אז דאס יאר איז מען געקומען צו דעם וואסער פאר תשליך...

און איך זאג אים אז די מעלה איז אז אזוי קען מען אריינכאפן נאכאמאל גיין צום ציון!

זאגט ער מיר אז ער איז למעשה נישט געגאנגען צום ציון יעצט.

"אה, מן הסתם ביסטו שוין געווען היינט צופרי פארן דאווענען?"

"ניין! היינט בין איך אויפגעשטאנען אביסל שפעט!"

"איך בין געקומען קיין אומאן ווייל דער רבי האט געהייסן קומען, נישט פאר קיין שום אנדערע סיבה, און איך לאז זיך פירן! יעצט האב איך נישט קיין כח בין איך נישט געגאנגען צום ציון, און איך פריי זיך אז איך האב געפאלגט דער רבי און געקומען קיין אומאן אויף ראש השנה! "

"פאראיאר האב איך זיך צעריסן איך בין אויפגעשטאנען פארן עלות און נאכדעם בין איך דורכגעשלאפן דעם גאנצן דאווענען. פאר תקיעת שופר האט מיט איינער געגעבן א קלאפ מיך אויפוועקן צו די תקיעות."

"דאס יאר בין איך געקומען קיין אומאן בלויז ווייל אזוי האט דער רבי געזאגט!"

דאס איז די מתנה וואס דער ראש ישיבה געבט אונז אז בקי ברצוא בקי בשוב איז נישט א סלאגאן אין ליקוטי מוהר"ן, נאר א וועג צום לעבן, בין איך אויפגעשטאנען פארטאגס און געווען ביים ציון זיך צועפנט מיין הארץ און זיך גוט אויסגעוויינט - א מחיה!

און אויב בין איך פארשלאפן איך בין געווען קאלט פארקנאקט ביים ציון, קוים געקענט ארויסזאגן דעם תיקון הכללי,

## דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



בין איך ווייטער פריילעך ביזן הימל אז איך האב געטון וואס דער רבי האט געזאגט, איך האב אמונת חכמים און איך בין פונקט אזוי פריילעך!

און דער לימוד פון זיך קענען דערהאלטן און בלייבן פריילעך אין יעדער מצב וואס זאל נאר נישט זיין און וויאזוי ס'וועט זיך צום סוף אויסשטעלן בין איך א געווינער, דאס קען מען נאר האבן ביים צדיק.

פארציילט ער מיר אז אויפן באן אויפן וועג קיין אומאן איז ער געווען נעבן דעם חשובן מלמד מו"ה הערשל שניצלער הי"ו און אזוי ווי די באן האט זיך נאר אנגעהויבן צו רירן ממש אנפאנג נסיעה ווען מ'האט זיך פרובירט צו באקוועם מאכן אויפן אוקריינישע באן בעטל, האט א קינד וואס איז געשלאפן העכער אים זיך אנגעהויבן נישט גוט צו שפירן און אים אינגאנצן אנגעבראכן.

ער האט זיך אויפגעשטעלט און זיך געטראפן פארשמירט מיט ברעכאטץ זיין גאנצע העמד און ציצית פון יענעמס קינד.

ער האט זיך פרובירט צו אריענטירן, קודם אויסגעטון די פארשמירטע קליידער, די ציצית און די העמד, און אזוי שטייענדיג אין צימער זיך פרובירן צו מסדר זיין פונקט דעמאלט זענען די גרעניץ באאמטע אנגעקומען אויפן באן און צווישן די גאנצע באלאגאן טרעפט ער זיך שטיין אינדרויסן פון זיין צימער מיט א בלויזע אונטערהעמד!

'אהעם' הערט ער ווי איינער קראצט די האלז - רבי שניצלער דרייט זיך אזוי ארום מיט א בלויזן אונטערהעמד? עפעס שטימט נישט...

"איך וועל פארציילן" ענטפערט ער מיט א רואיגע טאן "איך האב זיך אראפגעלייגט, שוין געוואלט אביסל קומען צו זיך, קענען אפשר צומאכן אן אויג אויף דעם אויסמאטערנדיגע נסיעה, אבער דער אייבערשטער האט געהאט געוואלט אנדערע פלענער, א קינד האט מיך אנגעבראכן, און יעצט שטיי איך דא אזוי בין הזמנים צווישן פארשמירטע קליידער און זיך מסדר זיין מיט פרישע."

דער אינגערמאן עפענט אויף אפאר אויגן "ווי אזוי מאכסטו עס? ווי אזוי ביסטו אזוי רואיג דו פארציילסט מיר די מעשה אזוי געמיטלעך און באטעמט, איך אין אזא צייט וואלט מן הסתם געשריגן און געשאלטן זיך געבייזערט און גערעגט, און דו נעמסט עס אזוי אן באהבה, ביסט ממש א בעל מדרגה!"

"קוק אהער" ענטפערט ר' שניצלער "ווען די וואלסט ווען געווארן אנגעבראכן פון יענעמס קינד, אויב זאגסטו משניות און דו האסט אין דיר א מינימום פון א יאר שיעורים וואלסטו אויסגעקוקט פונקט ווי מיר!"

"און נישט נאר דאס... נאר איך וואלט געשטאנען אין די זייט און זיך געוואונדערט אויף דיר ווי אזוי מאכט מען דאס??"

פשט איז, נישט אז ר' שניצלער איז א הימל איד וואס מ'קען אים אנברעכן און דער דרייט זיך ארום אזוי רואיג ווי א שבת נאכמיטאג שפאציר נאכן טשולענט, נאר פשט איז אז זאגן משניות הערן שיעורים און לעבן מיט די עצות פונעם הייליגן רבי'ן ארבעט יא!

איי ווועסטו פרעגן אז ס'גייט דיר אריבער ימים ושנים און דו שפירסט אז גארנישט רוקט זיך נישט ביי דיר, אפילו דו זאגסט משניות, דו הערסט שיעורים, דו פאלגסט די עצות, אויף דעם ענטפערט שוין דער ראש ישיבה פשט אין סיפורי מעשיות די מעשה פון די בן מלך וואס איז געווען פון אבנים טובות - פון אינדרויסן האט מען גארנישט געקענט זען אויף אים, ס'האט זיך בכלל נישט אנגעזען אז ער איז פון אבנים טובות, ביז ער האט געכאפט א שניט דעמאלט איז ארויס א דיימאנט.

אויב לעבסטו מיט די לימודים פון הייליגן רבי'ן ליגן אין דיר אבנים טובות, דאס אז דו שפירסט עס נישט, ווארט באלד גייט עפעס איבערגיין, דו וועסט כאפן א קליינע שניט, עפעס וועט דיר זיין שלא כסדר, און דאן וועלן דיינע אבנים טובות דיין משניות אנהייבן שיינען און לייכטן!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**


די שענסטע
נוי סוכה
קרן
תבנין
*sruliHeskel


שטר שותפות
זכות קומה
זכות פרוזדור
זכות שער הבנין
זכות כיתה
זכות שער
זכות שלחנות
זכות מזוזות
זכות נטילת ידים
זכות חדר מלמד ומנהל
זכות חלון
קרן הבנין
מגבית הרחבת גבולי קדושה



בלעטל שטאב

# רב הכולל

באקענט אייך מיט די פילע היסטאריע פונעם רב הכולל, הרה"ק ר' יעקב יוסף יאזעף זצ"ל, וואס האט געשטורעמט און אויפגערודערט די אמעריקאנע אידן מיט יארן צוריק.

פיל פון אייך זענען עטוואס באקאנט איבער די היסטאריע פון כלל ישראל אין אמעריקע. אינעם ראש השנה'דיגע בלעטעלע איז געווען באשריבן די היסטאריע וויאזוי די ערשטע אידן זענען אנגעקומען על אדמת אמעריקע. היינט ווילן מיר ציטירן א שטורעמישע קאפיטל היסטאריע וואס האט זיך אפגעשפילט אין די געסלעך פון די זעלבע ניו יארק ווי טויזענטער אידן דרייען זיך היינט. עס איז געווען א קאמף פאר כבוד שמים, דורך איינצלנע העלדישע זעלנער אין שפיץ פון זייער הייליגע גענעראל.

באקענט אייך מיט די היסטאריע פון דעם רב הכולל, הרה"ק ר' יעקב יוסף יאזעף זצ"ל, אדער ווי דער רבי זי"ע פון סאטמאר פלעגט אים רופן, "ר' יעקב יוסף מ'ווילנא."

...

אין די תק"ס יארן (1800) איז אידישקייט אין אמעריקע געווען אויף גאר א שוואכע פארנעם. צו פארשטיין, לאמיר אביסל צוריקגיין און זען וואס אידישקייט איז געווען אמאל און וואס האט פאסירט אין אמעריקע.

אמאל איז אין יעדע שטעטל געווען א רב, א מרא דאתרא וואס האט געהאט די אויסשליסליכע השגחה אויף אלעם וואס האט אנבאלאנגט די אידישע קהילה. ווען אידן האבן אנגעהויבן עמיגרירן קיין אמעריקע, איז די מושג פון דעת תורה פארשוועמט געווארן ערגעץ אין די ימים צווישן די אלטע היים און אמעריקע.

אמעריקע איז באמת געווען אן עם ריקא - א ליידיגע לאנד. ווי צדיקים האבן זיך אויסגעדרוקן אין יענע יארן ברוח קדשו, "אין אמעריקע וועט אידישקייט זיין מיילן לאנג אבער נישט קיין טפח טיף."

אין אנהייב זענען אידן נישט געקומען קיין אמעריקע ווייל זיי האבן געוואלט. זיי זענען פשוט אנטלאפן פון גזירות און רדיפות, זיי זענען אנטלאפן פון די גזירה פון די קאנטינסיטן אדער פון די רעגירונג.

די אידן וואס זענען געקומען קיין אמעריקע זענען געווען אויסגעשטעלט צו שרעקליכע נסיונות. צום אלעם ערשט און איבער אלעס איז נישט געווען קיין דעת תורה דא. און אפילו עס זענען געקומען אידן ירא השם, האבן זיי נישט געהאט א חבורה, קיין פאראייניגטע כח וויאזוי זיך צו האלטן. עס איז ליידער נישט געווען קיין תלמוד תורה'ס וואס דאס איז געווען א רוחניות'דיגע טויט קלאפ, ווייל אם אין גדיים אין תיישים. אז עס איז נישטא קיין יונגע שאף איז נישטא קיין עלטערע.

חוץ מזה איז געקומען א פלייץ פון אפיקורסים, משכילים פון דייטשלאנד קיין אמעריקע און זיי האבן איבערגענומען די קראפט און שרעקליך אפגעשוואכט די כח פון די הייפעלע מסירת נפש אידן. צווישן די צדיקים זענען געווען באמת תורה ריזן, א שטייגער ווי הרב רבי אברהם יוסף רייז ז"ל, און הרב אילאווי ז"ל, וועלכע זענען על פי רוב נפטר געווארן פריצייטיג פון ווייטאג און עגמת נפש אויף די בראך פון יהדות אמעריקע.

ליידער האט די גייסט פון משכילים געזיגט אין אמעריקע אין יענע תקופה. עס איז אבער פארהאן א שטארקע לימוד זכות אויף די אידן פון יענע תקופה פארוואס עס איז זיי געווען אזוי שווער צו עומד בנסיון זיין.

ווען די פרומע אידן פון אמעריקע האבן זיך ענדליך צוזאמגענומען און אפגעמאכט אז מען מוז האבן א "רב הכולל", טייטש: א רב וואס וועט כולל און פארטרעטן די ערליכע אידן אין אמעריקע, זענען זיי געפארן קיין בעלזא.

זיי זענען געגאנגען צום בעלזער "מיטעלער רב" זצ"ל, און זיך אויסגעוויינט צו אים בעטנדיג זיך ביי אים אז ער זאל קומען קיין אמעריקע זיין זייער מנהיג, זייער פירער. זיי האבן געוויינט און געבעטן אז חז"ל זאגן "כל המציל נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא" און דא רעדט זיך עס פון א גאנצע דור, א גאנצע מדינה וואס שטייט ביים שוועל פון א רוחניות'דיגע אונטערגאנג רח"ל.

דער בעלזער רב זצ"ל האט זיי געזאגט אז ער וועט אריינטראכטן דערין און וועט זיי געבן תשובה נאך אפאר טעג. נאך אפאר טעג האט דער בעלזער רב זצ"ל זיי געזאגט אז ווי ער פארשטייט איז כמעט אינגאנצן אוועקגענומען געווארן די בחירה פון אידן אין אמעריקע.

ער האט זיי מסביר געווען, "איר זאלט וויסן אז די גאנצע וועלט איז פול מיט חיצונים רח"ל. און ווי די גמרא זאגט אינהו נפישו מינן. ווען נישט דאס רחמנות פון רבוש"ע וואלט נישט געווען קיין מציאות צו עקזעסטירן קיין איין רגע צוליב די פילע קליפות וואס נעמען ארום די וועלט. נאר מיר האבן מקובל פון דעם בעל שם הקדוש אז דארט ווי עס האבן זיך געדרייט שרפים און צדיקים, דארט האט מען שוין מטהר געווען די לופט אז עס זאל זיין מעגליך צו דינען דעם באשעפער. אין ארץ ישראל, אייראפע, בבל, צרפת, איז שוין געווען אין די פריעדיגע דורות קדושי עליון ראשונים ואחרונים און בעלי תוספות וואס מיט זייער תורה וקדושה האבן זיי מטהר געווען די לופט עד סוף כל הדורות.

"אויך האט דאס געטון פאר אונז דער בעל שם הקדוש מיט זיין הייליגע חבריא. זיי האבן מטהר געווען די לופט. דער נביא זאגט, 'הולך אותנו במדבר בארץ ערבה ושוחה בארץ ציה וצלמות בארץ לא עבר בה איש ולא ישב אדם שם.' דערפאר איז מיר נישט קיין חידוש וואס איר דערציילט מיר איבער די שרעקליכע מצב פון אידישקייט אין אמעריקע."

דער בעלזער רב האט דעריבער געזאגט אז ער שרעקט זיך צו גיין אהין. ער האט זיי אבער געגעבן אן עצה אז זיי זאלן זיך ווענדן צו די גדולים פון ליטא, וואס זיי האבן נישט די קבלה פון בעל שם הקדוש (אזויווי זיי זענען דאך נישט געווען פון די חסידים) און זיי וועלן איינשטימען צו גיין קיין אמעריקע. דער בעלזער רב זי"ע האט זיי געזאגט אז דאס איז א טובה, ווייל זיי וועלן אהינגיין און מטהר זיין די לופט און מתקן זיין וואס עס פעלט אויס. און אזוי האבן זיי טאקע געטון, ווי שפעטער באשריבן בעז"ה.

# דער רב הכולל

עס איז אויך אינטערעסאנט צוצולייגן אז ר' יודל ראזענבערג ז"ל פון די סאטמארע קעמפס, האט אמאל געזאגט פאר'ן רבי'ן זי"ע פון סאטמאר, אז עס איז דא א גוי וואס וואוינט אין נעפענעק נעבן די קעמפס. דער גוי זאגט אים אז ער זעט פון יאר צו יאר ווי די קינדער ווערן רואיגער און רואיגער.

האט דער הייליגער רבי זי"ע זיך פארטראכט און געזאגט, "ווייסט וואס איך וועל דיר זאגן? **די לופט אין אמעריקע האט זיך געענדערט**."

...

דעריבער איז א לימוד זכות ווען מיר ליינען די שרעקליכע נסיונות און מצב פון אידישקייט אין אמעריקע. די אידן דא האבן כמעט נישט געהאט קיין בחירה, ווייל צדיקים האבן נאכנישט באטראטן איר ערד. דאס געט אונז אויך א מורא'דיגע אויפוואכונג, צו זיין דבוק אין צדיקים און צו וואוינען נעבן צדיקים, ווייל דער צדיק טרעט אונז אויס דעם וועג, אין פולן זין פון ווארט, און מאכט אונז גרינגער דעם עבודת ה'. דער הייליגער רבי זאגט אונז שוין אין ספר המדות, קִרְבַת הַצַּדִּיקִים טוֹב בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא: זיין מקורב צו א צדיק איז גוט אויף די וועלט און אויף יענע וועלט. אזוי אויך לְקָרֵב לַצַּדִּיקִים בְּטִרְחָא מִסְתַּיְעָא מִלְּתָא טְפֵי לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא: זיך אנשטרענגען צו זיין נאנט צו צדיקים העלפט זייער אין עבודת ה'.

...

צווישן די יארן פון תקע"ט (1819) ביז בערך תר"כ (1860) איז געווען א פלייץ פון אימיגראנטן קיין אמעריקא, בעיקר פון אשכנז'ישע לענדער ווי דייטשלאנד, אונגארן און אזוי ווייטער.

(עס איז שוין פריער געקומען אידן פון די ספרדישע לענדער, וואס איז גאר אן אייגנארטיג און רייכע שטיקל היסטאריע, אבער מיר וועלן זיך יעצט באציען בעיקר צו די תקופה וואס באריט די צייט פונעם "רב הכולל").

די ערשטע אידן וואס זענען געווען אין אמעריקע זענען געווען ספרדים. זיי האבן אויפגעשטעלט אפאר שולן אין מאנהעטן און זיך געפירט אלץ שומרי תורה ומצוות. ווען די אידן פון דייטשלאנד זענען אנגעקומען, האבן זיי זיך נישט פארשטאנען מיט די ספרד'ישע אידן, צוליב דעם וואס די מנהגים זענען געווען אנדערש און דעריבער האבן זיי געגרינדעט אן אייגן שול מיט'ן נאמען "בני ישורון" (וואס שטייט נאך היינט, שוין איבעגעבויעט).

אזוווי אמעריקע איז גאר שנעל געשטיגן מיט איר צאל פון אידן, איז נישט געווען אין רב מיט אין שחיטה און אין בית החיים, ווי עס איז געווען אין דער אלטער היים, נאר יעדע שול האט זיך געבויעט אן אייגענע מצה בעקעריי, בית החיים, שחיטה וכו'. דאס האט ווייטער און טיפער אונטערגעריסן די כח פון א רב. אויב האט איינעם נישט געשמעקט דעם פסק פון זיין רב איז ער פשוט אריבער די גאס צו א נייע קהילה. די פרייהייט פון די אמעריקאנע רעגירונג האט ליידער געווירקט אויך אויף די אידישע געמיינדע און אנגעזייעט א חורבן.

א גרויסע חלק פון די אידן וואס זענען געקומען זענען געווען גאנץ פרומע אידן און זענען געקומען פון דערפלעך און שטעטלעך ווי די פארשאלטענע השכלה האט נאך נישט אריינגעדריגען זייער נעגל. אבער נאך א גרעסערע חלק וואס איז אהערגעקומען איז ליידער שוין געווען טיף איינגעווארצלט מיט די סם פון משכילים, א שטייגער ווי די רעפארם רבנים, אפיקורסים און רקים.

די רעפארם ראבינער זענען געווען אפענע אפיקורסים וואס האבן זיך ליידער נישט צוריקגעהאלטן פון קיין שום איסור אין די תורה. זייער הויפט ציל איז געווען זיך צו אסימילירן און דערצו אפצופירן די אידן פון אמעריקע פון ריכטיגן וועג רח"ל.

די דייטשע אידן זענען בדרך כלל געווען זייער ווייט פון ידיעות אין תורה. זיי זענען געווען ווייסטע עמי הארצים, ווייל אין דייטשלאנד האבן זיי געשיקט די קינדער שטודירן אין רעגירונגס שולעס און נאר צוגעלערנט אביסל תנ"ך און אביסל חומש מיט די קינדער אין זייטיגע צייטן. אלץ רעזולטאט זענען די קינדער געווען זייער טרוקן און אומוויסנד אין אונזער רייכע און הייליגע תורה און מסורה. דעריבער האבן די רעפארם ראבינער געהאט א גאר גרינגע פעלד איינצופלאנצן זייער קערנדלעך פון השכלה. זיי האבן נישט געדארפט ארבעטן צו שווער.

דורכאויס 20 יאר האבן זיי ליידער מצליח געווען מיט זייער געשליפענע שפראך און פעדער איבערצודרייען דאס ביסל אידישקייט אין אמעריקע צו א מדבר שממה. זיי האבן ארויסגעגעבן זייער אייגענע צייטונג און דארט האבן זיי געפרעדיגט זייער שיטות און רעפארמירטע ווערסיע פון די תורה עפ"ל.

אזוווי די אידן אין דייטשלאנד האבן שוין "איינדערהיים" געשיקט צו רעגירונגס שולעס, האבן זיי דא נישט געטראכט קיין צוויי און אריינגעלייגט זייערע קינדער אין פובליק סקול. דאס איז נעבעך געווען א שרעקליכע בראך ווייל די קינדער האבן פון זיך אליינס אראפגעווארפן די עול התורה און זיך געשעמט מיט זייערע אידישע עלטערן.

די עלטערן האבן פראבירט צו מאכן "זונטאג חדר" אדער "אוונט חדר", אבער עס איז געווען א דורכפאל. מען האט אפטמאל געטראפן אן עלטערע איד, אדער א צובראכענע אידל וואס האט זיך אונטערגענומען די ארבעט לשם מצוה אבער די אמעריקאנע בויטשיקעס האבן געמאכט פורים פון אים, און עס איז געגאנגען פעטש און ציפעס און די קינדער זענען אנטלאפן. די פובליק סקול לעבן האט זיי מער געצויגן און צוגעזאגט גאלדענע גליקן.

אין אלע געגנטער האבן זיך געעפנט רעפארם טעמפלען. די ראבינער האבן זיך נישט אפגעהאלטן פון קיין שום זאך. זעענדיג אז דער עולם קומט נישט שבת אין שול האבן זיי רח"ל אפגעשטופט דעם שבת אויף זונטאג, האפענדיג אז עס וועט קומען מער מענטשן. די רעפארם אידן זענען ליידער נישט געווען אנדערש ווי די גוים. זיי האבן געלייקנט אין ביאות המשיח און געגעסן נבילות און טריפות רחמנא לצלן. זיי זענען געגאנגען אין טעמפל, "ווייל אזוי טוט

יעדע אנשטענדיגע בירגער צו זיין גלויבן." ליידער.

די רעפארמער האבן גענהאט די אויבערהאנט אין גאס. איינער פון די געמיינע ראבינער וואס האבן גענהאט א גרויסע יד און אפפארן אזויפיל אידן, איז געווען אייזיק מאיר ווייז. ער איז אנגעקומען קיין אמעריקע און איז געווארן א רב אין אלבעני. גלייך ביים אנקומען האט ער ליידער געמאכט שינוים. ער האט מתיר געווען צו מצרף זיין פרויען צו א מנין, מחלל שבת געווען און געטרינקען יין נסך. אויך האט ער מתיר געווען עגונות אן קיין שום אפהאלט שלא כהלכה. אויך האט ער אפגעשפעט פון מילה און מתיר געווען צו פארברענען מתים און כל איסורים שבתורה אין עניני קדושין רח"ל.

למעשה איז זיין אייגענע קאנגראגעישן (קהילה) געווארן אזוי פאר'מיאוס'ט פון זיין אויסגעשפראכנקייט, אז זיי האבן אים ארויסגעווארפן אום ליל כל נדרי.

דערנאך איז ער געפארן קיין סינסינעטי און דארט איז ער געווארן רב און הערשט דאן ארויסגעוויזן זיין אמת'ן פרצוף. ער האט געמאכט אן אייגן סידור מיט'ן נאמען "מנהג אמעריקא" און דארט האט ער ליידער ארויסגענומען אלע שטיקלעך וואס רעדן זיך פון ירושלים און פון משיח.

ער האט לוחם געווען קעגן מאכן א חדר און אריינגעגעבן פאר די רעגירונג זיין מיינונג אז קינדער געהערן פאר די שטאט און דארפן זיך לערנען וויאזוי די לאנד וויל. עלטערן קענען לערנען מיט די קינדער רעליגיע נאר אום שבת. רח"ל.

ליידער ווייסן מיר אז די גזירות החינוך וואס העננגט איבער אידישע קינדער אין אמעריקע איז אויך אונטערגעהעצט געווארן דורך אידן וואס האבן נעבעך פארלאזט די שיינע תורה וועג. דער אייבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אלע אידן.

אויך האט ער געגרינדעט זיין אייגענע צייטונג וואו ער האט געפיטערט דעם ציבור און ספעציעל דעם יוגנט מיט זיינע אפיקורסישע מיינונגען (דאס איז טאקע די ציל פונעם קרית ברסלב בלעטל, צו אריינפרעגלען אין אונזערע דורות די ריינע קלארע אמונה, אריינברענגן אז אידישקייט איז די געשמאקסטע זאך, און אז מען דארף נאכגיין צדיקים, און אזוי ווייטער).

אבער די ערגסטע וואס ער האט נאך געטון איז געווען אויפצושטעלן א סעמינאר פאר רבנים. יעדער וואס האט געוואלט באקומען "סמיכה" האט זיך געדארפט גיין לערנען אין סעמינאר. אז א קהילה האט געזוכט א רב האט מען זיך געוואנדן צום סעמינאר. ליידער אזוי האט ער אויפגעצויגן א דור מיט "רע-בנים" וואס האבן מכשול געווען אידן מיט'ן ערגסטן רחמנא לצלן.

## ערליכע רבנים אין יענע תקופה

אין די זעלבע צייט זענען געקומען פון צד הקדושה, תורה ריזן-ערליכע אידן, בעלי מסירת נפש קיין אמעריקע, א שטייגער ווי הרב אברהם יוסף ווייס זצ"ל. ער איז געווען א תלמיד פון דער הייליגער רבי נתן אדלער זצ"ל, דער רבי פון הייליגן חתם סופר. אויך איז ער געווען א נאנטע חבר מיט'ן הייליגן חתם סופר זצ"ל.

הרב ווייס זצ"ל האט געקעמפט מיט אלע כוחות קעגן די רעפארמער. ער האט געהאלטן דרשות און געשריבן ארטיקלען אין א פרומע אויסגאבע "אקסידענט".

אבער די קאמף איז כמעט געווען א פארפאלענער, הרב ווייס האט דאס נישט געקענט פארטראגן און ער האט זיך אפגעזאגט פון דאס רבנות. ער האט געעפנט אן אייגן בית המדרש. אבער וויבאלד דאס האט אים נישט געווען גענוג צו מפרנס זיין משפחה, האט ער בלית ברירה געעפנט א קליין געשעפט זיך צו שפייזן.

דאס איז געווארן די געשעפט פונעם טאג און אלע קינדער זענען געקומען זען ווי דער רב איז דערנידערט געווארן און געט זיך אפ מיט קונים..הרב ווייס איז קראנק געווארן פון די מצב אין אמעריקע און האט ליידער נישט מאריך ימים געווען. ער איז נפטר געווארן אין באלטימאר אין עלטער פון 60 יאר.

אויך איז געקומען קיין אמעריקע אין יענע צייט הרב ישכר דוב אלאווי וואס האט געלערנט אין פרעשבורג אין ישיבת חתם סופר. ער איז געווען אין עטליכע קהילות און צום סוף איז ער פארבליבן אין סינסענעטי, אהייאו. ווען ער איז אנגעקומען, איז דארט געווען א קנאפער מנין וואס האט געגעסן כשר'ס און עס איז געווען בלויז איין סוכה אין שטאט. א יאר שפעטער האט כמעט יעדער געהאט א כשר'ע קאך און עס זענען געווען פערציג סוכות שטאלץ און שטארק אויף די גאסן.

ער האט זיך אסאך אפגעגעבן מיט כשרות און ברית מילה, עגונות און אלע אנדערע אנגעלעגנהייטן פון אידישקייט.

ער האט פארפליכטעט די שוחטים מיט א תקיעות כף נישט צו שחט'ן פרייטאג אזוי זאלן זיי נישט האבן די נסיון צו פארקויפן די פלייש אום שבת.

עס איז פארבליבן א לענגערע שמועס וואס ער האט געהאט מיט גדולים פון

**ליידער ווייסן מיר אז די גזירות החינוך וואס העננגט איבער אידישע קינדער אין אמעריקע איז אויך אונטערגעהעצט געווארן דורך אידן וואס האבן נעבעך פארלאזט די שיינע תורה וועג. דער אייבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אלע אידן**

# דער רב הכולל



הרב אב-רהם יוסף ווייס זצ"ל בילד 1



הרב ישכר דוב אלאווי זצ"ל בילד 2

אייראפע איבער א געוויסע סארט מוסקאווי דאקס (קאטשקעס) אויב עס האט א מסורה אדער נישט. עס איז געדרוקט די תשובות פון הגאון רבי נתן אדלער זצ"ל און הגאון רבי שמשון רפאל הירש זצ"ל.

איינמאל ווען הרב אלאווי איז געווארן איינגעלאדנט אלץ א גאסט רעדנער צו א דינער האט ער אויסגעפינען אז די אנפירערס גרייטן ספעציעל נישט צו וואסער פאר נטילת ידים. (מען האט פראבירט נעבעך אונטערצורייסן יסודות...) דעריבער איז הרב אלאווי ארויס מיט'ן שארפסטן און גע'אסר'ט אז מען זאל קומען צו דעם צוזאמקום. עס האט געארבעט, די אנפירערס האבן זיך דערשראקן און זיך צושטעלט וואסער פאר נטילת ידים.

אבער זיינע אויפטוהונגען האבן ליידער נישט לאנג אנגעהאלטן. פון גרויס עגמת נפש איז ער קראנק געווארן און זיך אפגעזאגט פון רבנות. ער איז נפטר געווארן ג' תמוז תרל"א.

...

ליידער האבן די רעפארמער געהאט די אויבערהאנט. פון כמעט הונדערט שולן אין יענע תקופה זענען איבערגעבליבן נאר צען שולן וואס האבן געהאט די כח צו שטארק קעגן די גייסט פון רעפארם.

עס זענען געווען ערליכע עלטערן וואס האבן געזוכט אפצוהיטן זייערע קינדער, אבער זייערע קינדער זענען ליידער געפאלן א קרבן צו די מיסיאנערן, וואס האבן אויך אין יענע צייט געלאקערט אויף די ארימע אימיגראנטן. זיי האבן זיך פארשלייערט אלץ אידן און אפגעקויפט די הערצער פון די ארימע עלטערן דורך זיי געבן עסן, קליידער און מתנות.

דאן האבן זיי אריינגענומען די קינדער צו זייער "חדר" ווי זיי האב געלערנט אין די שפראך לשון קודש, אבער אנשטאט אידישקייט האבן זיי ליידער געלערנט מיט די קינדער קריסטנטום. זיי האבן נעבעך שפעטער געגומען די אלע קינדער און זיי גע'שמד'ט רחמנא לצלן.

דאס האט אויפגעשטורעמט די אידישע געמיינדע און מען האט באשלאסן אז מען "מוז" גרינדן א חדר. אין יענע צייט איז ארויפגעקומען א רייע פון חדרים, אבער עס האט נישט לאנג אנגעהאלטן צוליב פאליטיק און געלט, וואס דאס האט גורם געווען אז זיי האבן זיך שנעל פארמאכט. די קינדער זענען ווידער געגאנגען אין פובליק סקול.

אזוי איז נעבעך חרוב געווארן די חינוך און דאס אידישקייט פון אמעריקע. פון 100,000 אידן אין ניו יארק איז בלויז צען פראצענט געווען פרום.

## בית המדרש הגדול

אין די תר"ח יארן (1850) איז געקומען א פרישע שטראם פון פליטים, דאסמאל פון רוסלאנד און פוילן. זיי האבן געגרינדעט א שול פון שומרי תורה ומצוות און עס האט אנגעהויבן שטארק צו בליען. פיל גרויסע און ערליכע אידן זענען געקומען אין יענע צייט און מען האט אנגעהויבן האפן אז אידישקייט וועט שוין האבן א קיום אין אמעריקע. ליידער האט זיך אבער דער שטן פארלייגט און עס האט אויסגעבראכן א מחלוקת צווישן דעם רב און די ערליכע אידן צווישן זיי. די מחלוקת זענען געווען לשם שמים. זיי האבן געהאט חילוקי דעות איבער געוויסע ענינים להלכה, אבער ליידער איז דאס גענוג געווען צו צוברעכן די אינווייניגסטע כח פון דער איינציגע שטארקע ערליכע קהילה. די קהילה האט זיך צעטיילט.

צוביסלעך האבן זיי זיך ווייטער צוזאמגעקליבן מיט זייער הרב אברהם יוסף אש זצ"ל, אבער עס איז שוין נישט געווען די זעלבע. עס איז געווען א געמיש פון חסידים און ליטווישע און די געמיטער זענען נישט געווען אזוי רואיג. די חסידים האבן געוואלט איינפירן "תיקון" נאכ'ן דאווענען, אבער די ליטווישע האבן געוואלט האלטן דאס ארט נאר פאר תפילה אזוויו אין ליטא. זיי האבן נישט געוואלט עס זאל ווערן א "חסיד'ישע שטיבל". אויך האבן זיי זיך נישט געקענט פאראייניגן איבער נוסחאות אין די הייליגע טעג און איבער א בעל תפילה. די ליטווישע האבן געוואלט אויפנעמען א בארימטע חזן, ווי די מאדע אין יענע תקופה,

פאר גרויס געלט, אבער די חסיד'ישע אידן האבן געוואלט א ווארימע און ערליכע בעל תפילה.

א טראגי-קאמישע מעשה וואס איז פארבליבן אין די ארכיוון:

איין יום כיפור האט מען געדינגען דעם בארימטן חזן ר' ישראל ווארשויער. עס איז געווען זייער הייס אין בית המדרש, דעריבער האבן אפאר חסידים געעפנט די פענסטער. אבער איינער פון ליטווישע מתנגדים זענען בייז געווארן, זאגנדיג אז דער חזן קען זיך חלילה פארקילן און ער האט פארקנאקט די פענסטער. אזוי האט מען א גאנץ יום כיפור געעפנט און פארהאקט די פענסטער, בשעת די געמיטער ווערן הייסער ווי די לופט אין שול. (דאס דערמאנט ווען דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אז מען קען זיך נעבעך גט'ן צוליב א לאקשן קוגל...)

נאך די היציגע ימים נוראים האבן זיך די מתפללים צעקריגט און די חסידים האבן ארויסשפאצירט מיט'ן רב. זיי האבן געגרינדעט אן אייגן שטיבל, ווי זיי האבן געפראוועט טישן און מלוה דמלכה'ס. אבער דאס האט אויך נאר אנגעהאלטן אפאר חדשים. שפעטער האט מען זיך איבערגעבעטן און אויף פסח זענען זיי שוין געווען צוריק אין גרויסן שול. אבער די אחדות איז שוין נישט דארט געווען און עס איז נישט געווען א פאראייניגטע פראנט קעגן די שרעקליכע נסיונות פון גאס, און ליידער האט די מחלוקת געברענגט אז ביז אפאר יאר איז די "בית המדרש הגדול" אויך אריבער צו רעפארם. אין יאר תרמ"ו האט שוין בית המדרש הגדול געהאנגען א מודעה אז זיי זוכן א חזן וואס איז "מטיב נגן על פי חוקי הנגינה" און ער זאל "אויך" זיין א ירא שמים און אנגעזעענע מאן."

ליידער האט די מחלוקת געזיגט און אויך די פרומע, ערליכע שול איז אריבער צו די רעפארם. הרב אש איז שוין דאן נישט געווען רב דארט און די ערליכע מתפללים זענען געווארן ווייניגער און ווייניגער.

## נאך א פלוס פון אידן אין אמעריקע

דערנאך איז געקומען נאך א פרישע פלייץ פון אידן וואס האבן אימיגרירט קיין אמעריקע. דאסמאל זענען געקומען הונדערטער טויזענטער אידן, צוליב די שווערע גזירות וואס די רעגירונג האט ארויסגעגעבן אויף אידן אין רוסלאנד און אין אנדערע לענדער. אויך איז געווען שרעקליכע פראגראמען אויף אידישע קינדער. אין איין געוויסע פאל האבן די גוים אין 36 שעה אונטערגעצינדן טויזענט אידישע הייזער. דאס אלעס האט געברענגט דערצו אז אין יענע צייטן האבן אידן ארויסגעוואנדערט אין די צענדליגער און הונדערטער טויזענטער.

עס ווערט געשאצט אז איבער צוויי מיליאן אידן זענען געקומען קיין אמעריקע אין יענע דרייסיג יאר. אזוי ארום איז ניו יארק פול געווארן מיט אידן.

די נייע געקומענע אידן זענען צעשטופט געווארן אין עטליכע גאסן אויף די לאוער איסט סייד פון מאנהעטען, ווי זיי האבן געוואוינט אין געדיכטע בנינים, גערופן "טענעמענט הייזער". דאס געדרענג איז געווארן געדיכטער און געדיכטער מיט יעדע שיף וואס האט געאנקערט קיין אמעריקע





די טענעמענט געגענט.

קינדער שפילן אין הויף

# דער רב הכולל

**עס איז געווען א איד, א רייכער מאן וואס האט פארעפנטלעכט א מודעה אין די צייטונג פון רוסלאנד אין פוילן, וואו ער מעלדט אזוי: "די אידן פון פוילן און רוסלאנד זאלן זיך נישט רעכענען אז זיי וועלן אין אמעריקע געפונען ארבעט, ווייל עס געפונען זיך יעצט אין אמעריקע איבער א מיליאן מענטשן וועלכע זענען ארבעטסלאז. קומט נישט קיין אמעריקע!"**

די פרישע אימיגראנטן זענען געווען ארים און דערשלאגן. זיי האבן אלע געזוכט ארבעט. אבער די איבערפלוס פון מענטשן און די פאקט אז זיי האבן נאכנישט געקענט די ענגלישע שפראך, האט געפירט דערצו אז מען האט באצאלט די מינימים וואס שייך און די בעלי בתים האבן זיך געפירט צו זיי ווי די פריצים פון אמאל. זיי האבן זיך אויפגעפירט צו זייערע ארבעטער ווי קנעכט און שקלאפן. אידן פלעגן יעדן אינדערפרי קלאפן און זיך בעטן פאר ארבעט, ווייל זיי האבן דאך געדארפט שפייזן די משפחות, זיי האבן דאן געארבעט 15 שעה אונטער שרעקליכע אומשטענדן און מיט שווערע בזיונות און דערנידערונגען, הייס און אן עסן, און צום סוף האבן זיי אהיימגעברענגט קוים צום לעבן. א דורכשניטליכע געהאלט איז געווען צווישן צען און פופצן סענט א שעה! עס זענען געווען געוויסע וואס האבן ארויסגעוואנדערט צו ניו דזשערסי און באסטאן און אנדערע פלעצער, ווי עס איז געווען מער "לופט", די מצב איז געווען עטוואס בעסער, אבער רוב זענען געבליבן צעדרוקט אין ניו יארק. דארט האבן זיי זיך געשפירט היימיש און זיך געטראפן מיט מענטשן פון "די אלטע היים", וואס זיי האבן גערופן, "לאנדסלייט".

עס איז געווען א איד, א רייכער מאן וואס האט פארעפנטליכטעט א מודעה אין די צייטונג פון רוסלאנד אין פוילן, וואו ער מעלדט אזוי: "די אידן פון פוילן און רוסלאנד זאלן זיך נישט רעכענען אז זיי וועלן אין אמעריקע געפונען ארבעט, ווייל עס געפונען זיך יעצט אין אמעריקע איבער א מיליאן מענטשן וועלכע זענען ארבעטסלאז. אויך באצאלט מען ממש די מינימים. און די וואס טראכטן אז זיי וועלן זיין א מעקלער, זאלט איר וויסן אז דאס איז נישט ריכטיג, ווייל צו יעדע קאסטומער איז דא זיבן פעדלערס וואס לויפן אים נאך, און בכלל קוקן די אמעריקאנע אראפ פעדלערס. קומט נישט קיין אמעריקע!"

ליידער איז דאס געווען די מציאות. טייערע אידן, לומדי תורה וואס האבן געמיינט אז זיי קומען צום לאנד, "וואו עס וואלגערט זיך געלט אין גאסן" האבן באוויינט זייער ביטערן גורל אז זיי האבן געדארפט איבערלאזן די באליבטע תורה און פארשווארצט ווערן פאר א שטיקל ברויט. דאס איז געווען א פאטש אין פנים פאר טויזענטער וואס האבן געמיינט אז זיי קומען קיין אמעריקע צו יוצא זיין דעם "בקש יעקב לישב בשלוה".

אסאך אידן זענען געקומען אליינס אן די משפחה, כדי צו מאכן צוערשט געלט און שפעטער האבן זיי אהיימגעשיקט בילעטן פאר די ווייב און קינדער. זיי זענען פארוואגלט געווארן פאר יארן צו עבודת הפרך, גייסטיש, פיזיש און אינצווישן האט עס אויך געקאסט א רוחניות'דיגע פרייז. עס איז זייער ווייטאגליך געווען צו זען אז נאך אפאר יאר, האט זיך פאראייניגט א פרומע אידישע פרוי פון דער אלטער היים, מיט איר מאדארענזירטע מאן פון אמעריקע.

צווישן די ערליכע אידן, זענען געווען אזעלכע העלדן וואס נאכ'ן איינזען די מצב היהודות האבן זיי זיך געפאקט פעק און געפארן די לאנגע וועג אויף צוריק, צו זייער אלטע לעבנס שטייגער. (אזויווי דער טאטע פון ר' יעקב יוסף הערמאן זצ"ל- באקאנט אלץ "דער חפץ חיים ד'אמעריקא")

אבער ליידער, רוב אידן, האבן זיך שנעל איינגעלידערט און געווארן א חלק פון די אמעריקאנע באפעלקערונג. זיי האבן זיך צוגעלערנט ענגליש און אוועקגעווארפן די "פארצייטישע" לבוש און אנגעהויבן אויסזען ווי די אמעריקאנע יוגנט. מיט די יארן זענען געווען די וואס זענען אינגאנצן פארפאלן געווארן, אבער אויך איז געווען א שטראל אין די פינסטער, אז אסאך ערליכע אידן האבן געהאלטן אין איין קומען וואס האט אביסל אויפגעלעבט די מצב היהודת.

עס איז געווען א צייט אביסל שפעטער, וואס די מצב איז געווארן עטוואס בעסער. אזויפיל אידן האבן אימיגרירט און עס האט אנגעהויבן שאפן א שטיקל פראנט פון ערליכע אידן וואס האבן זיך פראבירט האלטן פרום.

אינטערעסאנט איז אנצומערקן אז עס ווערט דערציילט אין א באשרייבונג פון הרה"ק רבי ישראל מטשארטקוב זי"ע, אז ער האט געהייסן איינער פון זיינע חסידים זאלן זיך אוועקציען פון אייראפע און פארן קיין אמעריקע. ווען דער חסיד איז אנגעקומען קיין אמעריקע האט ער דערזען די רוחניות'דיגע חורבן, איז ער צוריקגעפארן צו זיין רבי און אים דערציילט אז ער האט מורא געהאט פאר זיינע דורות. האט אים זיין רבי געזאגט, "וואס זאל איך טאן? איך זע שווארצע וואלקענעס קומען אין אייראפע!"

האט דער חסיד געזאגט אז אין אמעריקע איז אבער דא א גרויסע רוחניות'דיגע סכנה. דער רבי האט זיך אבער געהאלטן ביי דעם אז ער זאל גיין און אים געזאגט, "גיי." און אים געגעבן א הבטחה אז זיינע דורות וועלן

בלייבן ערליך. וכך הוה. ביז היינט זענען נאך דא פון דעם איד ערליכע היימישע דורות.

יעדער דארף פרעגן און פאלגן און מען דערלייגט קיינמאל נישט דערפון. אין אדם שומע לי ומפסיד.

סיי דאס אידישקייט האט אביסל אויפגעלעבט און סיי די דחקות איז עטוואס גרינגער געווארן. אבער דאס האט נישט אנגעהאלטן צו לאנג.

אידישקייט האט אביסל אויפגעבליעט. די גאסן פון איסט סייד איז באשפרינקלט געווארן מיט א געמיש פון אידיש פון יעדע הברה. אידן האבן געהאנדלט און געוואנדלט, און מיט די אידישע חכמה איז ביז א קורצע צייט 25% פון די ביזנעס אין ניו יארק געפירט געווארן דורך אידן.

עס זענען געווען אידן וואס האבן עס געמאכט און זענען רייך געווארן אין אמעריקע. די פרייז איז אבער געווען זייער א טייערע.

## אידישקייט אין אמעריקע

אזוויוי עס זענען געקומען טויזענטער, טויזענטער אידן פון איבעראל, איז געווען נאטירליך אז אלע אידן פון א געוויסע געגנט האבן זיך געשאפן אן אייגן שול. דארט האבן זיי זיך געשפירט באקוועם מיט זייערע מנהגים, אויסשפראך און פירונגען.

אזוי האבן זיך געפארעמט הונדערטער שולן איבער ניו יארק. א גרויס חלק אידן וואס זענען אהערגעקומען זענען שוין ליידער געווען פארדארבן אין די אלטע היים, און זיי זענען געקומען מיט די ציל אראפצואווארפן די עול התורה.

אבער ליידער אפילו די וואס זענען יא געקומען און געוואלט זיין ערליך, זענען מיט די צייט אפגעקילט געווארן. ליידער איז די לופט, די גייסט פון אמעריקע געווען אזוי הפקר און אזוי לויז. דאס וואס די גזירות האבן נישט מצליח געווען צו טון צו צוברעכן דעם איד, האבן ליידער די פרייע ווינטן געטון אן א שאס. היסטאריקער זאגן ליידער אז די וואסערן ארום עליס איילענד זענען פול געווען מיט טויזענטער פאר תפילין וואס אידן האבן פריוויליג אריינגעווארפן אנקומענדיג קיין אמעריקע. עס איז א "נייע וועלט", האבן זיי ליידער געזאגט.

עס זענען געווען פרומע אידן וואס האבן מצליח געווען "זיך" צו האלטן פרום, אבער ליידער האט קיינער נישט מצליח געווען צו האלטן די אידנטום ערליך. אידישקייט איז אפגעשוואכט געווארן אויף טריט און שריט

שמירת שבת און כשרות איז געווען פון די גרעסטע נסיונות. די פאבריקן זענען געווען אפן אום שבת. זונטאג איז לויט די געזעץ פארבאטן געווארן צו ארבעטן, ממילא דער וואס האט נישט געארבעט שבת האט פארלוירן צוויי טעג ארבעט.

נאר די איינצלנע אידן וואס האבן געהאט די מזל צו קענען ארבעטן ביי פרומע אידן האבן געקענט עומד בנסיון זיין. אלע אנדערע האבן געהאט צוויי ברירות. 1) ארבעטן 2) ווערן געווארפן, וואס דאס האט געמיינט הונגערן נאך א שטיקל ברויט.

אויך איז נישט געווען צוגעשטעלט קיין כלליות'דיגע כשר'ע שחיטה, א כשר'ע מקוה, תלמוד תורה און אלע אנדערע זאכן וואס א ערליכע אידישע קהילה פארמאגט. ווער עס האט געוואלט בלייבן פרום האט זיך געדארפט אליינס "דראפען און דערהאלטן."

פיל אידן וואס זיי האבן זיך מוסר נפש געווען פאר שבת, סוכה, מצות וכו', האבן ליידער נישט זוכה געווען אז זייערע קינדער זאלן נאכגיין אין זייערע וועגן און זייערע קינדער האבן זיך צוביסלעך אפגעקילט און פארשוועמט געווארן אינעם אמעריקאנעם שמעלץ טאפ.

די קינדער האבן נישט געקענט פארטראגן די דרוק פון שכנים און פריינט און זענען געפאלן א קרבן. נישט אומזיסט דארף א מענטש אזוי געווארנט זיין אין א סביבה. השפעות הסביבה איז פון די שטערקסטע נסיונות.

די פרישע אימיגראנטן זענען געטשעפעט געווארן פון די "אלט



# דער רב הכולל

געזעסענע" אז מען קען זיין א "וואוילער איד" אויך אן שמירת שבת ח"ו, און אן מחנך זיין די קינדער.

אויב א איד האט זיך אינטערעסירט אין א מקוה, אדער נאכגעפרעגט אויף א שוחט אויב ער איז א ירא שמים, האט מען אים געלאכט אין פנים, "דא אין ניו יארק רעדסטו דערפון? עס איז נייע צייטן!" און א דורכשניטליכער מענטש, וואס וויל זיך נישט שפירן אויסגעשלאסן און פאנאטיש און האט נישט א ערליכע רב און שיחות חברים, האט זיך שנעל געבויגן און אנגענומען די נייע מציאות אלץ א פאקט. אויב האט מען אינדערהיים זיך געשעמט צו טון אן עבירה, האט מען זיך אין אמעריקע געשעמט צו היטן א מצוה. ליידער.

ביז א קורצע צייט האבן די אידן פארלוירן זייער אידישע חן און זיך צוגעשטעלט צו די אמעריקאנע גאס און אנטיילגענומען אין ביזנעס און פאליטיק, ספארטס און נייעס.

אין די זעלבע צייט איז די השכלה נישט געשלאפן. די קערנדלעך וואס זיי האבן געזייט יארן צוריק האט נאך אלץ געשפראצט. די "רע-בנים" האבן אנגעזייעט א חורבן.

עס זענען געווען ליידיג-גייערס וואס האבן באשלאסן צו אימיגרירן און זיך אנטון א ציידענע בעקיטשע מיט א זילבערנע שטעקן און זיך פאררופן אלץ א "רב פונדערהיים". דאס איז געווען הבל הבלים. אינדערהיים זענען זיי געווען פשוט'ע ליידיג-גייערס און דא האבן זיי זיך פארשטעלט מיט'ן איצטלא דרבנן. טראץ דעם וואס זיי האבן נישט געהאט קיין סמיכה האבן זיי גע'פסק'נט לאיסור און להיתר. טייל פון זיי האבן אפילו געפעלשט בריוון פון גרויסע רבנים מיט סמיכות.

עס איז געווען פארפירערס "ווי בלעטער פונעם בוים". אזויווי דער בעל שם הקדוש האט שוין געוויינט יארן פריער.

די אידן האבן שוין נישט געוואוסט וועמען צו גלייבן און וועמען נישט. (דאס דערמאנט אונז די טיפקייט פונעם לימוד וואס דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אונז כסדר: וואס גערט דיר דיין רבי? קוק וואס דו האסט אין די האנט...) די הפקרות איז געווען שרעקליך.

אויך איז געווען אסאך שאלות בענין גיטין פון מענער וואס האבן איבערגעלאזט די ווייבער, און אנטלאפן קיין אמעריקע, און אויך פארקערט. זיי זענען אנטלאפן אן איבערלאזן שפירן. ליידער אין אמעריקע אין יענע טעג האט מען פאר אפאר דאללער געקענט באקומען אלעס. כשרות, גיטין, שחיטה, הכשרים, סמיכה.

א ביטער געלעכטער איז געווען א ווערטל וואס האט זיך געדרייט אין גאס אז אן אמעריקאנע אידל איז געקומען צום פרעזידענט פון זיין שול מיט'ן פארלאנג אז ער וויל ווערן א כהן. ווען דער ראביי האט אים מסביר געווען אז דאס איז נישט שייך, האט ער אריינגערוקט א צוואנציגער פאר'ן רב און עס "מסדר געווען."

## מען זוכט א רב בישראל צו ראטעווען אידישקייט אין אמעריקע

די פרומע אידן פון ניו יארק זענען געווען פארצווייפלט און פארלוירן. זיי האבן געזען די חורבן פאר די אויגן און די הענט איז זיי געווען געבינדן. זיי האבן נישט געהאט די כח, די מאכט עס אפצושטעלן.

מען האט געדארפט צאמנעמען אלע פרומע אידן און שאפן א פאראייניגטע כח מיט א רב העכער זיי, כדי אפצוראטעווען אידישקייט. דאס איז געווען א שווערע זאך, ווייל די אידן אין ניו יארק האבן זיך דאן געציילט אין ריזיגע נומערן און יעדער איז געווען פארבינדן מיט זיין אייגענע קהילה און שול, ווי פריער דערמאנט.

אזויווי בית המדרש הגדול איז געווען א גרויסע אנגעזעענע שול און זייער פרעזידענט איז געווען א ירא שמים, האבן זיך די ערליכע אידן געווענדט צו זיי אז זיי זאלן העלפן שאפן א ערליכע רב פון אייראפע וואס זאל קומען אפראטעווען אידישקייט.

דא זענען די שלוחים געפארן צו בעלזער רב (ווי דערציילט אין אנהייב) און אויף זיין עצה האבן זיי זיך דאן געווענדט צו ווילנא, וואס מען האט דאן



בית המדרש הגדול

גערופן "ירושלים ד'ליטא".

...

פילע אסיפות זענען פארגעקומען מיט איבער דרייסיג קהילות און מען האט דעבאטירט ווער עס וועט זיין א פאסיגע קאנדידאט פאר "רב הכולל".

אין אמת'ן זענען געווען רבנים דא אין ניו יארק וואס וואלטן געקענט נעמען די אמט פון רב הכולל, אזוי ווי צום ביישפיל דעם אויבערדערמאנטן הרב אברהם יוסף אש ז"ל, וואס חוץ פון זיין א גרויסע תלמיד חכם וירא שמים האט ער געהאט א שטארקע איינפלוס אויף די אמעריקאנע אידן, אבער צוליב אינערליכע פאליטיק און מחלוקת, האבן זיי זיך נישט געקענט פאראייניגן און מען האט אים נישט אויפגענומען.

מיר זעען בחוש ווי דער שטן פארלייגט זיך אויף יעדע ערליכע קהילה אז עס זאל זיין מחלוקת. ביי די רעפארם, להבדיל, האבן זיי נישט געהאט קיין פראבלעם צו לעבן בשלום. דאס איז וואס מוהרא"ש זי"ע האט אזויפיל געבעטן פון אונז, אז מיר זאלן זיך ליב האבן וועלן מיר צוקומען צו די גרעסטע זאכן. א ווייטאג ווען מען זעט ווי קהילות בישראל צופאלן צוליב נארישע מחלוקת און זינלאזע פאליטיק.

אזוי אויך איז געווען א שטארקע קאנדידאט אן ערליכע רב, וואס האט אסאך אויפגעטון אין אמעריקא, א שטייגער ווי האנט מצות און איז אויך ארויס שטארק קעגן רעפארם. זיין נאמען איז געווען ר' יודל מיטעלמאן ז"ל. אבער אויך ער איז אראפ פון טיש צוליב ענליכע סיבות. אויך איז געווען די פראבלעם אז די מתנגדים האבן נישט געוואלט א "חסידישע רבי" און אזוי האט מען זיך גע'טענה'ט און געאמפערט זוכענדיג א פאסיגע קאנדיטאט.

אסאך נעמען זענען ארויף אויפ'ן טיש און די דעלעגאציע האט געשיקט איינלאדונגען פאר מערערע רבנים, וואס האבן דאס אפגעזאגט.







די שמועס פון נעמען א רב הכולל איז צום ערשט געווען הייס, אבער דערנאך איז עס פארשלאפן געווארן פאר פילע יארן. עס האט זיך פריש אויפגעוועקט מיט די פטירה פון הרב אברהם יוסף אש זצ"ל. ליידער ווייסט מען נישט צו זאגן פון די קינדער און אייניקלעך פון הרב אש, אזוי ווי עס זענען ליידער נישט איבערגעבליבן דורות אויף נישט פון די אנדערע רבנים. די כח המושך פון די אמעריקאנע שמעלץ טאפ, און חינוך הבנים והבנות איז געווען צו שטארק.

יעדע קהילה האט זיך אונטערגענומען צו באצאלן א חלק פון געהאלט פון דעם רב הכולל און אזוי וועלן זיי אלע זיין אונטערגעווארפן אונטער'ן נייעם רב.

## מען זוכט א רב הכולל

צווישן די קאנדיטאטן זענען געווען: הרה"ג רבי מאיר לייביש מלבי"ם זצ"ל, הרב רבי יצחק אלחנן ספעקטער זצ"ל (ערשטע בילד), קאוונער רב זצ"ל, הרה"ג רבי הלל ליפשיץ זצ"ל, הרב רבי חיים בערלין זצ"ל (צווייטער בילד), ר' צבי הירש, א זון פון קאוונער רב זצ"ל, הגאון רבי אליהו מייזל לאזשער זצ"ל, הרב הגאון ר' יעקב ליפשיץ זצ"ל, הגאון רבי יוסף דוב סאלאווייטשיק זצ"ל (דריטע בילד), בריסקער רב זצ"ל, און פארשטייט זיך הרב רבי יעקב יוסף יאזעף זצ"ל, דער ענדגילטיגער רב הכולל

אן א שיעור בריוו איז דא צווישן די אלע תורה ריזן, ווי זיי דרוקן אויס זייער מיינונג וועמען צו נעמען און זאגן זיך אפ פון דעם אמט. אלע האבן מחזק געווען אז מען זאל נעמען ר' יעקב ליפשיץ, אבער צוליב אומבאוואוסטע סיבות האבן די אגודת אמעריקא נישט איינגעשטימט דערויף.

ערב סוכות תרמ"ח האט די אגודת הקהילה באשלאסן אויפצונעמען רבי יעקב יוסף יאזעף פון ווילנא, אלץ רב הכולל. זייט דער ווילנער גאון איז נסתלק געווארן איז קיינמאל נישט אויפגענומען געווארן אין ווילנא א נייער "רב". אבער רבי יעקב יוסף זצ"ל איז געווען די אומעמטליכע רב אין ווילנא, א גאון עצום, א הערליכע בעל דרשן און א נאבעלע בעל מדות. ער האט געצויגן טויזענטער צו זיך.

תיכף נאך סוכות איז געקומען א בריוו פון הגאון ר' יעקב יוסף אז ער נעמט אן די פארשלאג.

ווי נאר די נייעס איז ארויס איז געווארן

# דער רב הכולל

**האט דער חסיד געזאגט אז אין אמעריקע איז אבער דא א גרויסע רוחניות'דיגע סכנה. דער רבי האט זיך אבער געהאלטן ביי דעם אז ער זאל גיין און אים געזאגט, "גיי." און אים געגעבן א הבטחה אז זיינע דורות וועלן בלייבן ערליך. וכך הוה. ביז היינט זענען נאך דא פון דעם איד ערליכע היימישע דורות.**

א גרויסע שמחה ביי די אידן אין ניו יארק. די בשורה טובה איז געווען די געשפרעך ביי אלע ערליכע אידן, און מען האט זיך אנגעהויבן רישן אויף דעם גרויסן קבלת פנים. זיין געהאלט איז געווען באשטימט פאר $2,500 דאלער א יאר, און יעדע קהילה האט גענומען א טייל דערין.

אויך דא איז דער שטן נישט געשלאפן און עס האט זיך געשאפן מחלוקת צווישן די קהילות, געוויסע האבן געוואלט מען זאל אויפנעמען דעם מיטעוווער רב. מען האט געווארפן צעטלעך מיט שקרים קעגן דעם גרויסן צדיק. אויך זענען מענטשן געפארן קיין ווילנא אפצורעדן דעם רב הכולל פון אננעמען די אמט. דער שטן האט געארבעט אויף קעסל און כלים אז דאס זאל נישט צושטאנד קומען.

...

שבת קודש פרשת קרח האט הרב רבי יעקב יוסף געהאלטן די לעצטע דרשה אין די גרויסע שול אין ווילנא. ער האט מעורר געווען אויף שמירת התורה והמצוות און אויף שלום צווישן די קהילה. ער האט זיי געוואונטשן ברכות און זיך זייער ווארם געזעגנט.

...

הרב ר' יעקב יוסף זצ"ל איז געווען א תלמיד פון הגאון רבי ישראל סאלאנטער זצ"ל, ער איז געווען א ריזן תלמיד חכם. ר' יעקב יוסף האט געהאט א געבענטשטע שפראך און איז געווען פון די גרעסטע בעלי דרשנים אין זיין צייט. אויך איז ער געווען א געוואלדיגער איש חסד און זיין גאנצע פארמעגן איז פארטיילט געווארן פאר צדקה. ער האט געהאט א גרויסן כח אויפצופלאמען די הערצער צום אייבערשטן. דריי מאל אין יאר האט ער געהאלטן א עמטליכע דרשה וואס טויזנטער האבן זיך באטייליגט דערין. דאס איז געווען א' סליחות, ערב ראש השנה - זכור ברית, און שלש עשרה מדות.

און אט האט ער אפגערייזט קיין אמעריקע אנצונעמען א פאסטן וואס איז ביז דאן נישט געווען, "רב הכולל ד'ניו יארק."

...

די שיף האט געדארפט אנקערן שבת פרשת פנחס. צו דעם צוועק זענען הונדערטער אידן שוין ארויסגעפארן אויף שבת צום פארט. מען האט ארויסגעדינגען א גרויסן האטעל פאר דעם צוועק. די אידן זענען זייער מרוגש געווען צו ברענגען א גדול בישראל אויף די אמעריקאנע באדן. עס זענען געקומען פארשטייער פון 32 קהילות בישראל. פארשטייט זיך אז ער האט נישט געוואלט אראפגיין פונעם שיף אין שבת, גלייך מוצאי שבת האט מען אים מיט גרויס כבוד און פאראדע אראפגעפירט פון שיף. ווען ער איז אראפגעקומען איז שוין נישט געווען שייך צו פארן קיין איסט סייד, איז ער יענע נאכט איינגעשטאנען אין מייער'ס האטעל.

דער פרעזידענט פון בית המדרש הגדול האט באקומען דעם כבוד עמטליך אויפצונעמען דעם רב הכולל און ער האט אים מכבד געווען מיט א טאץ פון ברויט און זאלץ, ווי עס איז געווען די מנהג אויפצונעמען א חשוב'ע מענטש.

ער האט געמאכט די ברכה "שחלק מחכמתו ליראיו" און אויך "שהחיינו" אויף וואס טויזנטער אידן האבן מיט א קול געשטיקט פון התרגשות געענטפערט א קליגענדיגע "אמן".

מי כעמך ישראל, אפילו אין אזא מדבר שממה זענען אידן געווען אויסגעהונגערט, לא רעב ללחם ולא צמא למים, כי אם לשמוע דברי ה'.



עס איז געווען שפעט ביינאכט ווען מען איז אנגעקומען אין די איסט סייד, אבער די שטאט האט געווירבלט. די באגייסטערונג איז געווען אומבאשרייבליך. א ריזן ציבור איז געווען פארזאמלט פארנט פון זיין הויז און ווען מען האט דערזען זיין הייליגע צורה האבן זיי אויסגעשריגן מיט געוויין, "יחי אדוננו מורינו ורבינו".

דער ראש ישיבה שליט"א זינגט אסאך דעם תנועה'לע, "אידן זענען פיין, אידן זענען ריין..." קוקט נאר ווי טייער זענען אידישע קינדער, אז מען עפנט זיי א פתח של מחט, שטופן זיי זיך אריין כפתחו של אולם.

אלע צייטונגען פון יענע צייט האבן באשריבן דעם היסטארישן קבלת פנים וואס די אידישע מאסן האט אפגעגעבן פאר'ן נייעם רב.

אפילו די רעפארמער זענען נישט געבליבן גלייכגילטיג, אלע האבן געשפירט אז עס קומט נייע צייטן פאר אידן אין אמעריקע. הגם, זיי האבן דאס נישט אראפגעשלינגען און האבן שוין אונטערערדיש פארארבעט מעשים צו זען דעם רב הכולל אראפ פון זיין אמט, האבן זיי לפנים דעמאלטס זיך געמוזט האלטן שטיל.

דעם פאלגענדן שבת נחמו האט דער רב געהאלטן זיין ערשטע עמטליכע גרויסע דרשה אין בית המדרש הגדול. מענטשן האבן געשטראמט אין די מאסן. א געשאצטע דריי טויזנט מענטשן האבן זיך דארט פארזאמלט. עס איז געקומען צו א מצב סכנה און מען האט געמוזט אריינמישן די פאליציי צו מאכן ארדענונג. די גאסן ארום די שול זענען געווען פול מיט אידן וואס האבן געגארט און פראבירט זיך אריינצוכאפן הערן א ווארט פונעם נייעם רב הכולל. מען האט אריינגעברענגט פאליציי צו האלטן די ציבור אינדרויסן, ווייל עס איז שוין נישט געווען קיין פלאץ. עס האט אויסגעבראכן געשלעגן צווישן די אויסגעהונגערטע מאסן און די פאליציי.

די דרשה האט זייער אויסגענומען ביים אמעריקאנעם ציבור. דער רב הכולל האט גערעדט פאר 45 מינוט און דער ציבור איז געווען זייער צופרידן, אפילו די רעפארם האבן אים נישט געקענט אפפרעגן. זיין דרשה איז געווארן איבערגעזעצט אויף ענגליש און אריינגעשטעלט געווארן אין אלע גרויסע צייטונגען.

...

## חינוך הבנים והבנות

די ערשטע זאך וואס דער רב הכולל האט זיך אריינגעלייגט איז געווען "חינוך הבנים והבנות". זעענדיג די שרעקליכע מצב, האט דער רב הכולל געזאגט אז די וויכטיגסטע איז די חינוך.

אינטערעסאנט איז צוצולייגן אז דער ראש ישיבה אין א שמועס האט געזאגט אז די סיבה פארוואס עס איז צוגרינד געגאנגען אידישקייט בימים ההם אין אמעריקע איז געווען טאקע צוליב דעם וואס מען האט נישט מחנך געווען די יוגנט. דער רב הכולל האט צוגעזען די מצב פון וויסטע עמי הארצות און הפקרות ביים יוגנט און ער האט באשלאסן אז מען מוז אריינלייגן אידישקייט אין די יונגע קינדערלעך.

אין יענע צייט איז געווען א תלמוד תורה מיט'ן נאמען "עץ חיים". זייער ניווא אין אידישקייט איז געווען זייער נידריג. דער רב הכולל האט גענומען די עקזעסטירנדע תלמוד תורה (אנשטאט אנהייבן פון פריש) און פראבירט צו פארבעסערן און ארויפברענגען די ניווא העכער. ער האט מצליח געווען און זיך אפגעגעבן מיט די תלמוד תורה פאר א תקופה. אבער אינצווישן זענען ארויפגעקומען נאך גאר וויכטיגע נושאים ווי כשרות און גיטין, וואס דאס האט אים בארויבט זיין צייט און כח און עס איז אים נישט איבערגעבליבן די יכולות זיך אפצוגעבן מיט'ן תלמוד תורה.

נאך די פטירה פון רבי יצחק אלחנן ספעקטור זצ"ל, האט מען געטוישט די נאמען פון דעם תלמוד תורה צו "ישיבת רבינו יצחק אלחנן". דורכדעם איז געגרינדעט געווארן די ערשטע ישיבה, אדער מתיבתא, אין אמעריקע. די ערשטע ראשי ישיבות זענען געווען ערליכע ראשי ישיבות, אבער מיט די יארן איז די פירערשאפט אריבער צו בעלי בתים און מען האט אנגעהויבן אריינברענגען קאלעדזש פראגראמען אין די ישיבה, אינאיינעם מיט ענגלישע לימודי חול. דאן זענען די חסידישע רבנים ארויסגעטראטן מיטן שארפסטן דערקעגן. די ישיבה האט זיך געטוישט און איז מער נישט געווען די פאנטרעגער פון תורה. דאס אלעס איז געטון געווארן קעגן די רצון פון דעם רב הכולל, וואס איז שוין אין יענע יארן געווען נישט געזונט. דאס איז א מורא'דיגע מוסר השכל אז צוליב איין שריט פון איין "חכם" וואס האט פארשטאנען בעסער אז מען קען אריינברענגען "אביסל" לימודי חול, האט זיך א מקום פון תורה דערקייקלט אזוי ווייט אז היינט איז עס פארוואנדלט געווארן צו א קאלעדזש און א יונעווירסיטי.

**"וואו זענען אייערע קינדער?" האט זיך דער רב הכולל געוואונדערט. "זיי דארפן גיין ארבעטן שבת." האבן זיי טרויעריג געענטפערט. די מיואש'דיגע בליק פון די אומגליקליכע עלטערן האט דעם ערליכן רב אזוי שטארק בארירט און ער האט פארארבעט מעשים צו פארבעסערן די מצב פון שמירת שבת.**

# דער רב הכולל



דירה פון רב הכולל אין איסט סייד

דאס לערנט אונז לעובדא למעשה נישט צו זיין קלוגער ווי צדיקים. ווי קלוג א מענטש פאררופט זיך, ואפילו כלנו חכמים, זענען מיר נישט קלוגער פון די צדיקים וואס ווערן אנגערופן "עיני העדה", וואס האבן א ווייטערע און הייליגערע בליק.

...

## נאך פעולות פון דעם רב הכולל

דער רב הכולל האט אויפגעשטעלט אן אייגן בית דין מיט'ן נאמען "בית דין הגדול". ער האט אויסגעקליבן ערליכע דיינים און זיך אפגעגעבן מיט אלע ענינים וואס איז נוגע פאר א ערליכע בית דין, ווי גיטין וקידושין, דין תורה'ס, קבלות פאר שוחטים, באקוקן חלפים וכו'.

אויך האט דער רב הכולל געזארגט פאר יונגע בני תורה וואס זענען פארוואגלט געווארן אין אמעריקע. ער האט זיי אריינגענומען און געלערנט מיט זיי, ביז ער האט זיי געגעבן סמיכה און גע'שתדל'ט אז זיי זאלן באקומען גוטע פאסטנס און זיך ערנערן בדרך כבוד. עס איז פארהאן אין די ארכיוון צעטלעך ווי מען זעט אז דער רב הכולל האט אויסגעטיילט "מיליאנען" (שווער צו שאצן וואס דאס מיינט אין היינטיגע געלטער) פאר צדקה, צו העלפן אידן זיך שטעלן אויף די פיס.

דער רב הכולל איז געווען א אויסגעוועונליך בקי אין הלכות גיטין. אלע שווערע און קאמפליצירטע שאלות פון איבער די וועלט זענען אנגעקומען צו אים.

אויך האט ער מייסד געווען א "בית החולים" פאר אימיגראנטן וואס האבן זיך נישט געקענט ערלויבן צו צאלן א דאקטער. צען אידישע דאקטורים האבן פרייוויליג זיך איינגעטיילט ארום די וואך און זענען געקומען פריי פון אפצאל און געשריבן רעצעפטן פאר די ארימע און פארפלאגטע.

אויך האט ער מייסד געווען א גמ"ח אז מען זאל קענען בארגן אן ריבית, צו פארגרינגערן פאר די פריש געקומענע זיך צו קענען שטעלן אויף די פיס.

די ערשטע תקופה איז אריבער זייער שיין, און עס האט אויסגעזען ווי עס וועט ווערן פארשריבן אלץ א גלארייכע תקופה אין אמעריקאנע אידנטום. אבער די אמעריקאנע ערד איז געווען גאר טיף און הארט און ווען מען האט אנגעהויבן אקערן דערויף האט מען זיך ליידער אנגעשטויסן אין גרויסע שווערע שטיינער.

דער רב הכולל האט אנגעהויבן זיך נעמען צו די פירצות הדור. צום ערשט האט ער אויך שטארק לוחם געווען קעגן די געמישטע שמחות וואס פלעגט פארקומען אין יענע צייט. צו באקעמפן די פירצה האט געקאסט נישט ווייניג כח און בלוט. ער האט אבער געהאט א קליין צאל פשרות'לאזע אידן וואס זענען אים געשטאנען צו די האנט און ביי זייערע שמחות איז מען נישט געזעצן געמישט.

איינס פון די שווערסטע נסיונות איז געווען שמירת שבת. אויב אן ארבעטער איז נישט אריינגעקומען אום שבת האט ער פארלוירן זיין פרנסה. דאס האט געמיינט זוכן יעדע וואך א נייע ארבעט, אבער ווי לאנג קען א פשוט'ער איד וואס דארף ברענגען שפייז פאר א משפחה מיט קינדער, אן חיזוק פון א רבי און פון אן ערליכע סביבה זיך דערהאלטן?

די בעלי בתים זענען נעבעך געווען מחללי שבת להכעיס, און האבן ניטאמאל ערלויבט פאר די ארבעטער צו ארבעטן מער אין די אנדערע טעג אנשטאט שבת.

דער רב הכולל האט פארארבעט מעשים צו באקעמפן חילול שבת. דער הייליגער רבי זי"ע פון סאטמאר פלעגט נאכדערציילן אז ווען דער רב הכולל איז אנגעקומען קיין אמעריקע איז ער שבת אינדערפרי אריין אין בית המדרש און זיך געוואונדערט צו זען א ציבור אידן לערנען און זענען מעביר סדרה, אבער ער האט נאר געזען מיטליעריגע מענטשן. ער האט נישט געטראפן די יונגווארג.

"וואו זענען אייערע קינדער?" האט זיך דער רב הכולל געוואונדערט.

"זיי דארפן גיין ארבעטן." האבן זיי טרויעריג געענטפערט.

די מיואש'דיגע בליק פון די אומגליקליכע עלטערן האט דעם ערליכן רב אזוי שטארק בארירט און ער האט פארארבעט מעשים צו פארבעסערן די מצב פון שמירת שבת.

דער רב הכולל האט אויפגעשטעלט אן אגודה וואס וועט זארגן פאר ערליכע אידן וואס ווילן נישט ארבעטן אום שבת און זיי העלפן אז זיי זאלן האבן ארבעט. זיי האבן זיך גערופן, "אגודת שומרי שבת". עס איז געווען א גרויסע מיליאנער מיט'ן נאמען דוד פיזא און ער האט געשטיצט די אגודה אז זיי זאלן קענען אנגיין.

זייער ארבעט איז געווען צוויי פאכיג. צום ערשט האבן זיי גערעדט מיט בעלי בתים און זיי געגעבן צו פארשטיין די הארבקייט פון חילול שבת, און גע'פועל'ט כאטש אזויפיל אז זיי זאלן לאזן די ארבעטער זיין פריי אום שבת.

די אגודה האט אנגעטראגן פאר די בעלי בתים זיי צו פארשאפן גוטע און פארלעסליכע ארבעטער. אויך האבן זיי גערופן צו אלע ערליכע מענטשן, זאלן זיך ווענדן צו זיי אויב זיי זוכן ארבעט און נישט דארפן מחלל שבת זיין.

דער רוף האט אויפגעוועקט דאס פינטל אין אסאך אידן און די פארלאנג פאר ארבעט אן חילול שבת איז געשטיגן. מיט די כח פון אחדות האבן זיי פיל פארבעסערט די מצב פון שמירת שבת, און מער און מער בעלי בתים האבן זיך אנגעהויבן צוצושטעלן צו די געבאטן פון די תורה איבער די חוקי המדינה.

די אגודה האט אנגעהאלטן לאנגע יארן און אביסל גרינגער געמאכט די שרעקליכע נסיון פון חילול שבת.

...

## דער רב הכולל מיט די בוטשערס

דאן האט דער רב הכולל זיך אריינגעלייגט אין די נושא פון כשרות. אין יענע יארן האט געהערשט א שרעקליכע הפקרות אין דעם געביט. יעדער יונג וואס האט באשלאסן אז ער וויל עפענען א פלייש געשעפט האט אזוי געטון. ער האט געדינגען "זיין" אייגענעם שוחט, וואס ער האט באצאלט און דער שוחט האט מער ווייניגער געטון זיינע פארלאנגען. די בוטשער (פלייש געשעפט) האט געהאט א הכשר פון איינעם פון די "רע בנים" וואס האט פאר אפאר דאללער געשריבן "כשר בשר" און אונטערגעשריבן זיין נאמען. די בוטשערס האבן געדינגען די שוחטים און האבן זיך על פי רוב נישט אויפגעפירט שיין צו זיי. מען האט זיי ווייניג באצאלט און זיי האבן געארבעט אונטער שווערע אומשטענדן. אויך זענען זיי געווען געווארנט נישט צו טריפה מאכן א בהמה. דאס מיינט אז זיי האבן ליידער נישט געקוקט און נישט געזען... אפטמאל פלעגן די שוחטים פלעגן מאכן א יד אחת מיט די בוטשערס און דאן איז אוודאי געווען גרויסע חורבנות.




אין אנהייב איז די שחיטה נאך יא געווען טעוואס אונטער א קהילה און אויב האט מען געטראפן אז א שוחט פירט זיך נישט מיט יראת שמים האט מען אים אנטזאגט. אבער עס האט זיך געמאכט א פאל ווען די רב פון שארית ישראל האט אפגעזאגט א שוחט צוליב דעם וואס ער האט נישט געשחטן כהלכה. יענער איז געגאנגען און געעפנט אן אייגענע בוטשער און אליינס גע'שחט'ן. אויך האב ער זיך צוזאמגענומען מיט נאך בוטשערס און אינאיינעם האבן זיי פארקויפט אייגענע פלייש. ווען די קהילה האט זיי גע'אסר'ט, האבן זיי אנגעקלאגט אין געריכט, מיט'ן טענה אז מען האט אים אפגעזאגט נישט ווייל ער פירט זיך נישט לויט די פארשריפטן פון די קהילה (תורה) נאר פאר פערזענליכע אינטערעסן. ליידער האט ער געוואונען. די געריכט האט גע'פסק'נט אז רעליגיע קען נישט שטיין אין וועג פון ביזנעס און זיי קענען נישט אסר'ן פלייש פון א צווייטן.

די נאכפאלגן זענען געווען טראגיש. יעדער פורק עול האט יעצט געקענט עפענען אן אייגן שחיטה און די ערליכע אידן האבן על פי חוק נישט געקענט לוחם זיין. און אזוי איז צוגעקומען צו א מצב פון הפקרות בעניני שחיטה. צווישן די היימישע און פרומע, האט מען יא געהאלטן אין איין מעורר זיין איבער שאלות און איסורים, אבער די ברייטע ציבור פון אידנטום האט געגעסן ווי עס איז געשטאנען "כשר בשר". נאך מער האט צוגעלייגט דאס, אז די רעפארם אידן זענען געקומען און אוועקגענומען די תקנה אז כשר פלייש דארף א זיגל,

# דער רב הכולל

אזוי אז מען האט נישט געהאט קיין שום סימן אויב א שטיקל פלייש איז כשר אדער נישט. אידן אן יראת שמים האבן געעפנט בוטשער סטארס אן קיין שום השגחה. אין געוויסע בוטשער סטארס האט מען אפיציעל פארקויפט חזיר פלייש, און אין איין ווינקל איז געווען "כשר" פלייש.

עס זענען געווען שוחטים באלד מער ווי הינדלער. יעדער עם הארץ האט געעפנט א געשעפט און געטון וואס ער האט געוואלט. איין אזא שוחט האט חתונה געהאט מיט א צווייטע פרוי אן א גט. ווען מען האט אים אנגעפרעגט דערויף האט ער געזאגט אז ער האט איר געגעבן א "דיווארס (גט) סערטיפיקיט (אנערקענונג) אין אנוועזנהייט פון צווי לויערס אין געריכט. ווען מען האט אים פארגעהאלטן, האט ער געזאגט עס שטייט דאך, "דינא דמלכותא דינא..." ער האט גע'טענה'ט אז ער האט נישט געהאט די געלט פאר רבנים, און אין געריכט איז עס פריי פון אפצאל.

איין שוחט האט מודה געווען אז ער איז א שוחט אין פינף שטעט און עס איז שוין יארן וואס זיין ווייב היט נישט די הלכות פון א אידישע שטוב. נאך א שוחט וואס האט נישט געהאט קיין הרגשה, האט געהאט א גוטע גערדאנק. ער האט געשטעלט זיין ווייב אז זי זאל שטעלן דעם חלף. דערצו האבן זיי זיך געשאפט רע-בנים וואס פאר אפאר דאלער האבן זיי געגעבן א שיין צעטל מיט שיינע שבחים לויבנדיג זיין יראת שמים און כשרות. אזוי האבן זיי נעבעך מכשיל געווען אידן מיט די הארבסטע.

די מצב פון שחיטה איז געווען אזוי געפערליך אז עס זענען געווען פרייע אידן און אפילו גוים וואס האבן פארקויפט "כשר" פלייש פאר אידן און קיינער האט זיי נישט נאכגעקוקט אדער געשטערט. זיי האבן מכשיל געווען אידן מיט נבילות און טריפות רחמנא לצלן.

זעענדיג די מצב, האט דער רב הכולל געמאלדן פאר די ערליכע קהילות אז פון היינט אן וועט נאר זיין א געוויסע צאל בוטשערס ווי ער וועט געבן די השגחה און נאר דארט זאל מען קויפן.

מיט פיל סבלנות, דעת און חכמה האט דער רב הכולל אנגעהויבן שטעלן א סדר פון די משגיחים, וואס זענען רעגלמעסיג געקומען באזוכן אין די שלאכט הייזער. אויך האט ער פארהערט די שוחטים. א גרויסער טייל האבן זיך אנטזאגט פון די אמט ווייל זיי האבן נישט געקענט שטעלן א כשר'ן חלף. דער רב הכולל האט געשטעלט ערליכע פרישע שוחטים. דער רב הכולל האט אריינגעשטעלט בערך פערציג שוחטים. דאס האט אסאך געלינדערט די שרעקליכע הפקרות וואס איז פארגעגאנגען.

אויך האט דער רב הכולל געגרינדעט אן "אגודת השוחטים" וואס האט געגעבן די מוט, שטארקייט און שטיצע פאר די ערליכע שוחטים, און אזוי האט די תורה צוביסלעך באקומען אן אויבערהאנט איבער די קצבים. די אגודה איז געווען א שטארקע תועלת און אסאך אויפגעטון אין עניני כשרות.

די שטארקע פעולות האט אבער ארויסגעברענגט בייז בלוט און קעגנערשאפט פון די בוטשערס (קצבים), די בעלי בתים פון די שלאכט הייזער און זיי זענען ארויס אין א פאראייניגטע מלחמה און אין א שארפן קאמף קעגן דעם נייעם רב. די שרעקליכע מלחמה האט אנגעהאלטן עטליכע יאר און האט צושטורעמט די גאנצע פרומע געמיינדע. זיי זענען בכלל נישט געווען צופרידן פון דעם אז ביז היינט האבן זיי געהאט א פרייע האנט איבער די שלאכט הייזער און אצינד דארפן זיי זיך רעכענען מיט א תורה אויטאריטעט. צו די בוטשערס האבן זיך צוגעשטעלט צענדליגער שוחטים וואס זענען אפגעזאגט געווארן פון די שחיטה (צוליב זייער עמי הארצות) און אויך אסאך רע-בנים וואס האבן פאר אפאר דאלער געגעבן א השגחה. זיי האבן דאך אויך פארלוירן ביזנעס.

אינטערעסאנט איז צוצולייגן אז אין יענע צייטן איז בשר עוף געווען א מאכל נאר פאר די רייכע. פשוט'ע מענטשן האבן געגעסן בשר בהמה. בשר בהמה איז אין יענע יארן געווען מער ווי בשר עוף.

נאך א זאך וואס דער רב הכולל האט געהאט איינגעפירט איז געווען "פלאמבעס".

דאס איז א שטיקל פלאסטיק וואס איז געווארן ארויפגעלייגט אויף די פיסלעך פון יעדע גע'שחט'נע הינדל צו מאכן זיכער אז דאס איז נישט געווארן אריינגעשמוגלט און איז טאקע גע'שחטן'ן געווארן לויט די דין. (היינט איז דאס איבעראל איינגעפירט.)

אזיווי די פלאמבע האט געקאסט פאר די קהילה, איז די פרייז ארויף מיט א פעני פאר א הינדל (א גאנצע עוף).

אבער אזוויי עס האט געקאסט מיט א פעני מער, (וואס אין אמת'ן האט עס געקאסט פאר די קהילה פינף סענט מער אבער דער רב הכולל האט נישט געלאזט ארויפגיין מיט די פרייז פאר כשר פלייש) האט זיך געשאפן שרעקליכע התנגדות אין גאס צו דעם. היתכן, דער רב וויל רייך ווערן (ח"ו) אויף זייער חשבון?

צו דעם איז צוגעקומען מענטשן וואס האבן געקוקט מיט א קרום אויג אויפ'ן רב הכולל פון ווען ער איז אנגעקומען און האבן נישט פארגינען דעם ערליכן רב. זיי האבן אויפגעהעצט די מחלוקת און דאס אריינגעברענגט אין די אידישע פרעסע. מער האט נישט אויסגעפעלט. די רעפארם און די פרייע האבן זיך געריבן די הענט. זיי ווארטן שוין לאנג אויף א געלעגענהייט אונטערצורייסן דעם צדיק און אט איז זייער געלעגנהייט. מען האט זיך בעיקר גענומען אויף די איין סענט העכערונג אין די פרייז פון די עוף און דאס אנגערופן מיט די שארפסטע לשונות, כאילו דער רב הכולל וויל דא רייך ווערן אויף די חשבון פון דעם ארימען ציבור. ווי שוין פריער אויסגעשמועסט, איז דאס געווען א פרעכע ליגנט, ווייל די פלאמבע האט געקאסט פאר די קהילה פינף סענט, דאס מיינט אז די קהילה האט דערלייגט פיר סענט אויף יעדע עוף.

דער הויפט פון די מערכה איז געווען א יונג מיטן נאמען געציל זעלקאוויטש. דער געציל, איז געקומען פון א שטעטל נעבן ווילנא. אלץ קינד איז ער געווען א גרויסער עילוי און מען האט פאראויס געזאגט גרויסע זאכן אויף אים. אבער ליידער איז ער פארשלעפט געווארן אין די לופט פון השכלה און ער איז געגאנגען שטודירן אין א

אוניווערסיטעט וואו ער איז אינגאנצן קאליע געווארן. ער האט געניצט זיינע מורא'דיגע כוחות און כשרונות לרע. אין אמעריקע איז ער געווען די הויפט רעדאקטער פון א צייטונג מיט'ן נאמען "דער פאלקס אדוואקאט" און דארטן האט ער געשריבן אסאך פריקות עול אנגעפולט מיט הוללות און ליצנות. ער האט גענומען אויף זיך מיט זיין גיפטיגע פענע, אפצושפעטן און אפ'חוזק'ן פון דעם נייעם רב און העצן אויף זיין נייעם סיסטעם פון כשרות.

ער האט צוגעטשעפעט די מיינונג ביים ציבור אז דער רב הכולל איז ממש פון די רוסישע וואס באצווינגען די אידן מיט שווערע "שטייערן" און ער וויל חלילה אונטערדרוקן די אידן פון אמעריקע אויף די שטייגער פון די רוסן.

טאג טעגליך האט ער מיט זיינע קאלעגעס אפגעדרוקט צעטלעך אין אידיש, לשון קודש און ענגליש און געניצט זייער געשליפן פעדער צו העצן קעגן דעם צדיק

דער רבי זי"ע פון סאטמאר האט נאכגעזאגט בשם הרה"ק רבי שמחה בער הלברשטאם זצ"ל, וועלכע איז געווען א פייערדיגע לוחם קעגן ציונות. ער פלעגט זאגן, "וואו עס איז דא א רשע, אין וועלכן עק וועלט ער געפינט זיך, האט ער מיר פיינט. און אויב עס גייט אריבער א טאג און די רשעים שרייבן נישט און רעדן נישט קעגן מיר, דאן בין איך מהרר בתשובה, אפשר האב איך נישט גענוג מוחה געווען קעגן די פושעים."

אזוי איז געווען ביים רב הכולל (און אזוי איז נאך ביז היינט אויף יעדע צדיק וואס וויל אויפטון פאר אידישקייט און וויל אפראטעווען אידישקייט. וד"ל.) דער רב הכולל איז אבער ווייטער אנגעגאנגען מיט זיין עבודת הקודש, טראץ די אלע מחלוקת.

...

די בוטשערס האבן געגרינדעט אן ארגאנאזאציע מיט'ן ציל אונטערצורייסן דעם רב הכולל. זיי זענען ארויסגעקומען מיט אן עפנטליכע אויפטריט קעגן דעם רב, ווי עס האבן זיך באטייליגט די אזוי גערופענע רבנים, אינאיינעם מיט א גרויסע צאל מחוצפים און הפקר יונגען.

זיי האבן גערעדט כל דבר אסור אויפ'ן צדיק אז ער גייט חלילה קעגן די הלכה און מער און מער. זיי האבן אפילו ארויסגעשטעלט א בעל דרשן וואס איז (אמאל) געווען א ערנסטע תלמיד חכם און געניצט די תורה אלץ א האק צו חרוב מאכן. זיי האבן אויסגערופן מיט עזות אז "אלע" רבנים זענען קעגן דעם נייעם רב, וואס איז אוודאי געווען שקר.

זיי האבן געוואלט טענה'ן אז ווייל די פרייז פון כשר פלייש איז ארויף, האבן מער מענטשן אנגעהויבן עסן טריפה. אלעס צוליב די שרעקליכע עוולה פון די פלאמבע. דאס איז אלעס פארשטייט זיך געווען שקר.

זיי, די פארזאמלטע, האבן באשטעטיגט, אז פון היינט און ווייטער איז דער רב הכולל מער נישט רב און ער באקומט נישט קיין געהאלט. זיי האבן אויך געמאכט אן אייגן באשלוס אז מען קען מער נישט אויפנעמען שוחטים נאר אויב דריי רבנים פון "זייער" נייע ארגאנאזאציע זענען מסכים דערצו. די נייע ארגאנאזאציע האט זיך גערופן "היברו פאלטרי בוטשערס."

אזוי זענען געווען מערערע מיטינגס וואו מען האט אונטערגעריסן דעם רב הכולל. איינער פון זייערע טענות וואס זיי האבן געשריגן איז געווען, "פארוואס האט דער רב הכולל זיך גענומען צו כשרות ווען עס איז דא אזויפיל וויכטיגערע צוועקן פאר'ן אידישן כלל, ווי צום ביישפיל "א אידישע שפיטאל..."

זיי האבן דאן ליידער ארויסגעגעבן א "קול קורא" קעגן דעם רב הכולל, און דערקלערט אז זיי האבן שוחטים וואס האבן קבלות פון גאוני רוסלאנד און פוילן און ערליכע רבנים וואס שטייען אונטער די כשרות וואס איז אויפ'ן העכסטן סטאנדארט. אויך האבן מיר איינגעזען אז פון די "פלאמבעס" קומען ארויס אסאך מכשולות, דעריבער זאל יעדע ירא שמים נאר קויפן ביי די געשעפטן וואס מיר געבן אן הסכמה."

אונטער די צעטל איז געווען אונטערגעשריבן 31 בוטשערס וואס זענען געווען אנגעשלאסן דערין.

די מחלוקת האבן געברענגט שווערע צעמישעניש ביים ציבור און שווערע נאכפאלגן. דער רב הכולל האט נישט צוריקגע'טענה'ט. ער האט פראבירט אנצואווענדן אלע אופנים אז עס זאל ווערן שלום צווישן זיי.

דער רב הכולל איז אבער יא ארויס מיט א ווי געשריי צו די ציבור ערליכע אידן וואס זענען געשטאנען אין די זייט און נישט געהאלפן. ער האט פארלאנגט אז אלע דארפן טון זייער פליכט און כל ישראל ערבים זה לזה.

אזוי ווי די נישט ערליכע האבן אפגעמאלן א בילד פון דעם צדיק כאילו ער וויל רייך ווערן אויף זייער חשבון איז שוין אלעס געגאנגען מיט דעם בליק. ווען דער רב הכולל האט פארענטפליכטעט א קול קורא אז מען זאל קויפן מצות און וויין נאר מיט זיין השגחה (צוליב די שווערע כשרות שאלות פון די אנדערע קאמפעניס), האבן עס די ברייטע אומוויסנדע ציבור אנגעקוקט ווי נאך א "געלט פראבע" חלילה.

אזוי האט זיך נעבעך פארשטארקט דעם קאמף קעגן דעם רב, דעם צדיק. די העצעס אין די צייטונגען זענען געווארן מער און מער. זיי האבן נישט געוואלט זיין אונטערגעווארפן אונטער א דעת תורה און דעריבער האבן זיי געטראפן ראיות און סברות פארוואס מען דארף אים פארשיקן פון זיין פאסטן.

עס זענען אפילו געווען געוויסע ערליכע וואס די כבוד און קנאה האט זיי פארבלענדט. זיי האבן געהאלטן אז זיי זענען גרעסערע לומדים ווי דעם רב און זיי האבן זיך אויך צוגעשטעלט צו די מערכה. עס זענען געווען פיל קליינע רבנים וואס האבן פארלוירן זייער פאסטן ווען מען האט אויפגענומען דעם רב הכולל ווייל די קליינע קהילות האבן זיך אונטערגעווארפן אונטער'ן רב און מען האט נישט געדארפט קיין קליינע רבנים. די רבנים האבן אויך שטילערהייט געשטיצט די אפזאג פון דעם צדיק צוליב אייגענע נגיעות.

# דער רב הכולל

...

די לופט איז ליידער געווארן פול מיט שנאה און מחלוקת קעגן דעם גרויסן רב, בעיקר איז דאס געקומען פון די נידריגע צייטונג שרייבער, וואס האבן מיט זייער פענע פארכאפט דעם אמעריקאנעם באפעלקערונג און מען האט אפגעקויפט זייערע רייד. אלע צייטונגען פון יענע תקופה (וואס זענען געווען אנגעפירט דורך די לינקע רעפארם) האבן געפרעדיגט קעגן דעם נייעם רב מיט ליצנות און שפאט.

די רעפארם האט שוין לאנג געקוקט קרום אויף די כבוד וואס מען האט צוגעטיילט פארן רב הכולל ביז יעצט, און אצינד האבן זיי געשפיגן בלוט מיט גיפט אויפ'ן צדיק. זיי האבן געציטערט אז אונטער'ן רב הכולל וועלן די פרומע זיך הייבן די קעפ און באקומען א ווארט אין די רעגירונג. דעריבער האבן זיי אים אונטערגעריסן אויף א שרעקליכע פארנעם.

אין די זעלבע צייט האבן פיל אידן אנגעהויבן זיך אוועקציען פון די איסט סייד צו שענערע געגנטער אביסל ווייטער. דאס האט נאכמער אפגעשוואכט דעם כח פונעם רב הכולל ווען פיל פון זיינע שטיצער האבן מער נישט געוואוינט נעבן אים.

## דער רב הכולל'ס כח ווערט צובראכן

דער כלל פון לשון הרע איז אז עס ווערט ליידער אנגענומען. נאך אזויפיל העצע, איז דער כבוד פון דעם רב הכולל געבראכן געווארן, און פילע קהילות האבן זיך ארויסגעצויגן פון אגודות הקהילות. זיי האבן נישט געקענט נעמען די דרוק פון זייערע מעמבערס. דאס האט געמיינט אז זיי האבן מער נישט באצאלט דעם צוגעזאגטן געהאלט. און מיר ווייסן אז אם אין קמח אין תורה. דער רב הכולל מיט זיין קהילה האבן מער נישט געהאט געלט מיט וואס אומצוגיין אין זייער מלחמה בה'. דערצו זענען זיי געווען אין גרויסע חובות, ווייל דער רב הכולל האט אלעמאל געהאט אן אפענע



ספר

לבית יעקב

„כה האמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל". (שמות י"ט ג')

דרשות על סדר פרשיות השנה.

חוברת א.

בראשית. נח. לך. וירא.

ונלוה לבסוף

חדושי הלכות

אשר העליתי מדרשותי אשר דרשתי בקהל ועדה.

יעקב בלא"א מו"ה דובער ז"ל יאסעף

מ"ם דמתא ומ"ץ דפק"ק ווילנא. יצ"ו

ווילנא

בדפוס ר' יהודה ליב נ"י, במו"ה אליעזר ליפמאן מ"ץ ז"ל.

שנת תרמ"ח לפ"ק

הועתק והוכנס לאינטרנט

האנט און געהאלפן יעדן איד. צו דעם איז צוגעקומען דעם בראך אז דער פינאנציעלער שטיצער און אונטערלאנער פון די אגודה איז פריצייטיג און פלוצלינג נפטר געווארן. דאס איז געווען א שטארקע קלאפ פאר'ן רב הכולל. פיל פון די רבנים וואס זענען אים געשטאנען צו די האנט, האבן מער נישט געקענט דערהייבן די דרוק פון גאס, און דער רב הכולל האט זיך געטראפן ממש אליינס אין א מלחמה וואס האט אים פארשוועמט.

אויב דאס איז נישט געווען גענוג, זענען די יונגווארג ארויסגעקומען מיט א ספעציעלע מלחמה צו דערצערענען דעם רב הכולל. זיי האבן נעבעך ארגאנאזירט עפנטליכע חילול שבת מיט געדינגענע וועגענער, וואו יונגלעך און מיידלעך זענען געפארן אין די גאסן מיט ציגארעטלער, ספעציעל נעבן דעם בית המדרש פון דעם רב הכולל, דוקא אים צו מצער זיין רח"ל. די מכה בפטיש איז געווען ווען זיי האבן מסדר געווען א "יום כיפור באל" וואו זיי האבן געמאכט א פארטי אין די הייליגסטע נאכט יום כיפור און מחלל געווען שם שמים ברבים. רח"ל.

די כח פון רב הכולל איז פארשעמט און אונטערגעריסן געווארן. די כח פון ליצנות האט ליידער געזיגט. דאס איז וואס דער ראש ישיבה שליט"א זאגט כסדר נאך פון דעם בעל שם הקדוש זי"ע, אז די וועלט איז פול מיט ליכטיגקייט אבער די יד קטנה פארשטעקט אלעס. די יד פון ליצנות אויף ערליכע אידן, וואס גייט נאך ליידער אן ביז היינט.

וואויל איז אונז אז מיר קריגן נישט אויף די הייליגע צדיקים וואס זענען זיך מוסר נפש צו פארשפרייטן דעם אייבערשטן אויף די וועלט.

...

טראץ דעם אלעם, איז דער רב הכולל אנגעגאנגען ווייטער און פראבירט אנצוהאלטן דעם כבוד התורה. זיין כח איז נאך אלץ געווען שטארק ביי די פרומע אידן וואס האבן זיך נאך אונטערגעווארפן אונטער דעם ערליכן רב.

אין די זעלבע צייט איז די מצב פון אגודת הקהילות געגאנגען אראפ און אראפ. זיי האבן מער נישט געהאט קיין געלט און זיי האבן זיך צוגעקוקט פון די זייט ווי די ארבעט, הארץ און נשמה פון יארן גייט ליידער לטמיון.

צו לאנג האט דער רב הכולל נישט געקענט אזוי אנגיין. פון גרויס עגמת נפש האט דער רב הכולל ליידער געליטן א סטראוק

עס ווערט דערציילט אז יענעם טאג איז ער געגאנגען אין גאס און איז אריבער א בוטשער געשעפט. אינעם פענסטער איז געלעגן א שטיקל חזיר פלייש וואס דערויף איז געווען א סטעמפל מיט די הכשר פונעם רב הכולל.

דאס איז געווען געלייגט צו טרייבן שפאס פון אים. דער רב הכולל האט דאס נישט געקענט אריבערטראגן און איז יענעם טאג ליידער אוועקגעפאלן.

פון יענעם טאג און ווייטער איז דער רב ליידער געבליבן פאראלאזירט און זיין געזונט צושטאנד איז געווארן ערגער און ערגער. די לאגע אין הויז איז געגאנגען פון שווער צו שרעקליך. פון די גרויסע כבוד און פראכט איז ליידער דערקייקלט געווארן צו

א מצב אז עס איז נישט געווען קיין ברויט אין שטוב.

ליגנדיג צוגעשמידט צום בעט האט ער געהאט מער צייט צו שפירן דעם צער פון וויאזוי ער איז אראפגעווארפן געווארן פון שפיץ בארג, אראפ צום אפגרונד און דאס האט אים פארשאפט שרעקליכע צער.

אבער די נישט ערליכע, אנשטאט צו תשובה טון און זען וואס זייערע נידריגע מעשים האבן צוגעברענגט, זענען נישט פארטיג געווארן, און אצינד ווייטער געהעצט די מאסן אז היות דער רב איז נישט אקטיוו זאל מען אים מער נישט צאלן קיין דירה געלט. עס איז נישט יושר, האבן זיי געשריגן מיט עזות, אז מען זאל באצאלן טייער רענט פאר'ן רב, בשעת ער זיצט אין שטוב און טוט גארנישט! ליידער ליידער.

די מעמבערס האבן אויפגעהערט צאלן געלט פאר'ן קהל, און דעריבער האט קהל נישט געהאט געלט צו באצאלן פאר די מעבל פונעם רב (וואס ווייזט אויס איז אין יענע יארן געווען געדינגען). אזוי אז איין טאג איז מען נעבעך געקומען אפנעמען די מעבל פון דעם ארימען, ערליכן רב פון שטוב. זיין שטוב איז געבליבן ליידיג. נאר נאכדעם וואס דער קראנקער רב איז ערשינען אין געריכט, האט אים דער געריכט באגנאדיגט און אים צוריקגעגעבן די מעבל.

או לנו מיום הדין, או לנו מיום התוכחה... די געמיינע אויפפירונג האט נאכמער צובראכן דעם טייערן און הייליגן רב, און ער האט שוין מער נישט געקענט ענטפערן שאלות און פסק'ענען הלכות פון זיין קראנקן בעט.

אין א באשרייבונג, באשרייבט א צייטונג שרייבער אז ווען ער איז געקומען קיין אמעריקע איז שוין דער רב הכולל געווען שוואך און קראנק. ער פלעגט זעלטן קומען אין שול, צוליב זיין פאראלאזירטקייט. דער שרייבער דערציילט ווי ער פלעגט גיין באזוכן דעם רב הכולל אין זיין ארימע, פארלאזטע דירה אויף הענרי סטריט, וואו ער איז געזעצן אליינס און פארלאזט פון די אידישע געמיינדע. עס רייסט דאס הארץ צו זען די בזיון תלמיד חכם וואס איז ליידער פארגעקומען.

דער שרייבער האט אמאל געפרעגט דעם רב הכולל וואס ער געדענקט פון די מצב הרבנות אין ניו יארק. דער רב הכולל האט טרויעריג געשמייכלט און געענטפערט אן ענטפער וואס האט שטארק צושטורעמט דעם צייטונג שרייבער.

אין קורצן: **עס איז דא א כלל אז ווען עס איז דא אפאר צדדים דארף מען טרעפן איינעם אין וועמען אלע זענען איינשטימיג און אזוי ווערט שלום. אזוי איז אלע יארן געווען א רב בישראל. אלע זענען געווען איינשטימיג און ער האט זיי געפירט. אויך דא אין אמעריקע איז אזוי געווען. עס זענען געקומען אידן פון אלע לענדער און מען האט געדארפט א רב אז מען זאל זיך קענען פאראייניגן. נאר דא האבן זיי עס געניצט צום שלעכטן. זיי האבן זיך אלע צוזאמגענומען מיט זייערע קעגנזייטיגע מיינונגען און זיך מייחד געווען צו גיין קעגן דעם רב. זיי האבן גענומען א רב מיט א פאראייניגטע דעה אים צו זעצן אויבן אן אז יעדער זאל קענען זען דעם שונא מיט די אויגן..**

**איך, אלץ רב הכולל האב זיי צוזאמגעברענגט. צום ערשט האבן זיי זיך צוזאמגעזעצט מיר אויפצונעמען. נאך א יאר האבן זיי זיך צוזאמגענומען מיר נישט צו פאלגן. נאך אפאר יאר זענען זיי אלע געווען ביי איין דעה מיר צו רודפ'ן, און לעצטנס האבן זיי געמאכט א יד אחת צו פארגעסן פון מיר. קומט דאך אויס אז איך בין די צענטער פונקט וואס פארבינדט און האלט אויף די אידישע קהילה אין ניו יארק..**

אט דאס איז ליידער געווען די מצב הרבנות אין יענע תקופה.

איין איינציגע מאל האט דער רב הכולל געהאלטן א דרשה, ווען ער איז שוין נישט געווען געזונט. עס האט אויפגעשטורעמט די אידן פון ניו יארק און עס איז געווען די געשפרעך פון טאג פאר א לאנגע צייט.

דער רב האט מפרסם געווען קעגן די ראט פון די דאקטורים אז ער וועט האלטן א שבת שובה דרשה. טויזנטער זענען זיך צוזאמגעקומען הערן וואס ער וויל זאגן. עס איז שוין געווען א לאנגע תקופה וואס דער רב האט צוריקגעצויגן פון אקטיווע כלל ארבעט. מען האט אים ארויפגעפירט מיט א שטול און מיט א שוואכע שטימע האט דער רב אנגעהויבן, "דער רמב"ם זאגט אין הלכות תשובה..."

און ער האט פארגעסן וואס ער האט געוואלט זאגן... אזוי איז געשען אפאר מאל. דער רב האט אנגעהויבן אבער נישט אויסגעפירט. עס איז געווען א גרויסע בושה. אלע זענען געזעצן שטיל און געשפאנט, נישט וואוסנדיג וויאזוי זיך אומצוגיין. אבער דאן האט זיך דער הייליגער רב הכולל צושריגן מיט זיינע לעצטע כוחות, "יא, רבותי. איך האב פארגעסן וואס דער רמב"ם זאגט אין הלכות תשובה. איך, וואס איך בין געווען באקאנט אלץ א חריף און בקי אין אלע מקצועות התורה און א בעל דרשן פאר לאנגע יארן, איך האב פארגעסן וואס דער רמב"ם זאגט אין הלכות תשובה. קוקט און זעט וואס איז דער סוף פון א מענטש! אט האט איר פאר אייך א לעבעדיגן מוסטער. נעמט מיר פאר א מוסר השכל תשובה צו טון באצייטנס, ווען איר זענט נאך בכח דאס צו טאן!"

און דאן האט ער אויסגעפלאצט אין א ביטער געוויין און אלע טויזנטער אידן האבן מיטגעוויינט מיט אים. די השפעה פון זיין רעדן איז געווען מורא'דיג. עס האט נאך קיינער נישט אזוי ערוועקט אן אמעריקאנע פארזאמלונג צו תשובה אזוי ווי די פאר הארציגע ווערטער.

...

## דער רב הכולל'ס פטירה

דער געזונט צושטאנד פון דעם רב הכולל האט זיך געהאלטן אין איין פארערגערן. פון טאג צו טאג איז ער געווארן שוואכער און שוואכער. אנהייב חודש תמוז איז די מצב געווען זייער ביטער אויף אזוי ווייט אז מען איז שוין געשטאנען מיט מנין ארום זיין בעט

פיל אידן האבן זיך דאן אנגעהויבן כאפן זייער שרעקליכע זינד, אז זיי האבן

# דער רב הכולל

**איין טאג איז מען נעבעך געקומען אפנעמען די מעבל פון דעם ארימען, ערליכן רב פון שטוב. זיין שטוב איז געבליבן ליידיג. נאר נאכדעם וואס דער קראנקער רב איז ערשינען אין געריכט, האט אים דער געריכט באגנאדיגט און אים צוריקגעגעבן די מעבל.**

איבערגעצויגן דאס שטריקל און אומזיסט מצער געוועז א גדול בישראל. זיי האבן זיך משתתף געווען ארום זיין בעט און אנגעהויבן זאגן תהלים.

אין די זעלבע צייט האבן די ערליכע אידן אין אמעריקע זיך ארומגעקוקט און געזען אז מען דארף זען עפעס צו טון. עס מוז זיין א תורה אויטאריטעט אין אמעריקע. מען אנגעהויבן מאכן נייע אסיפות צו גרינדן אן אגודת לרבנים און ווי וואונדערליך איז געווען אז די דאטום וואס זיי האבן געוואלט מאכן די אסיפה איז באשטימט געווארן אויף כ"ד תמוז. דאס איז געווען די זעלבער טאג ווען דער רב הכולל האט געענדיגט זיין תפקיד אויף די וועלט. די טאג פון זיין פטירה. וזרח השמש, ובא השמש.

די רבנים זענען דאן געקומען קיין ניו יארק זיך גרייטן צו די אסיפה. איידער זיי זענען געגאנגען צו די אסיפה זענען זיי ארויף צום רב הכולל נעמען א ברכה און הסכמה. זיי האבן אים געפונען אין זייער א שווערע מצב, מיטמאכנדיג שטארקע יסורים. דאס האט זייער צובראכן די ערליכע רבנים, זעענדיג ווי דאס הייליג ליכט האלט זיך ביים פארלעשן.

דער רב הכולל האט אין זיינע לעצטע שעות אויפגענומען די רבנים און מיט א ציטערדיגע האנט זיי געגעבן א ברכה און געוואונטשן הצלחה אין זייער הייליגע ארבעט. עס איז געווען זייער רירנד צוצוזען ווי א צדיק וואס די טויט ראנגלט זיך שוין מיט אים, שעפשעט ברכות מיט זיינע לעצטע כוחות און מוטיגט זיי מיט דיבורי חיזוק אז זיי זאלן מצליח זיין צו זיין א פעסטונג קעגן די שטראם פון הפקרות.

עס איז שוין געווען שפעט נאכמיטאג ווען די רבנים האבן פארלאזט זיין שטוב מיט שווערע געמיטער. ביז געציילטע שעות איז ארויס די שמועה אז דער רב הכולל האלט אינמיטן גסיסה, זיינע לעצטע מינוטן אויף די וועלט. עס האט זיך געפונען ארום אים נאר זיינע נאנטסטע מענטשן. זיין ווייב, זיין זון ר' רפאל, זיין טאכטער חנה און זיין טאכטער נחמה. אויך א צאל אנגעזעענע מענטשן פון שטאט. מען האט געזאגט פסוקי יחוד ורחמים.

יענעם פארנאכטס האט א שרעקליכע שטורעם אויסגעבראכן אין ניו יארק. די ווינטן האבן געשמיסן 50 מייל פער שעה. דאס האט נאכגעפאלגט מיט א שלאקס רעגן מיט שרעקליכע דינערן און בליצן. די רעגן איז באצייכנט געווארן אלץ א "מבול." עס האט אויסגעקוקט ווי די גאנצע בריאה איז אויפגעשטורעמט אין יענע מינוטן ווען דער רב הכולל האט געשוועבט צווישן די וועלט און יענע וועלט.

אין א באריכט פון צייטונג איז געשטאנען, **"די גאנצע בריאה האט געטרויערט מיט אומגעוועוועגליכע דינערן און בליצן וואס האט פארטייבט ניו יארק. עס האט אויסגעזען ווי שמים וארץ קומען זיך געזעגענען פון דעם גרויסן גאון וואס מיר האבן זיך פאר אים פארזינדיגט. הימל און ערד האבן זיך אנגענומען פאר'ן צדיק וואס מיר האבן אזוי טרויעריג פארשעמט."**

11:45 כ"ד תמוז תרס"ב, איז די נר ה' אויסגעלאשן געווארן. דער רב הכולל איז ארויף צום יום שכולו טוב, ווי דער גומל טוב באצאלט אים אן אייביגע שכר.

די ביטערע בשורה האט זיך צושפרייט ווי א וואלד פייער. דעם נעקסטן אינדערפרי האט די נייעס פארנומען די הויפט בלאט אין אלע צייטונגען. זיי האבן עס אלע פארעפנטליכט.

**"רב הכולל, דער גדול פון אונזער דור נפטר געווארן נעכטן האלבע נאכט. דאס אידענטום אין אמעריקע רייסט זיך קריאה. דער גאון דער רב הכולל איז מער נישטא."**

**"צאלט כבוד צו דעם וואס האט דעם כבוד פארדינט! גיט זיין לעצטע רעכט צו דעם וואס האט זיין רעכט נישט געהאט במשך זיין לעבן, זאלן אלע חברים און שוהלן זיין פארטראטן ביי די לויה, זאל ניו יארק טרויערן נאך איר גרויסע מאן."**

אזויווי דאס ווערטל גייט, "אחרי מות... קדושים אמור..."

געוויסע צייטונגען האבן געדרוקט ספעציעל קינות לויט די ראשי תיבות פון די אותיות "יעקב יוסף".

**י'ום אפל וחשכה, צרה ותוכחה**

**ע'ל מות לגבר מורם מעם**

**ק'ינה ותהי לקינה- בכל עיר ומדינה**

**ב' מושבות ישראל באשר הם שם**

**י'דיד א-ל ואנשים חכם חרשים**

**ו'צדיק ועניו פאר בני אדמות**

**ס'ר מעלינו צלו ובעודנו בהלו**

**פ'נה מעולם הפוך אל עולם הנשמות**

אזוי אויך האבן להבדיל די גוי'שע צייטונגען באריכטעט די פטירה פון אידישן רב. די בארד אוו עדיוקעישן (משרד החינוך) האט פאראָרדענט אז אלע אמעריקאנע פענער פון אלע פעדעראלע שולעס און בנינים זאלן ווערן אראפגענידערט ביז האלב, א סימן פון טרויער. פיל מענטשן האבן דאן ארויסגעהאנגען אין זייערע געשעפטן דאס בילד פון דעם "געטליכן מאן, דער אידישער רב".

ליינט וואס א שרייבער פון די צייטונג "די אידישע וועלט" שרייבט מיט צער און ווייטאג. דאס שאפט א טיפערע בילד פון וואס האט זיך אפגעטון אין יענע תקופה:

**דער טויט וואס באפרייט פיל בעלי יסורים פון זייערע שרעקליכע ווייטאגן, האט אויך באפרייט דעם רב הכולל פון זיין לעבעדיגן חיבוט הקבר און האט צוגעמאכט זיינע האלב פארלאשענע אויגן נעכטן אום 11:45 פאר האלבע נאכט. א סוף צו שמערצן, פייניגונג, שפיכת דמים, שאנדע, און דערנידערונג. א סוף צו אלעם. ר' יענקעלע חריף איז מער נישטא. ער איז נפטר געווארן. דער מלאך המות איז אסאך פריינדליכער צו אים ווי די ניו יארקער אידישע קהילות וואס האבן אים אהערגעברענגט און זיך א נדר געטאן אים צו שטיצן. די פטירה האט ענדליך געלייזט די טרויעריגע רב הכולל פראגע אין ניו יארק, און דער קבר אויפ'ן קאלטן גוף וואס האט 62 יאר געטראגן א ווארימע אידישע נשמה..**

**דער רב הכולל איז נפטר געווארן!! וואס פאר א נייעס איז דא? ער האט שוין נישט געלעבט וויבאלד ער האט פארלאזט ווילנא, וואו ער האט געטראגן די כתר תורה אויף זיין שארפן גאונ'ישע קאפ. דער רב הכולל האט נישט געלעבט, וויבאלד ער איז געווארן א קרבן צו פארדעכטיגע רעדל פירער און שענדליכע זשורנאליסטן וועלכע האבן אים פארווארפן מיט דעם שמיץ פון זייערע פענעס. די אמעריקאנע ערב רב האבן אויסגעטיילט ציפקע צרות פאר דעם משה רבינו פון אונזער דור..**

**די עטליכע יאר וואס דער גרויסער בן תורה האט פארבראכט אין אונזער שטאט זענען געווען שרעקליכע, פיל מיט ביטערניש און קרענקעניש, וואס האבן געקענט צוברעכן א ריז, נישט נאר א מענטש וואס האט איבערגעלאזט זיינע כוחות אין בית המדרש..**

**נישט איין קאלום און נישט הונדערט, קען באשרייבן די גייסטיגע ליידן פון דעם צדיק, דעם העלד פון די אידישע תורה. גאנצע ביכער וואלט מען געקענט שרייבן דערפון. דער גרויסער מאן האט געדולדעט פיל מער ווי ער האט געקענט. זיין שטארקער גייסט האט זיך איבערגעהויבן איבער אלע אומזיסטע אטאקעס און דערנידערונגען. אבער זיין אויסגעמאטערטער קערפער האט עס נישט געקענט פארטראגן און ער איז צוזאמגעבראכן. ער איז געווארן פאראלאזירט..**

**די לעצטע טעג פון גרויסן רב איז געווען זייער פיינפול. אליין איז ער געלעגן אין זיינע לעצטע מינוטן, מיט בלויז געציילטע ארום זיך. די אלע וואס האבן אים געקרוינט אלץ "פרינץ פון די תורה" מיט געציילטע יארן צוריק, און האבן באלאגערט בית מדרש הגדול, די אלע זענען יעצט געווען ווייט פון אים..**

**היינט, נאך לאנגע, עלנדע יארן, רדיפות און שפאט, וועט דער חריף, דער בן תורה, דער ווילנער שטאטס מגיד, דער ניו יארקער רב הכולל, געפינען אמת'ע מנוחה... באלד וועט זיך אראפלאזן דער פירהאנג איבער די שוידערליכע דראמא וואס האט זיך אנגעהויבן אין ווילנא און געענדיגט אין הענרי סטריט..**

...

פלגי מים ירדו עיניו... פון די רייד, געשריבן אין יענעם טאג, זעט מען אביסל די טיפקייט פון וואס איז פארגעקומען אין יענע טעג, די ווייטאג און צער און בזיון תלמיד חכם. ליידער אז מען קוקט צוריק וואנדערט מען זיך, "וויאזוי האבן די מענטשן געקענט זיין אזוי בלינד, אזוי פארטייבט?"

אבער דאס איז די נסיון בכל דוד ודור, נישט אפשפעטן פון צדיקים. און געלויבט דעם אייבערשטן אויב א מענטש איז זוכה, קריגט ער נישט אויפ'ן צדיק בחייו. נאכ'ן טויט, איז שוין נישטא די בחירה, אבער בשעת דער צדיק לעבט און די פארבלענדעניש איז גרויס, דאן איז נאך יא דא א בחירה.

אזויווי רבי נתן האט געזאגט, "געלויבט דעם אייבערשטן מיר זענען נישט פון די וואס קריגן אויפ'ן צדיק."

א ווערטל פון א קינד פון איינער פון אנשי שלומינו.... נער הייתי, איך בין געווען א נאר, וגם זקנתי, איך בין געווארן א גרעסערע נאר, ווייל לא ראיתי צדיק נעזב, איך בין נישט געגאנגען זען (זיך באהעפטן) א פארשעמטן צדיק...!

# ניו יארק טרויערט - סוף הכבוד לבוא

כאטש דער רב הכולל איז שוין א ווילע געווען נישט געזונט, דאך האט זיין פטירה אויפגעשאקלט דעם גאנצן אידישע געמיינדע. אזוי גייט עס, ווען דער צדיק איז שוין נישטא, איז שוין די בחירה אויך נישט דא.

אצינד האבן אלע אנגעהויבן שפירן זייער שולדיג. הערנדיג די בשורה זענען טויזענטער אידן אריינגעפאלן ממש אין א פאניק. עס האט יעדן אנגעכאפט א ציטער אויף דעם וואס זיי האבן בא'עוול'ט אדער געשטאנען שטיל דערביי וואס האט אזוי מצער געווען אזא צדיק, אזא גאון, דעם אדיר של תורה. חבל על דאבדין ולא משתכחין.

פארנט פון רב'ס הויז אויף 263 הענרי סטריט האבן זיך פארזאמלט מאסן מענטשן און ביטערליך געוויינט. די צאל מענטשן זענען אזוי געשטיגן מיט יעדע שעה ביז צו די שווערע טויזענטער. אלע זענען געשטאנען מיט אראפגעלאזטע קעפ פול מיט בושה.

פילע קהילות האבן זיך אויסגעדרייט דעם רוקן צום גרויסן צדיק אין די לעצטע תקופה, אבער אצינד אז דער רב הכולל איז שוין נישט בין החיים האבן זיי געשפירט זייער דערשראקן און באטראפן. א טרויער און ציטער האט געהערשט אומעטום. עס איז געווען א מאמענט פון אמת'ע דין וחשבון פאר'ן גאנצן אידנטום פון ניו יארק.

כ"ד תמוז איז פארגעקומען א דריגנדע זיצונג וואו פילע רבנים און געסט האבן זיך פארזאמלט צו מאכן די אראנזשירונגען פאר די לוי' און צו באשטימען אן ארט וואו מען וועט לייגן דעם גרויסן צדיק.

ווען מען האט אנגעהויבן רעדן וואו דער רב הכולל זאל ליגן, האט אויסגעבראכן א מחלוקת. אלע האבן געוואלט אז דער הייליגער צדיק זאל ליגן ביי זיי.

א צייטונג שרייבער פון יענע טעג

# דער רב הכולל

**די גרויסע לויה**




שרייבט:

**צו די צייט וואס די דאזיגע שורות ווערט געשריבן, זיצן איבער פערציג רבנים אין דעם אפיס פון עדת ישראל אין איסט בראדוועי, וואו די פארשטייער פון פארשידענע קהילות פון ניו יארק רייסן זיך ארום צוליב דעם צדיק'ס קבר. ווען דער רב הכולל האט געלעבט, זענען זיי געווען טויב צו זיין קרעכץ. יעצט רייסן זיך ארום די דאזיגע שטיינער און שרייען, "עלי ינוח צדיק את ראשו..."**

ביי יענע אסיפה האט מען אויך באשטעטיגט אז מען וועט געבן א שיין געהאלט וועכנטליך ($15) פאר די אלמנה און די קינדער, און אויך אן עקסטערע סומע פון $1500 פאר איר זיך צו קענען שטעלן אויף די פיס.

שעות האט מען אויסגעארבעט די לוי', פונקטליך וואו עס זאל גיין און אדורכגיין, צווישן די בתי מדרשים וכו'. צום סוף האט בית מדרש הגדול געוואונען דעם זכות צו מקבר זיין דעם הייליגן גוף ביי זייער בית החיים.

מיטוואך אינדערפרי אום ניין אזייגער איז די לוי' ארויס פון רב הכולל'ס הויז אויף 263 הענרי סטריט. די רבנים האבן אויסגערופן א "ביטול מלאכה" און אלע געשעפטן זענען געשלאסן געווארן.

אום זעקס אזייגער ביינאכט איז פארגעקומען א גרויסער הספד וואו די רבנים האבן געהאלטן רירנדע הספדים, וואס האט אלעמען באריגט. די טרויער און די שולד געפילן איז געווען אין לשער.

במשך יענעם מיטוואך האבן טויזענטער אידן געשטראמט פון אלע ארומיגע שטעט אפצוגעבן דעם לעצטן כבוד פאר'ן צדיק, דעם העלד, דעם גאון בתורה וואס האט זיך מוסר נפש געווען, ביז'ן לעצטן טראפן בלוט, פשוטה כמשמעה.

טויזענטער מענער, פרויען און קינדער האבן באלאגערט די גאסן. די גאסן זענען שווארץ געווען. די שטאט האט אריינגערופן אלע פאליציי פון גאנץ ניו יארק צו קומען און עטוואס פראבירן האלטן סדר אז עס זאל נישט צוקומען צו א מצב סכנה.

עס איז געווען די גרעסטע לוי' וואס ניו יארק האט אמאל געזען. עס איז געווען געשאצט אז א פערטל מיליאן (!) מענטשן האבן זיך באטייליגט (250,000 מענטשן!)

א צייטונג שרייבער באריכטעט:

**עס איז געווען שטאק שטיל צווישן די מאסן. קיינער האט נישט געוואגט א היס צו געבן. קיין איין איד האט זיך נישט געוואגט צו רייכערן א ציגארעט. אלע האבן געפילט אז תורה און קדושה איז איינגעהילט אין א שווארצע פרוכת..**

ווען מען האט ארויסגעברענגט דעם הייליגן גוף צו די לוי' האבן אלע ספאנטאן אויסגעבראכן אין א שוידערליכע געוויין, וואס האט זיך געהערט ווייט ווייט. עס איז פארגעקומען שוידערליכע סצענעס, מענטשן האבן געוויינט און געשריגן. אלעס האט געיאמערט. די קולות האבן דערגרייכט דעם הימל. אלעס איז געווען איינגעשלאסן אין איין גרויסער געוויין. עס האט אויסגעזען ווי ערד און הימל און גאנץ ניו יארק באוויינען דעם גדול בישראל וואס האט באטראטן זייער באדן און צום סוף געהאט אזא טראגישע סוף.

די מיטה האט געווארפן א פחד אויפ'ן

ציבור. יעדער איז געווען איינגעהילט אין שרעקליכע שולד געפילן, אז מען האט נישט געדארפט קיין סדרנים צו מסדר זיין דעם מעמד. יעדער האט זיך גערוקט ווייט פון דעם הייליגן ארון, ציטערנדיג צו טרעטן נאנט. אלע האבן זיך אפגערוקט פארשעמט און דערשראקן.

פאר די מיטה איז געגאנגען א גאנצע רייע פון קינדער פון תלמוד תורה זאגנדיג טרויעריג, "צדק לפניו יהלך" . אונטער זיי זענען געגאנגען צופיס אלע רבנים פון ניו יארק און פון איבער די לאנד.

צוליב די גרויסע געדרענג האט מען ארויפגעלייגט די מיטה אויף א א וואגן און ערשט דאן האבן מענטשן זיך אנגעהויבן שטופן צו קומען נאנט, ביז עס איז געווארן א מצב פון פיקוח נפש ממש.

אלע קהילות האבן געשיקט וועגענער, מיט די נעמען אויפגעשריבן אויף די וועגענער, אויך האט די אמעריקאנע רעגירונג געשיקט פארשטייער, אזוי אויך זענען געקומען אלע רעגירונגס באאמטע פון ניו יארק.

דאס דערמאנט וואס מוהרא"ש זי"ע האט געזאגט (געדרוקט אין דעם קונטרס "דער הייליגער רבי נתן), וואס איז געווען ביי די לויה פון רבי נתן:

מוצאי שבת איז געווען א ריזיגע לויה, ווי די גאנצע שטאט, מענער פרויען און קינדער, אפילו אלע זיינע מתנגדים, זענען ארויסגעקומען אים באגלייטן. אלע האבן געוויינט, מען האט זיך געמאכט א חשבון: "פארוואס האבן מיר גע'רודפ'ט דעם איד? וואס האט ער אונז שלעכטס געטון? פארוואס איז אים געקומען אז מען זאל אים אזוי פייניגן און נישט לאזן במנוחה?

מען קען זיך נישט פארשטעלן די שווערע ביטערע נסיונות וואס דער הייליגער רבי נתן האט געהאט אין זיין לעבן. יעדער האט אויף אים גערעדט אלעס שלעכטס, געמאכט פון אים די גרעסטע געשפעט און ליצנות, אבער ווען ער איז אוועק, האט מען געכאפט ווי שטארק מען האט זיך באנארישט, צו רודפ'ן אן ערליכער איד וואס האט קיינעם נישט געטשעפעט. ער האט מיט קיינעם נישט געהאט צו טון, פארקערט, ער האט נאר געהאלפן יעדן איד, און בלויז ווייל ער איז מפרסם זיין הייליגן רבי'ן קומט אים אזוי אויסצופייניגן און אזוי צו בארעדן? וואס האבן מיר געוואלט פון אים?!

אמאל אלץ יונג בחור פון ניינצן יאר וועלנדיג אריינגיין אין מקוה בשכינות פון מיין טאטן זצ"ל, הער איך ארויס געשרייען פון אונטער'ן טיר. איך לייג צו די אויערן און איך הער ווי דער וואודיסלאב'ער רב (הרה"ג רבי ישכר בער הלוי ראטענבערג זצוק"ל, פון די גרויסע אנגענומענע רבנים אין ניו יארקשרייט אן א איד, זעהט אויס אז יענער האט גערעדט אויף רבי נתן, האט ער אים שטארק באשריגן, "איר ווייסט ווער רבי נתן איז געווען? איר מיינט אז ווייל ער האט זיך גערופן "רבי נתן" קען מען מזלזל זיין אין אים? רבי נתן וואלט געקענט זיין אזא רבי ווי אלע גרויסע צדיקים אין יענע צייטן, ווי למשל דער בארדיטשובער רב! און אזוי האט ער ווייטער אויסגערעכנט אלע צדיקים פון דעמאלטס. נאר רבי נתן האט זיך איינגאנצן אוועקגעגעבן זיין נאמען און אוועקגעווארפן זיין רבי'סטעווע, ער האט נאר געוואלט זיין א תלמיד פון דעם רבי'ן און משמש זיין דעם רבי'ן, אבער פאר זיך אליינס וואלט ער געקענט זיין איינע פון די גרעסטע באקאנטע צדיקים...!

## אומרוען ביי די לוי'

עס איז געווען א געוויסע דרוק פאבריק מיט'ן נאמען "האו". די בעלי בתים און רוב ארבעטער דארט זענען געווען וויסטע אנטעסעמיטן. ווען זיי האבן געקענט, האבן זיי אטאקירט און געשריגן געמיינע און מיאוס'ע ווערטער אויף די אידן. יעדעס מאל וואס א אידישע לוי' איז אריבער, פלעגן זיי ווארפן שטיינער און העלצער אויף די פאר'אבל'טע אידן און צומאל אויף די מיטה.

די פאליציי פלעגט זיך וויניג קימערן. בכלל זענען די פאליציי געווען וויסטע אנטיסעמיטן, און אפילו אין די פרייע אמעריקא האבן זיי נישט געזוכט דאס גוטס פון די אידן און האבן אלעמאל געקוקט מיט א קרום אויג אויף די וואוקס פון די אידן אין ניו יארק.

אצינד האבן זיך אבער די עסקנים צוזאמגעזעצט און זיך געבעטן אז זיי זאלן זיי שטיין צו די האנט און זיכער מאכן אז די לוי' (וואס האט געמוזט אריבערגיין יענע גאס) וועט נישט געשטערט ווערן.

אבער די פאליציי האט זיך נישט וואוסנדיג געמאכט.

ווי נאר די לוי' איז אריבער די גאס האבן די רשעים אנגעהויבן ווארפן שטיינער און העלצער אויף די אידן. א מהומה



פאליציי רודערט ביים לויה

# דער רב הכולל

האט אויסגעבראכן און אפאר אידן האבן צוריקגעשליידערט די שטיינער צו זיי און אויסגעשאסן אלע פענסטערס פון דעם פאבריק.

די רשעים זענען אנגעהיצט געווארן און אנגעהויבן גיסן הייסע קאכעדיגע וואסער מיט שמוץ און שטיינער אויף די ציבור פון טויזנטער. דאס האט פאראורזאכט א שרעקליכע מהומה. עס איז נישט געווען וואו צו לויפן, נאר אויף מענטשן רח"ל. מענטשן זענען פארוואונדעט געווארן, אפגעבריט געווארן און צעדרוקט געווארן.

מען האט אנגעהויבן לויפן... און קינדער, פרויען און מענער זענען אינגאנצן צעדרוקט געווארן. געוויסע זענען געפאלן באוואוסטלאז.

די פאליציי איז אריינגעקומען אבער אנשטאט זיך אנצונעמען פאר די אידן, האבן זיי זיך אנגענומען פאר די גוים און אנגעהויבן שלאגן רעכטס און לינקס מיט מערדערליכע קלעפ. איין קליין קינד מיט'ן נאמען גאלדשטיין האט געכאפט אזעלכע מערדערליכע קלעפ אז זיין קאפ איז אים נעבעך געשפאלטן געווארן. עס איז געווען שרעקליך. מענטשן זענען געליגן פארוואונדעט און באוואוסטלאז, די גאנצע גאס איז געווען באגאסן מיט בלוט.

די פאליציי האבן ארעסטירט איבער צוויי הונדערט אידן יענעם טאג. די מצב איז געווען שרעקליך, אבער נאך מער דערשראקן זענען די אידן געווען צו זען אז פון הימל נעמט מען זיך אן פאר'ן רב הכולל און פאר'ן טשעפענען אזא צדיק, אזא גאון. די שלעגערס און די לויפערס זענען געווען א געטליכע דערמאנונג אז יש דין ויש דיין.

...

ווען די מיטה איז אנגעקומען אין סייפריס היל, (וואו עס איז באערדיגט געווארן) איז דער עולם ממש ווילד געווארן. מענטשן האבן זיך איינגעשטעלט דאס לעבן צו קענען אנרירן די מיטה מיט א קליין פינגער. אידן זענען געשפרינגען איבער צוימען, איבער מצבות און איבעראל. אן א צאל מצבות זענען צוזאמגעפאלן אינעם בית החיים.

אסאך הספדים זענען פארגעקומען און אלע האבן גערעדט מיט רירנדע דרשות. איין ליניע וואס האט ערוועקט קולות און געוויינען פון חרטה און תשובה ביים ציבור איז געווען, "די אידן פון ניו יארק האבן געריסן בלעטער און צווייגן פון זייער גרעסטן און שענסטן בוים."

בערך פערציג רבנים האבן מספיד געווען. עס האט גענומען עטליכע שעה. די ערד איז פארמאכט געווארן מער מיט טרערן ווי מיט זאמד. ניו יארק האט נאכנישט געהאט אזא הרהור תשובה פון אזויפיל מאסן אידן אין איין טאג. אסאך האבן זיך מקבל געווען ביי זיין לוי' צו היטן שבת און תשובה טון.

## דער רבי זי"ע פון סאטמאר אין צוזאמענהאנג מיטן רב הכולל

עס איז מערקווירדיג צוצולייגן אז דער רבי זי"ע פון סאטמאר ווען ער איז געקומען קיין אמעריקע האט ער אסאך גערעדט פונעם רב הכולל. ער האט שטארק געהאלטן פון זיין הלכה'דיגע פסקים. דער רבי פלעגט צומאל שיקן מברר זיין וויאזוי דער רב הכולל האט זיך געפירט אין געוויסע פעלער.

מענטשן פלעגן זיך וואונדערן פארוואס ער איז אזוי נאכגעגאנגען דעם רב הכולל. נאר דער אמת איז אז זיי האבן געהאט אסאך ענליכע דעות וויאזוי צו פירן דעם דור.

אין די לעצטע תקופה פונעם רב הכולל האט ער זיך אנגערופן מיט ווייטאג אז אפילו ער האט געקעמפט ווי א לייב, האט ער נישט מצליח געווען צוליב צוויי זאכן. די ערשטע איז ווייל מענטשן האבן נישט געהאט די געלט צו שיקן די קינדער אין תלמוד תורה צוליב דעם האט מען געשיקט אין פובליק סקולס. צווייטנס איז געווען די שווערע מלחמה מיט די בוטשערס. "איך וואלט געדארפט מאכן "שבת פאר זיך", און מאכן אייגענע מוסדות, אייגענע בתי דינים און ווער עס וויל זיין ערליך זאל קומען צו מיר." האט זיך דער צדיק אויסגעדרוקט.

די מסקנה פונעם רב הכולל איז געווען די וועג ווייזער פארן הייליגן רבי זי"ע פון סאטמאר ווען ער איז אנגעקומען קיין אמעריקע נאכ'ן ביטערן קריג. בעצם איז שוין געווען ערליכע פרומע אידן אין די איסט סייד, אבער ער האט געוואוסט אז כדי אויפצושטעלן א דור, דארף ער אנהייבן פון פריש. אסאך רבנים האט עס געבאדערט, פארוואס ער דארף עפענען זיין אייגענע קהילה, און אים טאקע געפרעגט דערויף. וואס ער פלעגט דערויף ענטפערן, "איך בין נישט געקומען מתקן זיין די וועלט, נאר מיך מיט מיינע ארומיגע."

אין יענע צייטן איז געקומען דער פאלטישאנער רב ז"ל צום רבי'ן מיט א טענה, "היתכן מען עפנט א מיידל שולע?" אינדערהיים איז דער רבי געווען קעגן א בית יעקב. אבער דער רבי האט אים געזאגט אז דא אין אמעריקע אויב ער וועט נישט עפענען א בית חינוך וועט ער נישט מצליח זיין.

עס איז שוין געווען א בית יעקב אין וויליאמסבורג אין יענע טעג, אונטער הרב ברוך קאפלאן ז"ל. אבער דער רבי האט אים געזאגט, "איך שעץ אייך זייער ר' ברוך, אבער אונזערע מיידלעך קענען מיר נישט שיקן צו אייך."

אויך ווען דער גאון רבי ראובן גראזאווסקי ז"ל מראשי ישיבות פון תורה ודעת, האבן פראבירט צו באאיינפלוסן דעם רבי'ן אז ער זאל נישט עפענען אן אייגענע ישיבה, האט ער אים געזאגט,"איך האב מקובל פונעם רב הכולל אז יעדער דארף מאכן שבת פאר זיך."

ווען ר' ראובן איז ארויס פון רבינ'ס שטוב האט ער געזאגט, "דער סאטמארער רבי וועט מצליח זיין."

## צום שלוס

צום שלוס פון די לעבנסגעשיכטע פון דעם הייליגן רב הכולל בלייבט אונז איבער א נקודה למחשבה. צום ערשט זעען מיר די

שטארקע כח פון סביבה. אז מען דרייט זיך צווישן ערליכע מענטשן, וואס לעבן מיט יראת שמים און ערליכקייט, איז מען ערליך. עס איז דא א ווערטל, "זאג מיר ווער דיין פריינט (געזעלשאפט) איז און איך וועל דיר זאגן ווער דו ביסט." ווייל א מענטש איז דאס וואס זיין סביבה איז. ליידער זענען גוטע און וואוילע פארשוועמט געווארן אין די גייסט פון אמעריקע און האבן איבערגעלאזט אונזערע טייערע מסורה צוליב "יעדער."

דער הייליגער רבי זאגט שוין אין שיחות הר"ן, אז מענטשן זענען גרעסערע שטערערס פאר עבודת ה' ווי דער יצר הרע. א חבר קען דיר מער צוגרינד לייגן און אוועקשלעפן פון תורה ועבודה ווי דער שטן אליינס. והבן למעשה.

אויך זעען מיר די שרעקליכע כח פון ליצנות, וואס נאכ'ן ליינען די באשרייבונג, דארף דאס שוין נישט קיין פירושים. דער ראש ישיבה שליט"א רעדט אזויפיל דערפון, ווייל גרויסע און שטארקע זענען שוין אוועקגעריסן געווארן פון גן עדן צוליב דעם נחש, דאס ליצנות.

נאך א זאך וואס מיר נעמען ארויס דערפון איז, "צום סוף זוכן אלע און וויסן אלע דעם אמת...." וואויל איז אונז אז מיר קריגן נישט אויף צדיקים. עס כאפט א ציטער שרייבנדיג איבער די לוי', שפירנדיג אין די ביינער די בושה און פחד פון יום הדין ווען עס וועט זיין אין שכחה לפני כסא כבודך. דאן וועט נישט זיין א לעכל וואו מען וועט זיך קענען אויסבאהאלטן. פון די אלע וואס האבן געקריגט אויפ'ן צדיק איז ליידער פארבליבן טראגישע נאכפאלגן. זייערע קינדער האבן אלע אפגעלאזט אידישקייט און א חלק האבן נעבעך געברענגט צרות פאר אידן.

פארקערט, פון די וואס זענען געשטאנען צו די זייט פון צדיק און אים געשטיצט, זענען איבערגעבליבן ערליכע דורות. טראץ וואס פון יענע תקופה איז ממש נישט איבערגעבליבן קיין ערליכע אידן, איז פון יענע אידן געבליבן קינדער און אייניקלעך וואס גייען נאך היינט מיט'ן חסיד'ישן לבוש און פירן זיך פרום און ערליך. (ליידער איז נישט צופיל באוואוסט איבער די דורות פונעם רב הכולל. דער רב הכולל האט געזאגט אז ער מיט זיינע קינדער זענען געפאלן א קרבן אויסצוטרעטן די וועג פאר אידישע קינדער אין אמעריקע. נסתרים דרכי ה'.)

צומאל איז שווער צו טראכטן טיפער און ווייטער. די הוה גלאנצט און שיינט און בשעת מעשה איז גרינגער זיך צו פארהוילן פון דעם אמת און צומאכן אן אויג צום אמת'ן אמת. אבער רבי נתן זי"ע האט אונז שוין געלערנט צו לעבן מיט תכלית. רבי נתן האט זיך אמאל אויסגעדרוקט "איך בין שוין 40 יאר נאך מיין פטירה, מיינענדיג צו זאגן, איך קוק שוין אויף די וועלט מיט א ניכטערע אמת'ע בליק, כאילו מען האלט שוין נאך די דמיון וואס הייסט "עולם הזה". דער הייליגער רבי האט שוין געזאגט אז ער האט רחמנות אויף צוויי כיתות מענטשן, אויף די וואס וויסן נישט פון אים און אויף די וואס וויסן יא און פאלגן נישט זיינע ליכטיגע עצות. ווייל עס וועט קומען א טאג וואס מען וועט ליגן מיט די פיס צום טיר און דאן וועט שוין גארנישט העלפן. דאן וועט מען נאר קענען חרטה האבן, אזוויי די אלע וואס האבן חרטה געהאט נאך די פטירה פון דעם רב הכולל.

וואויל איז אונז אז בחייו נעמען מיר א טייל אין צדיק, און מיר זענען נישט קיין מתנגדים פון צדיקי אמת וואס פארשפרייטן די אמונה אויף די וועלט. עס וועט מקוים ווערן ביי אונז "ותשחק ליום אחרון".

ווי די שיחה פון רבי'ן, "אונזער גרויסקייט און אונזער שיינקייט וועט מען זען ווען משיח וועט קומען."

עקסטער באנעמט ווען מען ליינט די כח לרע וואס די שרייבערס האבן געהאט מיט'ן פארשפרייטן דברי ליצנות און אפיקורסוס. מאויבי תחכמני... אויב דאס געשריבענע ווארט איז אזוי שטארק, איז דאס אונז מחייב צו פארשפרייטן די שטויב פון צדיקים און זיך באפלייסן אין הפצה צו פארשפרייטן אין אלע עקן די רייד, די עצות, די לימודים און שכל פון רבי'ן, פון מוהרא"ש זי"ע און פון דער ראש ישיבה שליט"א.

אין יום טוב פון חג האסיף, דארפן מיר זיך מתבונן זיין, "אויב דו האסט יא אזא חיים טובים, אויב דו האסט יא אזויפיל וואס צו לויבן "מה אשיב" בזכות הצדיק, דאן "טרינק'זשע אן די מדינה." (סיפורי מעשיות)

...

דער רב הכולל ליגט היינט אין סייפריס היל 82-11 Cypress Ave, Glendale, NY 11385, וואו פילע אידן קומען זיך אויסוויינען און זענען גרויסע ישועות בזכות דעם צדיק



dominogrp.com


וועבסייט_דאבל_אינקאם_שנעל_עפישנט_אברמי_ענעקס

# נאך יום טוב לייג איך
# אלעס אין א זייטל.
# מ'גייט זיך נעמען
# אין די הענט אריין.

מיין ביזנעס איז נישט קיין סיקרעט, די וואס זוכן מיין פראדוקט דארפן וויסן פון מיך.
מיין וועבסייט איז מיין סעילסמאן, ער מאכט די גערודער אנשטאטס מיר.

347-853-9830 / hello@annexny.com / annexny.com

annex

# פנינים

# לאנגע שעות...

דורכאויס די צען שעה'דיגעווארטן פעריאד ביים מעדיקא גרעניץ צווישן אוקריינע און פוילן האבן אנשי שלומינו געהאט אסאך צייט צו שמועסן צווישן זיך, טרעפן פרישע מענטשן און זיך באקענען איינער מיטן צווייטן.

איינע פון די שמועסן וואס איך האב מיטגעהאלטן איז געווען אז איינער האט געשטעלט א פראגע צו זיינע ארומיגע, וועלכע שטיקל פונעם דאווענען ראש השנה האט אים די מערסטע איבערגענומען, יעדער האט געענטפערט א צווייטע שטיקל.

איינער האט זיך אנגערופן: "הסובל, הסובל, הסובל"; ארויסברענגענדיג די כאראקטער פון די איצטיגע אומשטענדן, דאס שטיין אונטערן פרייען הימל אינעם שטח הפקר (no man's land) צווישן אוקריינע און פוילן, אן קיין עסן, אן קיין טרינקען, אן קיין הומאניטערישע מענטשליכע געברויכן; איין זאך איז דא צו טון, ווארטן מיט געדולד אויף ישועת ה', און בעטן און נאכאמאל בעטן דעם אייבערשטן מ'זאל זיך ארויסזעען פון דא און דורכגיין די גרעניץ בשלום...

דאס ווארטן מיט געדולד, און האפן און בעטן איז פון די וויכטיגע און שיינע לימודים וואס דער ראש ישיבה לערנט מיט אונז כסדר, סיי ווען עס קומט צו עבודת ה', סיי ווען עס קומט צו לעבן, צו חינוך, צו שלום בית, און צו ווען מ'האט שוין נישט קיין געדולד, אזוי ווי דער ראש ישיבה ברענגט כסדר דעם מאמר החכם: "הַסֵּבֶל - תַּחְבּוּלָה, לְמִי שֶׁאֵין לוֹ תַחְבֻּלָה", געדולד איז די וועג פאר ווער עס האט נישט קיין וועג; מיט סבלנות קומט מען אן; אמאל איז עס צען שעה, אמאל צוואנציג, אמאל טעג, און אמאל וואכן, חדשים און יארן, אבער מיט געדולד און בעטן און דאנקען דעם אייבערשטן - קומט מען אן.

ווען עס קומט צו עבודת ה', בפרט ביי א ברסלב'ער חסיד, וואס האט די התחזקות צו וועלן שטענדיג פון פריש אנהייבן דינען דעם אייבערשטן, און הערט כסדר דעם כרוז אז מ'טאר זיך נישט מייאש זיין, קען מען זייער שנעל ווערן פרוסטרירט אז עס גייט פשוט נישט, די לערנען איז נישט מסודר, דאס דאווענען איז נישט מסודר, דאס רעדן צום אייבערשטן איז נישט מסודר, אבער אויף דעם לערנט אונז דער ראש ישיבה אז עס גייט נישט אין איין מינוט, מ'דארף האבן געדולד.

אזוי ווי דער ראש ישיבה חזר'ט כסדר אין די בריוון פונעם הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זכותו יגן עלינו; דער הייליגער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זכותו יגן עלינו טייטשט וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יומא כ:): "כְּבָר צָוַוח הַכֹּהֵן אָנָּא הַשֵּׁם, וְנִשְׁמַע קוֹלוֹ בִּירִיחוֹ", זאגט ער (נועם אלימלך, תחלת פרשת וישלח): "שֶׁזְּמַן אָרוֹךְ צָרִיךְ הָאָדָם לִצְעֹק אָנָּא הַשֵּׁם, עָזְרֵנִי שֶׁאֶזְכֶּה לְעָבְדְךָ בֶּאֱמֶת, וְאָז וְנִשְׁמַע קוֹלוֹ, אֲבָל לֹא בְּיָמִים מוּעָטִים", מען דארף שרייען א לאנגע צייט צום אייבערשטן ביז מען איז זוכה צו ווערן א צדיק.

עס איז שווער אין די ראמען פון א קורצע ארטיקל צו נאכברענגען די אומצאליגע מקורות ווי דער ראש ישיבה שרייבט וועגן די מעלה און וויכטיגקייט פון האבן געדולד ביי אלע אספעקטן פון לעבן, און ווי דאס

יואל שניצלער

ברענגט די הצלחה ביים סוף.

איך דערמאן זיך אז איך האב אמאל געפרעגט דעם ראש ישיבה לגבי א געוויסע אויפפירונג פון מיין קינד אויב עס הייסט חוצפה, האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט, אלעס קען מען אנקוקן אלס חוצפה, דאס וועלן גלייך זיין די רעזולטאטן פון חינוך און נישט אויסווארטן מיט געדולד איז א פראבלעם, מ'דארף רעדן און אויסלערנען, און מיט די צייט לערנען זיך די קינדער אויס ווי אזוי זיך אויפצופירן מיט דרך ארץ, עס נעמט צייט.

המשך יבוא בעז"ה.

א שול אין שטעטל מעדיקא, פוילן



# גענדאנקען

# די "לעכטיגע" בוטקעלע

די מאמע פייגל און די טאטע פייגל האבן געבוירן א בעיבי פייגעלע.

א שמחה א גדולה.

טשיפ טשיפ טשיפ.

די טאטע פייגל כאפט א טענצל מיט די פליגעלעך ארויף א טפח, און א שוועב אויף אראפ צי, אין די נעסט אריין, און נאך א טענצל, און נאך איינס. ס'איז פרייליך אין די פייגעלע נעסט.

די טאטע פייגל טשווישטשעט צו די מאמע פייגל אז די בעיבי פייגל זעט אויס אינגאנצן ווי די באבע פייגל פון די טאטע פייגל זייט.

די מאמע פייגל טשוויטשעט צוריק אז די אויגן איז פון די טאטע פייגל זייט אבער די שפיציגע מוילעלע איז אינגאנצן ווי די פייגלוויטש עלטער באבע.

די טאטע פייגל און מאמע פייגל טוען זיך באשווישטשען און באטשיפקענען ווי זיס זייער YUMMY FRUNKY BALUNKY בעיבי פייגל מאכט אויף און צו די פיצקעלע אויגעלעך. אזא CUTE פייגל בעיבי זעט מען זעלטן, קומעןביידע, טשווישטשענדיג, צו א ענדגילטיגן באשלוס.

אין עטליכע קורצע טעג האט די נייע בעיבי פייגעלע שוין אנגעהויבן צו טשווישטשענען און טשיפקענען, די טאטע פייגעלע און מאמע פייגעלע זענען ביי די איבערצייגונג אז זיי האבן די פרונקי'סטע באלונקי'סטע זיסטע בעיבי פייגעלע אין די וועלט.

אין עטליכע טעג ארום האט זיך אנגעזען א שטיקל אומעטיגקייט אויף די נייע בעיבי פייגעלע.

מיט די טשווישטענדיגע טשיפטשיפדיגע שפראך האבן טאטע פייגל און מאמע פייגל געפרעגט זייער פרונקי באלונקי מאדאמ'קע בעיבי פייגעלע וואס גייט פאר.

האט פרונקי באלונקי געענטפערט מיט א טשווישטענדיגע טרויער מינע אז ס'טוט איר וויי אז אלע פליען זיך ארויס פון די נעסט ווען זיי ווילן נאר, און גייען זיך אויף דער פריי, בשעת זי האט נישט קיין פליגלעך און קען נישט פליען, לייף איז נאט FAIR, ברעטשקעט פרונקי באלונקי מאדאמ'קע.

האט טאטע פייגל און מאמע פייגל איר געזאגט אז אזוי גייט עס מיט יעדן, קודם קען מען נישט פליען, און ווען עס קומט די ריכטיגע צייט וועט זי קענען פליען אזוי ווי יעדער, ווען ס'קומט די עידזש פון פליען וועט זי קענען קומען און גיין אומגעשטערט. דאס נישט קענען פליען איז נאר צייטווייליג. פרונקי באלונקי האט זיך עטוואס בארואיגט.

גייט נישט דורך עטליכע טעג און פרונקי באלונקי קומט זיך אפרעדן.

וואס איז?

נישט נאר וואס איך קען נישט פליען ווי יעדער, נאר ס'וואקסט מיר ארויס דא עפעס ביי די זייט, וואס געבט מיר צו אביסל וואג אויף מיין קליינטשיגן קערפער, נישט נאר איך קען נישט פליען ווי יעדער, נאר יעצט איז מיר געווארן שווערער צו גיין! וואס מיינט דאס?!



אויש! פרונקי באלונקי! דאס וואס וואקסט דיר ביי די זייט, דאס איז דיינע פליגעלעך! מיט דעם וועסטו קענען פליען! אט אט וועסטו שוין קענען האבן גרויסע פליגלעך!

# איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

מען מאכט דיר נישט שווערער! מען מאכט דיר גרינגער! ווארט נאך א קליין ביסקעלע וועסטו זען אז אלעס וואס מען געבט דיר איז געמאכט צו מאכן דיין לעבן שענער און בעסער און גרינגער, געב א טשענס.

יעדע שווערינקייט אין לעבן וואס דו גייסט אריבער איז געמאכט אז עס זאל ארויסקומען פאר דיר א טובה פון דעם.

וואיל איז דעם מענטש וואס ער געבט עס נאך איין טשענס, וועט ער זוכה זיין צו שיינע זאכן.

די לעבן אויף די וועלט איז אזוי ווי איינער וואס גייט אדורך א טונקעלע וואלד, זיין ציל איז אנצוקומען צו די אנדערע עק וואלד, זיך זען אינדרויסן, אויף די אנדערע זייט.

די וואלד איז טונקל און שרעקעדיג.

עס קוקט אויס אין א ליאדע מינוט אז איך בין פארבלאנזשעט, אז איך וועל קיינמאל נישט מצליח זיין אנצוקומען אויף די אנדערע זייט בשלום.

נאכדערצו, איז פארהאן אין וואלד קליינטשיגע בוטקעלעך, אביסל אהינציר, אראפ פון וועג, וואס דארט זעט אויס לעכטיג, שיער נישט האב איך פארגעסן און געוואלט אהינגיין צו יענע לעכטיגקייט, נאר כ'האב זיך דערמאנט וואס מען האט אנגעזאגט בעפאר איך בין אריין אין וואלד, אז די לעכטיגע בוטקעלעך וואס איז אראפ פון וועג, איז גארנישט אזוי גוט פאר מיר, ווער עס גייט אריין אין יענע "לעכטיגע" בוטקעלעך איז פארזיכערט צו בלייבן אין די טונקעלע וואלד און נישט זיך ארויסזען, די "לעכטיגע" בוטקעלעך זענען וואלד רויבערס, ס'זעט אויס ווי ס'איז לעכטיג דארט, איך לויף מיר אראפ פון וועג און לויף מיר צו יענע "לעכטיגקייט", אבער דאס איז נישט דאס ריכטיגע, דאס איז אראפ פון מיין וועג, די רויבערס ווילן מיך בארויבן מיין געלט אוןווארפן מיין קערפער פאר די הונגעריגע ווועלף.

וואס יא? ס'איז דאך פארט טונקל און פארכטיג אין די פינסטער וואלד?! ווי מאכט מען דאס דורך?!

צינד דיר אן א קליין לעכטעלע און מאך דיר אליין לעכטיג אין די וואלד הנקרא "וועלט".

דיין פרק משניות וועט דיך דורכפירן בשלום די זיבעציג יאר. דיין קאפיטל תהלים וועט דיר לעכטיג מאכן ווען די לעבן ווערט עטוואס פארטונקלט.

נעם נישט קיין לעכטיגקייט פון דארט וואו ס'איז אראפ פון וועג.

פרוביר נישט צו זיס מאכן דיין לעבן דורך וואלד רויבערס וואס ווילן דיך ווארפן פאר די ווועלף.

עס כאפט זיך אריין א מחשבה'לע, געגוג מיט די פרעשער לעבן, מיין חבר מושי האקט א לעבן, טוט וואס ער וויל, לייגט נישט קיין תפלין, רייך ווי קרח, שפענדעוועט געלט טאג און נאכט, יעדא נאכט איז PARTY TIME, לעבט אן א דין וחשבון, הוליעט ארום LIKE NO TOMORROW, פארוואס דארף איך לעבן מיט פרעשער?!

די "לעכטיגקייט" וואס דאכט זיך דיר דורכ'ן אראפגיין פון וועג, איז א דמיון פאר איין סקונדע, מען וועקט זיך אויף און מען זעט זיך פוסט און ליידיג.

קיינער האט נישט איין וועלט.

יעדער מענטש אין די וועלט האט אדער ביידע וועלטן, אדער קיין איין וועלט נישט!

דער וואס גייט אויפ'ן גלייכן וועג מיט א קליין משניות לעכטעלע אין האנט, קומט אן בשלום.

דער וואס מאכט אויף די גמרא יעדן טאג וועט באלד ארויסגיין פון די טונקעלע וואלד.

דער וואס האלט זיך מיט'ן תהלים'ל האט די וועלט און יענע וועלט!

(מיר זענען געווען אין מאנסי נישט לאנג צוריק און געהערט א הערליכע שיעור פון א חשוב'ן רב, א בקי נפלא בכל מכמני התורה, א פה מפיק מרגליות, מיר האבן געהערט דארט הערליכע דיבורים און פרובירט אראפצוברענגען א טייל דערפון אויפ'ן שרייבערישן סטיל)

אזוי גייט עס מיט יעדן, קודם קען מען נישט פליען, און ווען עס קומט די ריכטיגע צייט וועט זי קענען פליען אזוי ווי יעדער, ווען ס'קומט די עידזש פון פליען וועט זי קענען קומען און גיין אומגעשטערט. דאס נישט קענען פליען איז נאר צייטווייליג.





# מוסאי

# שטיב





יוסף הכהן כ"ץ










# שפאצירנדיג

**אין די געסאלאך אין ירושלים נאנט צו די באקאנטע מאה שערים געגנט, האב איך זיך אנגעשטויסן אין א ווירבעלנדיגן שטיבלאך וואס מען דאווענט דארט טאג טעגליך שחרית מנחה מעריב, עס שטעלט זיך מנינים איינס נאכן צווייטן, עס ווירבלט אן אפשטעלן מיט מענטשן וואס קומען דאווענען און טון דעם רצון ה'.**

**איך קען נישט איינהאלטן מיין נייגער, איך גיי אריין און איך זע אן אלטער בית המדרש אויפן ספרד'יישן שטייגער וואס ווירבלט ווי א בינען שטאק, מנינים איבער מנינים, שיעורי תורה. איך טראכט צו מיר, וואס ליגט אונטער דעם בית המדרש? וואס איז די היסטאריע פון דעם פלאץ? איך מוז דאס אויסשמעקן, מ'קען דאס נישט סתם געבן א גיי דורך.**

**נאכן זיך נאכפרעגן ווער עס איז דער גבאי פונעם בית המדרש האב איך אויסגעפונען אז זיין נאמען איז מו"ה אברהם כהן שליט"א. איך האב מיך פארבינדן מיט אים און געפרעגט אויב ער איז גרייט אראפצונעמען צייט און מיר איבערגעבן די פילע היסטאריע פון אט דעם שיינעם ווירבלדיגן ווינקל אינמיטן שטאט ירושלים.**

**ברוך השם אז ער האט דערצו מסכים געווען. מיר האבן באשטימט א צייט און זיך אראפגעזעצט הערן פונעם גבאי די גאנצע היסטאריע. איך האב מיטגענומען אונזער חבר מו"ה שלמה יאקאב הי"ו מיט החתן שלמה צבי פערל נ"י צו ארויסהעלפן אינעם פראיעקט, ישלם ד' פעלך.**

**ליינט און האט הנאה.**

**פאר מיר גייען אריין אין די היסטאריע פונעם שול און אלעס ארום, ווילן מיר הערן ווער איז דאס ר' אברהם כהן, מיט וועם מיר האבן די זכיה צו שמועסן היינט?**

מיינע עלטערן קומען פון איראק, איך בין אויפגעוואקסן דא אין שכונת הבוכרים אין ירושלים. נאך מיין חתונה האב איך געהאט א געשעפט פון ניסלעך (פיצוחים) וואס ווי באקאנט איז דאס פון די שטערקסטע ביזנעס אין די ירושלימ'ע גאסן; ברוך השם אז איך האב זייער שטארק מצליח געווען. נאך א שטיק צייט בין איך געווארן די גבאי אין בית המדרש מוסיאף, און געליבטעט דעם אייבערשטן אז איך האב די זכיה שוין 36 יאר צו זיין די גבאי!

**וואס קענט איר פארציילן וועגן "יהדות בוכארא?"**

בוכארא איז א לאנד וואס געפינט זיך אין געגנט פון אוזבעקיסטאן, וואס איז אין דרום רוסלאנד (באקאנט פון די מעשה פון יאקאב).

פאר בערך 235 יאר צוריק אין יאר ה'ת"ג (1790 למספרם), איז די מצב פון אידישקייט געווען דארט זייער שוואך, חוץ פון דעם וואס מען האט געוואוסט אז מען איז א איד, האט מען גארנישט געוואוסט. ביז דער אייבערשטער האט געהאלפן אז ס'איז געקומען א צדיק ר' יוסף מיימון זי"ע אן אור אייניקל פון א ברודער פון דעם הייליגן רמב"ם, און ער האט אנגעהויבן מאכן דארט סדר. ער האט זיי אויסגעלערנט הלכות און אויפגעשטעלט תלמוד תורות, ישיבות, שולן און מקוואות און זיי אויסגעלערנט ווי אזוי א אידיש קינד דארף זיך אויפפירן.

יארן איז פארביי. שפעטער נאך אים איז געקומען הרב אברהם חיים גאון זי"ע, וואס האט ממשיך געווען צו פירן די אידישע קהילה.

"בוכארא" קומט אויס אין א געגנט וואס ווערט אנגערופן די גאלדענע זיידן וועג (דרך משי הזהב) וויבאלד דארט איז די פלאץ וואס באהעפט צווישן אייראפע און די מזרח לענדער, ממילא פלעגט דארט זיין די גרויסע מארק פון זיידענע סחורות, און פון דעם פלעגן די אידן זיין זייער רייך.

**ווי אזוי האט זיך געעפנט די געגנט 'שכונת הבוכרים' דא אין ירושלים?**

ס'איז געווען אין יאר ה'תר"ן 1890 למספרם, א איד מיטן נאמען ר' שלמה מוסיאף זי"ע (אויפן ערשטן בילד) ער איז געווען א מקובל, און איידעם ביים רב ר' אברהם חיים גאון זי"ע, ער איז געווען א גרויסער עושר. דעמאלט זענען געווען ארום 250 אידן וואס האבן געוואלט ארויפגיין קיין ארץ ישראל.

נאכן לאנגן וועג ארויף האבן זיי געזוכט צו קויפן א שטח. אין אנהייב האט מען זיי פארגעשלאגן צו אפקויפן די געגנט פון "זכרון משה" און "גאולה". למעשה האבן זיי געזען אז נישט ווייט פון דעם קען מען קויפן די זעלבע שטח פאר האלב די פרייז, האבן זיי אפגעמאכט דאס צו קויפן און שליסן מקח. פון דעם איז געווארן די געגנט.

ס'איז געווען זייער א אינטערעסאנטע וועג וויאזוי מען פלעגט אין יענע צייטן קויפן א שטח, מען האט גענומען א געבויעטער מענטש, און ער האט געווארפן א שטיין אויף די לענג, און ביז וואו די שטיין

איז געפלויגן האט באלאנגט פאר דיר. נאכדעם האט מען געווארפן א שטיין אויף די בריית און ביז וואו די שטיין איז געפלויגן, ביז דארט איז געווען דיין שטח.

נאך וואס מען האט געקויפט די שטח האט מען נישט גלייך אנגעהויבן צו בויען דערויף, נאר די ערשטע זאך האט מען איינגעפלאנצט 120 אקליפטוס (eucalyptus) ביימער, צו וויזן די גרעניץ פאר אלע שכנים, (אזוי ווי אין די צייטן פון יהושע בן נון) הערשט שפעטער האט מען אנגהויבן צו בויען..

נאך א שטיק צייט זענען געקומען די טערקישע סאלדאטן, זיי האבן זייער געגליכן צו מאכן גריל'ס (מנגל על האש), פלעגן זיי אראפנעמען האלץ פון די אקליפטוס ביימער דאס צו ניצן פאר זייערע פייערס. איז ר' שלמה צוגעגאנגען צו זייער אפיציר און געזאגט: פונקט ווי ענק קענט אראבער טארן נישט עסן חזיר פלייש, אזוי טארן ענק אויך נישט גנב'ענען פון די ביימער. ער האט עס ברוך השם אנגענומען און מער נישט געלאזט רייסן פון די ביימער. היינט צוטאגס זענען געבליבן אפאר איינצעלע ביימער פון דעמאלט (אויפן בילד).

**ווען מ'קומט אריין אין בית המדרש היינט צו טאגס טרעפט מען זיבן שטיבלעך, מיט א גרויסע בית המדרש, און נאך א שעלטעטר בית המדרש פון אונטן. איז דאס גלייך געווען אזוי גרויס, אדער מיט די צייט איז צוגעקומען נאך און נאך שטיבלעך?**

ניין! ר' שלמה מוסיאף האט געבויעט נאר די ערשטע שטיבל א', און פון דעם האט באשטאנען די גאנצע בית המדרש. שפעטער פאר בערך 90 יאר צוריק איז געקומען זיין זון - ר' רחביה און ער האט זיך אריינגעלייגט דערין ראשו ורובו אז דער בית מדרש זאל גרויס ווערן, וויבלאד זייער אסאך מענטשן פלעגן קומען דאווענען און ס'איז נישט געווען גענוג פלאץ פארן עולם

אנטקעגן דעם בית המדרש האט געוואוינט א איד מיטן נאמען חכם אברהם כהן (בילד באגלייט) (מען פלעגט אים רופן דער מלאך, ווייל ער איז אלעמאל געגאנגען אנגעטון ווייס) מיט מולא (חכם) יוחאי ישראלוב, זיי ביידע זענען געווען די גבאים פון בית המדרש פאר 100 יאר צוריק ביז בערך פאר 60 יאר.

ביים סוף פון די 6 טאגיגע קריג אין יאר תשכ"ז (1967) למספרם, איז אריינגעפלויגן א מיסל ביי די שטוב פון חכם אברהם כהן, און ס'האט ל"ע געה'רג'עט זיין ווייב. ער איז שוין געווען זייער אלט און ער האט געפילט אז ער גייט שוין פארלאזן די וועלט, האט ער גערופן פאר ר' רחביה און אים געזאגט אז היות זיין הויז איז שליסל געלט, וויל איך מאכן א אפמאך, אז איך בין מוותר אויף מיין חלק אין די הויז און ענק קענט זאלן מוותר זיין אויף אייער חלק פון די הויז און מען זאל עס געבן פארן בית המדרש, האט ער געזאגט: אוודאי, איך בין מסכים.

אין די זעלבע צייט איז געווען נאך א שכן וואס האט געוואוינט טיר ביי טיר פון די שול (שטיבל א') מיטן נאמען ר' בנימין ג'רג'י, ער איז געווען א מלמד אין תלמוד תורה "בני ציון" און ער האט געזען וואס חכם אברהם כהן האט געטון, האט ער געזאגט אז ער וויל אויך מאכן די זעלבע געשעפט, וכן היה.

האט מען זיך גענומען מיטן פולסטן קראפט איבערצובויען סיי דער בית המדרש, און סיי ביידע הייזער וואס מען האט באקומען.

שפעטער איז געווען נאך א שכן וואס האט געהייסן שמעון בייביין און ער האט געהאט א גרויסע הויף, זענען די גבאים געגאנגען צו אים און אים געזאגט: דו זעסט דאך וואס דא פאסירט, דער בית המדרש ווערט גרעסער און גרעסער, אבער ס'איז נאך אלס נישט גענוג, אפשר ווילסטו אויך האבן די זכי'ה און אוועקגעבן דיין הויף פארן בית המדרש?

פון אנהייב האט ער זיך געקווענקלט, אבער ער האט זיך בארעכנט אז ער וויל האבן א זכי'ה אוועקצוגעבן פון זיך פארן בית המדרש, און אזוי קונה זיין א נצחיות'דיגע קנין.

און פון דעם האט מען געבויעט שטיבל ג' און ד', ס'איז איין גרויסע צימער וואס מען האט צוטיילט אויף צוויי.

דאס אלעס האט מען געבויעט מיט געלט פונעם ציבור; איינער האט געגעבן ציגל, איינער האט געגעבן אייזן, און אזוי ווייטער, דער קאנטראקטער האט עס געמאכט אן קיין פארדינסט, אלס למען כבוד בית







הכנסת.

שפעטער איז געווען א שטח וואס אויף דעם איז געווען א האלב געבויעטע בית המדרש, מיטן נאמען "בית כנסת הסוכה", ס'האט ממש אויסגעקוקט ווי א סוכה ס'איז געווען געבויעט פון האלץ און שטיקלעך און פון POLIPACH (פוליפח), און דארטן האבן געדאוונט בערך 70 מענטשן, איך אליין געדענק אלץ קינד ווי איך פלעג דארטן דאווענען.

זענען געקומען די גבאים און געוואלט בויען דארט א שיינע גרויסע בית המדרש. גלייך ווי מען האט נאר אנגעהויבן צו רוקן זאכן, איז געקומען א שכן און גערופן די שטאטישע באמטע, און זיי האבן אפגעשטעלט די ארבעט.

איך געדענק פון יענע צייטן א שוידערליכע מעשה וואס האט פאסירט, עס איז געקומען א פשוט'ער איד ר' בן ציון כהן, ער האט געזאגט פאר דער וואס האט גערופן די שטאט - ער איז דעמאלט געשטאנען ביי זיין פארטש (טאראסע - באלקאן) - דו טשעפעסט זיך מיט די שול, אין די כח פון מיין כהונה זאג איך דיר צו אז דו וועסט נישט ענדיגן די יאר. און אזוי איז געווען, נאך א שטיק צייט איז ער זייער שטארק קראנק געווארן און ל"ע אוועק.

אזוי אויך האט זיך געמאכט נאך מניעות, אזוי ווי יעדע גוטע זאך קומט אן שווער. ברוך ה' מיט גרויס סיעתא דשמיא האט מען אלץ דורכגעמאכט, און אזוי האט מען ברוך השם ממשיך געווען צו בויען ביז מען האט ענדליך זוכה געווען צו ענדיגן.

אלע זענען דעמאלט געווען זייער איבערראשט, עס איז געקומען א ריזיגער עולם פון טויזנטער אידן צום חנוכת הבית.

**איך זע אז אין די גרויסע בית המדרש און אין שטיבל ג' איז דא 2 "ארוני קודש" וואס איז די באדייט פון דעם?**

ווייל מען האט פון אנהייב עס געפלאנט צו בויען אויף 2 באזונדערע שולן, אבער אינמיטן האט מען זיך געכאפט אז מען דארף יא האבן א גרויסע באקוועמע בית המדרש פאר די שיעורים.

נאך מער, ביז נישט לאנג צוריק האט מען נאך געקענט זען אויפן דאך, אינמיטן,

נאכמער פון דעם פלעגט ר' שלמה אויך זארגן פאר אלמנות און יתומים און ארעמלייט, ער האט זיי געבויעט הייזער צו וואוינען גענצליך פאר אומזיסט.

אזוי אויך פלעגט ער געבן פאר מענטשן געלט אז זיי זאלן נישט לויפן גלייך צו די ארבעט, נאר זיי זאלן קודם גיין דאווענען.



אייזנעס מען זאל קענען בויען א וואנט.

ביי שטיבל ג איז געווען קודם איין 'ארון קודש', און א איד איז געקומען מיט טענות צו די פריערדיגע גבאים אז ער איז נישט צופרידן פון דעם, און ס'איז נישט גענוג שיין. האט מען אים געזאגט מען וועט בויען נאך איינע א שענערע, דער עיקר ס'זאל נישט זיין קיין מחלוקת. איך רוף עס אן די "שלום ארון קודש".

## ניצט מען טאקע ביידע "ארוני קודש"?

טאג טעגליך ניצט מען נאר איין ארון קודש, אבער ימים טובים צוטיילט מען ביידע ספרי תורות, און מען פארקויפט צוויי "פתיחת הארון". אזוי איז דאס א שטיקל הכנסה פארן בית המדרש.

## איך זע אז עס איז דא זייער אסאך ספרי תורות האלטערס אין בית המדרש, וואס איז פשט פון דעם?

ס'זענען דא מענטשן וואס קויפן א ספר תורה און זיי ווילן עס אריינלייגן אין א שענערע האלטער, קויף איך אפ פון זיי די אלטע האלטער, און איך לייג עס אוועק אין בית המדרש, איך טו עס אלס א פריוואטע מצוה, אז מען זאל נישט אוועקווארפן די אלטע האלטער'ס. אזוי אויך איז דא דא האלטערס פון האלץ פון ביימער, וואס זענען געוואקסן נעבן די נהר חידקל אין איראק, און אויך פון בוכארא.

אין די צייט ווען מ'האט געבויעט דעם בית המדרש איז געקומען די שטאטראט און געפאדערט אז מען מוז אויך בויען א שעלטער (מקלט) וויבאלד אין די גאנצע געגנט איז נישטא צו געפינען א שעלטער. אזוי האט מען טאקע געטון, און עד היום ניצט מען עס בשעת צרה.

אין שעלטער האבן מיר אריינגעשטעלט אן ארון קודש, און אזוי באדינט עס אויך פארן בית המדרש, ווען די אנדערע שולן זענען פיל.

אין יאר תשנ"ו, פאר 30 יאר צוריק בערך, איז צוגעקומען צום בית המדרש נאך א שטיבל, פאר דעם איז דארט געווען א געשעפט וואס האט באלאנגט פאר די הקדש פון די הייזער, ס'איז געווען אזוי ווי צווי הקדשות איינס פאר די שול וואס האט געהייסן בתי כנסת מוסיאף, און איינס פאר די הייזער וואס האט געהייסן בתי מוסיאף, און דער בעל הבית פון געשעפט האט עס געזוכט צו פארקויפן. איז געקומען צו מיר דער גבאי פון די הקדש און ער האט מיר געזאגט: 'איך זע אז דו דארפסט דא די פלאץ, ס'איז א שאד עס זאל גיין פאר סתם א מענטש, קום און די קויף עס (אויף שליסל געלט) פארן בית המדרש.

אומר ועושה, מיר זענען געגאנגען און גע'חתמ'עט א קאנטראקט פארן שול.

(בדרך אגב האבן מיר געטראפן אונטער די שול א בונקער פון די צייטן ווען די מדינה הציונות האט זיך אויפגעשטעלט. דארט האבן זיך ראשי המדינה באהאלטן. פאר א שטיק צייט צוריק האט מען געפונען דארטן באמבעס און געווער פון יענע צייטן. יעצט ניצט מען ברוך השם די פלאץ פאר הייליגע זאכן, צו דאווענען און לערנען).

## וויפיל איך דריי זיך אין געגנט זע איך אז עס גייט ארויס אסאך חסד פון דעם בית המדרש, סיי מיטן טיילן עסן, און סיי מיטן טיילן צדקה. ווען האט זיך אלעס אנגעהויבן?

דאס קומט נאך פון די צייטן פון ר' שלמה מוסיאף, דעמאלט איז נאכנישט געווען קיין סינק'ס - קראנען אין די הייזער, האט ער געגראבן 3 בורות און עס אנגעפילט מיט וואסער. דארט איז געשטאנען א שומר, און



דער דעמאלסט'דיגער גבאי האט געזאגט פארן שומר פאר אים געב יא, און פאר אים נישט. פאר די ארעמעלייט האט ער געגעבן אומזיסט, און פאר ווער ס'האט יא פארמאגט געלט, האט מען פארקויפט.

נאכמער פון דעם פלעגט ר' שלמה אויך זארגן פאר אלמנות און יתומים און ארעמעלייט וואס האבן נישט געהאט ווי צו וואוינען, האט ער זיי געבויעט הייזער צו וואוינען גענצליך פאר אומזיסט.

אזוי אויך פלעגט ער זיצן אינדרויסן פון בית המדרש און געבן פאר מענטשן געלט אז זיי זאלן נישט לויפן גלייך צו די ארבעט, נאר זיי זאלן קודם גיין דאווענען.

### לאמיר אביסל הערן, וויאזוי זענט איר געווארן גבאי?

אזוי ווי געשמועסט האב איך געהאט א ניסלער געשעפט, און אין בית המדרש האט זיך געפאדערט פרישע כוחות. איז מען געקומען צו מיר און געפרעגט אויב איך קען אביסל קומען העלפן אין שול, איך האב מסכים געווען בחפץ לב. צוביסלעך האב איך זיך אריינגעדרייט אין די גבאות.

למעשה איז געווען א שטארקע שוועריגקייט אנהייב פון די גבאות, וויבאלד די פריערדיגע גבאים האבן מיר איבערגעלאזט א פיינע ירושה - חובות! און מענטשן האבן אנגעהויבן צו פאדערן מיט שטרי חוב, איך זאל זיי באצאלן. ס'איז געווען פאר מיר זייערע א שווערע זאך ווייל די בית המדרש פלעגט נישט האבן גרויסע הכנסות. ס'האט זיך גערעדט פון א חוב פון ארום 30,000 דאלער (אין יענע צייטן פלעגט מען מער ניצן דאלער אין ארץ ישראל).

למעשה האט מיין ביזנעס זיך אנגעהויבן צו וואקלען, וויבאלד איך בין געווען אזוי שטארק פארנומען מיט די גבאות, און מיין קאפ איז שוין נישט געווען אין געשעפט, און ס'האט זיך אנגעהויבן צו דערקענען אין געשעפט. האב איך געזאגט פאר מיינע נאנטע אז איך וויל אפלאזן די גבאות.

ווען ס'איז אנגעקומען צו די אויערן פון א גרויסע ספרדישע רב, האט ער געזאגט פאר זיינע תלמידים "גייט'ס קיין מוסיאף, איך גיי דארט געבן א שיעור".

איך בין דעמאלט געווען אין בית המדרש, און פלוצלונג זע איך אז ס'טוט זיך א אנלויפעניש, פרעג איך דעם עולם וואס האט פאסירט? זאגן זיי מיר אז דער רב קומט יעצט געבן א שיעור.

איך האב זיך זייער געוואונדערט, וואס עפעס קומט ער דא געבן א שיעור אינמיטן א גרינע מיטוואך. האב איך געטראכט אז ס'איז וועגן חודש אב, די ניין טעג. איז ער געקומען געבן א שיעור וועגן חורבן הבית.

האב איך זיך געזעצט צווישן דעם עולם. נאך אזא צוואנציג מינוט רעדן, געבט ער זיך א רוף אן : "ענק ווייסן פארוואס איך בין דא געקומען?" ס'איז געווען אינגאנצן שטיל. "איך בין געקומען דא ווייל איך האב געהערט אז ר' אברהם כהן וויל אפלאזן די גבאות. וואו איז ער?" - די גאנצע עולם האט געוויזן מיט די פינגער אויף מיר, און ער רופט זיך אן צו מיר - "קום ארויף דא!"

ער האט מיר אראפגעזעצט נעבן אים, און ער האט אנגעהויבן צו רעדן די מעלה פון איינער וואס האט די זכי'ה צו מזכה זיין דעם רבים מיט שיעורי תורה, און מיט אלע גוטע זאכן. ער געבט א קוק אויף מיר און ער זאגט מיר שטיל: "געענדיגט מיט די אלע מעשיות, דו ביסט גבאי, קוק יעצט נישט אויף דיין ביזנעס. דו זיי ממשיך מיט גרויס הצלחה און דו וועסט זען אן עקסטערע סייעתא דשמיא".



**"זייט ווען מאכט א בית המדרש קראנק א מענטש? פון א בית המדרש האט מען נאר א רפואה און א ישועה!**

**ס'איז גאר פארקערט, דאס אז דו ביסט נאך געזונט איז נאר בזכות דעם וואס דו ביסט גבאי!**

**אויב דו לאזט עס אפ קען איך דיר גארנטירט צוזאגן אז דו וועסט זיין געזונט!"**

אזוי האט ער מיר מחזק געווען מיט גוטע ווערטער, און ער האט ממשיך געווען די שיעור נאך אזא דרייסיג, פערציג מינוט.

ווען מען האט געענדיגט די שיעור, זאגט ער מיר: "קום אריין מיט מיר אין קאר!" האב איך אזוי געטוהן!

זאג איך אים: "כבוד הרב, ס'איז נישט אזוי פשוט צו זיין א גבאי, ס'איז גענוג אז איינער איז מיר נישט מכבד און ער טשעפעט מיר אדער פארשעמט מיר. ס'איז ביטער שווער"

רופט ער זיך אן: "און מיר איז מען יא מכבד, מיר טשעפעט מען נישט, דו קוק נישט אויף קיינעם, קוק נאר אויף איינעם, קוק אויפן אייבערשטן, דו דארפסט טון פארן אייבערשטנ'ס וועגן, דיין פליכט איז ממשיך זיין מיט די זיכוי הרבים!"

אזוי האט מען געשמועסט בערך א פערטל שעה, ביז איך בין ארויס אינגאנצן מחוזק מיט א קלארע באשלוס 'איך בין ממשיך מיט די גבאות'.

נאך צען יאר האט איך געהאט נאך א נסיון! איך האב געפילט א מידקייט און איך האט געטראכט צו מיר 'וואס פעלט מיר אויס די גאנצע קאפ ווייי' האב איך עס געזאגט פאר מיינע חברים, האבן זיי אנגעהויבן מיר צו צודריקן אז איך זאל קומען מיט זיי צו הרב דוד אבוחצירא שליט"א. האב איך זיי געזאגט 'וואס קען ער מיר מחדש זיין, איך וויל נישט זיין גבאי און שוין!!!

אבער זיי האבן נישט אויפגעגעבן און מען האט זיך ארויסגעלאזט אין וועג צו צפון ארץ ישראל אין די שטאט נהריה, דארט וואו ער וואוינט.

מיר קומען אריין צו אים און ער געבט זיך א רוף אן: "אזוי לאנג האט גענומען ביז דו ביסט געקומען צו מיר..." ער האט געגעבן א שמייכל און ער זאגט מיר: "קום זעץ זיך אראפ נעבן מיר". און ער פרעגט מיר "פארוואס ביסטו געקומען?" האבן זיך די מענטשן אנגערופן: "הרב, ער וויל זיך אפזאגן פון די גבאות".

זאגט ער מיר, איז פארוואס ביזטו געקומען צו מיר, גיי צו די רב וואס האט דיר פאריגע מאל מחזק געווען צו האלטן דעם גבאות, איך קען דיר נישט זאגן אזא זאך זיך צו אפזאגן

האבן זיך די מענטשן אנגערופן, אויב וועט ער גיין צו הרב, וועט ער אים זאגן אז ער קען זיך אפזאגן.

געבט ער מיר א פרעג: זאג מיר דו ווילסט א ברכה פון מיר?

זאג איך אים: "זיכער"!

זאגט ער מיר: איך קען דיר נישט געבן א ברכה נאר אויב דו גייסט מיר פאלגן וואס איך האב דיר צו זאגן. האב איך געזאגט: "נעשה ונשמע, וואס כבוד הרב גייט זאגן בין איך גרייט אנצונעמען".

זאגט ער מיר: איך זאג דיר דו גיי נישט צו הרב, הער וואס איך זאג דיר, זיי ממשיך מיט דיין הייליגע ארבעט". און ער געבט א שריי אויף דעם אנדערע גבאי: "פארוואס דארף ער ליידן אלע שוועריגקייט פון א בית המדרש, ער איז א כהן און ער דארף זיין פארנומען נאר מיט די הייליגע זאכן, ענק זאלן נעמען אויף זיך די שווערע חלקים. (ער האט נישט געוואוסט אז א טייל פון די פראבלעם איז אויך דער גבאי)."

למעשה געלויבט דער אייבערשטער אז איך האב געפאלגט מיט תמימות און איך בין צוריק אריין מיט א פרישקייט אין די עבודה.

בערך נאך א צען יאר נאכדעם איז מיר אונטער געקומען די דריטע נסיון (א נסיון נאר איינמאל אין צען יאר איז נישט אזוי שלעכט... הלוואי אויף אונז...) איך בין שוין געווען נאך עלטער, און איך בין שוין נישט געווען אזוי געזונט, איך האב אנגעהויבן צו ליידן אויף צוקער, בין איך נאכאמאל געקומען מיט א שטארקע החלטה, שוין! געענדיגט מיט די גבאות!!!

הרב ראובן אלבז דער ראש ישיבה פון ישיבת "אור החיים" (פאר בעלי תשובה) האט מיר גערופן צו זיך אין ישיבה און איך קום אריין, איך זע אז מען האט מיר צוגעגרייט א בית דין!!! דריי גרויסע רבנים, הרב ראובן אלבז שליט"א, הרב ציון בוארון שליט"א, מיט הרב יעקב שכנזי שליט"א. אלע דריי רבנים זיצן דארט, און הרב אלבז הייבט מיר אן צוזאגן: "איך האב געהערט זאגן אז דו ווילסט אפלאזן די גבאות,

אזא זאך קען מען נישט אליין מחליט זיין, דו דארפסט האבן רשות פאר דעם״.

האב איך אנגעהויבן צו זאגן: ״כבוד הרב, איך בין שוין אלט און איך בין לעצטנ'ס אריבער א סטראוק (אירוע מוחי) איך לייד אויף צוקער, איך פיל אז איך האב שוין יוצא געווען!״

רופט זיך אן הרב באוראן: ״זייט ווען מאכט א בית המדרש קראנק א מענטש? פון א בית המדרש האט מען נאר א רפואה און א ישועה! ס'איז גאר פארקערט, דאס אז דו ביסט נאך געזונט איז נאר בזכות דעם וואס דו ביסט גבאי! אויב דו לאזט עס אפ קען איך דיר גארנישט צוזאגן אז דו וועסט זיין געזונט!״

נאך אזעלכע ווערטער האב איך געזאגט: מסכים איך גיי צוריק מיט א פרישקייט״. שכח אייבערשטער אז פון דעמאלט בין איך געזונט און שטארק, און איך בין שוין נישט אריבער נאך סטראוק'ס.

**זייער אינטערעסאנט צו הערן. פארציילט אונז וואס איז דא ספעציעל**

**אין בית המדרש מוסיאוף, ס'איז דאך דא הונדערטער אנדערע שולן?**

זייער אסאך אשכנזי'שע אידן האבן מיר געזאגט, 'איך דאוון נאר אין מוסיאף ווייל דא רעדט מען נישט ביים דאווענען, און דא רעדט מען נישט קיין פאליטיק און לשון הרע!!!

פאר בערך 30 יאר צוריק האב איך געהאט אן אינטערעסאנטע מעשה, איך דאוון איין טאג אין שטיבל ד', אינמיטן באמערק איך א מענטש מיט א שיינע ווייסע בארד, ער האט אויסגעזען א חשובער מענטש, גיי איך צו צו אים און איך בין אים מכבד: ״ר' איד ביטע זעצט אייך אוועק״. מאכט ער מיר א סימן, ניין ס'איז גוט. בין איך געבליבן זיצן, ס'גייט אריבער פינף מינוט, און איך פיל זיך זייער נישט באקוועם צו זיצן, גיי איך צו נאכאמאל און איך בעט זיך ביי אים, ביטע זעצט אייך אראפ. זאגט ער מיר: ״הערט זיך צו, איך קום פון חוץ לארץ, איך בין א גרויסער רב, א גאנץ יאר איז מיר זייער שווער צו דאווענען פארן אייבערשטן, ווייל איך איז כאטש ווען איך קום דא זאל איך קענען דאווענען פארן אייבערשטן״. (אזוי ווי דער

הייליגער רבי ברענגט: קשה להיות מפורסם וכו')

**פארציילט אונז אביסל מער וועגן די חסד פון בית המדרש היינט צו טאגס?**

דו דארפסט פארשטיין מיר האבן נישט צו א גרויסער יכולת צו געבן, רוב מענטשן וואס קומען דא דאווענען זענען נישט די גרויסע עשירים, אבער דאך זענען מיר זיך משתדל צו טיילן די מערסטע וואס מ'קען. למשל פאר פסח כאפט מען מיר אפ און איך רעד אויף אפאר שפראכן (לשון הקודש, ענגליש, אראביש) און איך בעט פאר ווער ס'קען נעמען א חלק אין די געוואלדיגע הוצאות. אזוי קענען מיר אביסל טיילן פאר אלמנות און צובראכענע משפחות וואס דארפן האבן הילף. דא קענסטו זען א טשעק בוך וואס מיר האבן פארטיילט פאר נצרכים, הלוואי וואלט איך געקענט פארברייטערן די פעולות פון חסד, דארפסט פארשטיין אז די הוצאות זענען געוואלדיג. דא קענסטו זען אפאר חשבונות פון לעקטער פון פאר פסח, דאס אליין איז ארום 25,000 טויזנט שקל.





דער הייליגע רבי
האט געזאגט:

מוצאי ראש השנה לייג איך שוין צו אן אויער צו הערן ווי דער שמש קלאפט שוין פאר סליחות

נסיעה
טרעוועל

חוץ פון דעם זענען דא אסאך מענטשן וואס ברענגען וואס ס'בלייבט זיי איבער פון זייער געשעפט סוף טאג, און נצרכים קומען עס נעמען..

**איך האב עפעס געהערט וועגן א סגולה פאר א שידוך דורך ריין מאכן די בית המדרש, אויב איר קענט פארציילן איבער דעם..**

יעדע וואך מאנטאג קומען א גרופע מיידלעך און זיי מאכן ריין די שול בהתנדבות אלס א סגולה צו ווערן א כלה. און ס'ארבעט זייער גוט, נאך א שטיק צייט קומען זיי און זיי זאגן ס'קומט זיך אונז א מזל טוב

עס האט זיך אנגעהויבן פון א רב אין תל אביב, ער פלעגט שיקן דא קביעות'דיג פאר ווער ס'האט אים געבעטן א ברכה פאר א שידוך, און ב'איז ממשיך ביזן היינטיגן טאג.

**וועלעכע נאך זאכן קומט דא פאר שבת?**

עס איז דא א אור אלטן ספרדי'שן מנהג, פון פאר 500 יאר צוריק, זיך צו צאמנעמען יעדע וואך שבת ביינאכט ארום דריי אזייגער, און זינגען צוזאמען ניגונים (עפעס אזוי ווי א באטע) ביז אינדערפרי, און דאס ווערט אנגערופן "שירת הבקשות". ביי אונז אין בית המדרש נעמט מען זיך צאם אין שטיבל ג' און ד' (מען עפנט די



וואנט פון אינמיטן) און ארום 300 מענטשן קומען זינגען צוזאמען די הייליגע ניגונים. אזוי ווי דער הייליגער רבי ברענגט אין ליקוטי מוהר"ן די צוויטע חלק סימן ק"ד אז זינגען שבת'דיגע זמירות איז איינע פון די זאכן וואס די אידישקייט איז מיט תמימות אן קיין חכמות.

(והיה מזהיר ומוכיח אותנו כמה פעמים, לזמר זמירות בשבת, והיה מקפיד וכועס מאד על מי שהוא חכם בעיניו ואינו מתאמץ לזמר זמירות בשבת ובמוצאי שבת או שאר עבודות פשוטות, כי עקר היהדות הוא בפשיטות ובתמימות גמור, בלי שום חכמות, עכ"ל)

**לאמיר יעצט אריבערגיין צו א באזונדערע נושא. ווי ס'איז באוואוסט, אז פון דא אין בית המדרש גייט ארויס פילע הונדערטער שיעורי תורה, ווילן מיר אביסל הערן ווי אזוי ס'האט זיך אנגעהויבן, און ווי אזוי ס'איז ממשיך ביזן היינטיגן טאג?**

ווען איך בין געווארן גבאי איז געווען נאר צוויי שיעורים, איין שיעור איז געווען פון הרב ראובן אלבז שליט"א - ראש ישיבת אור החיים. די שיעור גייט נאך אן ביז היינט, ער געבט עס איבער שבת נאכמיטאג א שעה מיט א פערטל פארן זמן, און גלייך נאכן שיעור גייט ער אהיים און ער פראוועט דארט שלש סעודות.

די צווייטע שיעור איז געווען פון דער דעמאלטס'דיגער גבאי, הרב יצחק כרמלי זצ"ל.

ווען איך בין געווארן גבאי האב איך זייער שטארק געוואלט פארגרעסערן די שיעורי תורה, בין איך געגאנגען צוזאמען מיט ר' יובל כהן - וואס ער איז פאראנטווארטליך (אחראי) אויף די שיעורי תורה - צום שטוב פון הרב בן ציון מוצפי שליט"א, און מיר האבן אים געבעטן אויב ער איז מסכים צו קומען געבן א שיעור ביי אונז אין בית המדרש. האט ער אונז געפרעגט: "ווער וועט קומען צו מיין שיעור?" האבן אונז געענטפערט: "אונזביידע". האט ער מסכים געווען. אזוי האט זיך אנגעהויבן די דריטע שיעור, די שיעור האט ער פון אנהייב געגעבן אין שטיבל ד', שפעטער ווען ס'איז שוין געווארן צו קליין, איז מען אריבער צום גרויסן בית המדרש.

שפעטער איז צוגעקומען נאך א שיעור פון הרב מאיר אליהו שליט"א. פון אנהייב איז ער געקומען אנשטאט אנדערע רבנים . און איך האב געזען ווי ער ווארפט צאם ביי זיינע שיעורים פון גאנץ ש"ס, האב איך אים געבעטן אויב ער וויל קומען געבן קביעות'דיג א שיעור, און געלויבט דער אייבערשטער ער האט מסכים געווען.

אזוי האט מען צוביסלעך אנגעפילט נאך און נאך שיעורים, ביז היינטיגן טאג איז שוין דא א פולע סדר מיט שיעורים, יעדן טאג איז דא אן ערך פון 18 שיעורים, שבת איז דא ארום 10 שיעורים.

חוץ פון דעם גייען די שיעורים ארויף אויף נאך אסאך פלאטפארמעס, סיי אין קול הלשון, און אזוי אויך אויפן זייטל פון בית המדרש און אין נאך פילע פלעצער. פון וויפיל מיר ווייסן הערן דאס אויס א טאג ארום פערציג טויזנט אידן. פארשטייט זיך אז מען קען נישט וויסן די אמת'ע נומערן. לעצטנס קלינגט מיר אריין א איד ער שטעלט זיך פאר אלס א רב, און ער



זאגט מיר אז ער וויל זיך זייער שטארק באדאנקען אויף די שיעורים, ער זאגט מיר אז ער נעמט אלע שיעורים און ער לייגט עס ארויף אויף זיין זייטל, און דארט זעען עס ארום צוואנציג טויזנט מענטשן, און נאך פילע מענטשן וואס פארשפרייטן עס.

ווען ס'איז געווען די קאראנע ווירוס האבן מיר באקומען א ספעציעלע רשות ווייטער צו ממשיך זיין מיט די שיעורים. דעמאלט זענען געווען די נומערן פון די צוהערער צווישן אכציג און הונדערט טויזנט!!! צוהערער'ס.

איך האב באקומען א גריס אז ס'איז דא א פרייע טעלעוויזיע וואס נעמט פון מאל צו מאל די שיעורים און זיי לייגן עס ארויף פאר זייערע חברה. איך באקום גריסן פון די גאנצע וועלט ווי מענטשן האלטן מיט די שיעורים, אמאל האב איך באזוכט אין אוסטראליע צו שאפן געלט פארן בית המדרש, און מענטשן זענען צוגעקומען צו מיר זיך באדאנקען אויף די שיעורים. אזוי אויך האב איך אמאל באזוכט אין אינדיע און אידן האבן זיך ממש באדאנקט. די זיכוי הרבים האט נישט קיין ענדע. איך גלייב אז אלס א ברסלב'ע מפיץ פארשטייסטו אביסל פון וואס מען רעדט.

די שיעורים געבט מען איבער פון אינדערפרי ביז ביינאכט. אמאל האב איך געהאט א אינטערעסאנטע קרישקעלע, ס'איז געווען ביי א שיעור פון איינע פון די רבנים, און איך האב געגעבן א שריי אריין: "כבוד הרב מיר האלטן שוין העכער דריי הונדערטע שיעורים וואס מען האט געגעבן אין בית המדרש". געבט ער זיך א רוף אן: "דאס איז די גאנצע?" האב איך דעמאלט פארשטאנען אז מ'דארף זיך נישט גרויס האלטן, און אז דאס איז נאך גארנישט קעגן וואס ס'גייט נאך קומען".

די גאנצע זיכוי הרבים איז אלעס בהתנדבות - גענצליך אומזיסט, אנגעהויבן פון רבנים וואס געבן די שיעורים שלא על מנת לקבל פרס, און שפעטער די וואס ארבעטן עס איבער, און די וואס שיקן עס אריבער, אלע ארבעטן אומזיסט.

פארשטייט זיך אז מיר זעען יא אריינצושיקן לכבוד פסח און לכבוד סוכות פאר אלע רבנים א שיינע סכום געלט, אלס א הכרת הטוב.

**ווי מיר האבן געהערט האט מען ביים בויען דעם בית המדרש אריינגעלייגט א שטיין פונעם כותל המערבי, וואס קענט איר פארציילן איבערדעם?**

די וועג פון בויען די בית המדרש איז געווען זייער ספעציעל, מען האט אכטונג געגעבן אז אלעס זאל ווערן געבויעט מיט די גרעסטע מאס הייליגקייט! נאר אידן האבן געארבעט צו בויען דעם שול, און די וואסער צו


ד ע ר   ר א ש   י ש י ב ה   ז א ג ט :

# ענדערש צאל דיין אומאן טיקעטס אויף פאראויס דורכאויס די יאר ווי צאלן די חוב אויף צוריק

נסיעה
ט ר ע ו ו ע ל







מאכן די ליים איז גענומען געווארן פון מעיין השילוח, אזוי אויך האט מען אריין געלייגט 2 שטיינער פון כותל המערבי (מיר גייען נישט אריין אין די הלכה שאלה דערין אויב מען מעג ניצן די שטיינער).

ווען מען האט געבויעט דעם בית המדרש, איז ר' שלמה מוסיאף געגאנגען מיט דעם שר משה מאנטיפיורי באזוכן אין כותל המערבי (עס איז נאך געווען פאר די ציונים האבן געהערשט אויף א"י), און זיי האבן געזען אז די פלאץ איז זייער נאכגעלאזט און נישט מכובד'דיג. ס'איז געווען דארט פארלאזטע אראפגעפאלענע שטיינער פון כותל, האט ער גענומען פון דארט 2 שטיינער, און עס אריינגעלייגט אין מזרח דרום וואנט (זע בילד).

אזוי שמועסנדיג מיטן גבאי, געבן מיר אים א פרעג: 'איר האט שוין אמאל געהערט פונעם צדיק מוהרא"ש פון יבניאל?', רופט ער זיך אן: "אוודאי, איך האב אפילו זוכה געווען צו באקומען א ברכה פון אים!"

איינמאל בין איך געווען ביי א חתונה, און מוהרא"ש זי"ע איז דארט געווען. נאכן טאנצן מצוה טאנץ האט מוהרא"ש געוואונטשן דעם עולם, און איך בין געווען צווישן דעם עולם! איך בין אזוי גליקליך אז איך האב זוכה געווען צו באקומען א ברכה פון א צדיק.

מיר זענען ממשיך צו שמועסן, און פלוצלונג פאלט אויף אונז א באמבע ער פארציילט אונז: "דרך אגב, אמאל איז געקומען צו מיר א איד מיטן נאמען ר' חיים חיאון, און ער זאגט מיר: "דו ווייסט וויאזוי מוהרא"ש איז אויסגעוואקסן אזא תלמיד חכם? ווייל ער פלעגט זאגן די ווערטער פון די הייליגע גמרא אזוי ווי די ברסלב'ע רבי לערנט אויס, אויב דו ווילסט מיר פאלגן מאך אים נאך, ס'איז א זאך וואס יעדער קען דאך טון".

ב"ה איך האב געהאט די שכל דאס אנצונעמען. איך האב אנגעהויבן צו זאגן גמרא יעדן שבת נאכמיטאג פאר צוויי דריי שעה. נאך זיבן יאר האב איך זוכה געווען צו מסיים זיין גאנץ ש"ס!!! איך האב נישט אלעס פארשטאנען, איך האב נאר געזאגט די ווערטער.

א גרויסן שכח פארן אראפגעבן פון אייער טייערע צייט, און איבערגעבן פאר די חשובע ליינערס, אלע איינצעלהייטן און היסטאריע פון אט דעם הייליגן פלאץ, א פלאץ וואס אידן קומען דאווענען טעגליך שחרית מנחה מעריב, וואס דאס איז דאך די עיקר פון א איד. אזוי אויך איז דאס א ווינקל וואס איז דא טעגליכע שיעורי תורה. וואויל איז אייער חלק וואס איר האט די זכי' דאס צו טון אויף א טעגליכע פארנעם.

די ליינערס וועלן זיכער הנאה האבן, און ארויסנעמען חיזוק יעדער איינער אויף זיין וועג, אנצוגיין צו העלפן אידישע קינדער אויף אלע סארט וועגן וואס מען קען נאר.

**א פרייליכן יום טוב.** ■

*Fly anywhere*
*call us today*




**נסיעה**
טרעוועל

*LOOK OUT FOR OUR WINTER TRIPS*

**845.444.TRVL** 8785 **NESIAHTRAVEL.COM**

TICKETS · TRIPS · TRAVEL ITINERARIES · VACATION PACKAGES · CAR RENTALS · HOTELS

*sruliHeskel



# מיין טייער
# זיס קינד
# דו לעבסט
# אין א חלום

715 טיעמס |

*sruliHeskel



$1,22
יל איך האב
ינוועסטעד
אר דיר
אינוועסט
אינוועסט ריכטיג!
13,906 נדבות

# נאך א סעודה
# נאך א סעודה
# נאך א סעודה
# נאך א סעודה
# נאך א סעודה

מיט אייער הילף קענען אנשי שלומינו מקיים זיין ושמחת בחגך און פראווענען א שיינעם יו"ט.

רופט אייך אן ווארעם און העלפט דעם בית התבשיל אייך ווייטער העלפן.

בית התבשיל
בנשיאות
**הראש ישיבה**
שליט"א

*אונזער חלק*
**מיר טיילן אויס איבער $75,000**
*אייער חלק*
**רופט אייך אן ווארעם 718.306.2448**

*sruliHeskel

## ושמחת בחגיך

אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארן האבן מיר ב"ה
צוגעשטעלט פרישטיג בחינם חול המועד אין די סוכה
גדולה ביים בית המדרש אין שטעטל.

גרייטן מיר זיך מיטן אייבערשטנ'ס הילף היי יאר נאכאמאל
צו צושטעלן ברייטע פרישטיג פאר אלע מתפללים

על כן ווילן מיר בעטן די חשובע נדבנים אויב ווילט איר
נעמען א חלק, די הוצאות זענען זייער גרויס, איין טאג
קאסט 1500$ ביטע זיך מעלדן צו נעמען א חלק.

שלמה יאקאבאוויטש

845-637-5367

**א פרייליכן יום טוב**

קויף פאר דיין ווייב
א שיינע מתנה
פאר יום טוב, א צירונג
מיט נייע קליידער

עצתו אמונה תשפ"ד

PRIMROSE

*fashionable headwear*

By appointment:
347.768.4012

dominogrp.com



פאר די
# ברסלב׳ע
שטוב

## מיין שוועסטער

פון א פאפולערע פולישע מאווי שפילער צו אן ערליכע אידישע פרוי / וואס האט איר דערוועקט פון שלאף / די פילע שטיינער אויפן וועג / לכבוד יום טוב סוכות ברענגן מיר פאר די חשובע ליינער אן עקסקלוסיוו שמועס מיט בתי׳ פאפלאווקע תחי׳ וואס איז געווארן אונזער שוועסטער - א חלק פון כלל ישראל כ״א אייר תשפ״ה

די נתי שאוי
ג. פעקעטע

ווייל איך האב
נאר דאס געוואלט
ש. טראכטער

# ושמחת בחגיך והיית אך שמח

קרית ברסלב בלעטל וואונטשט אלע חשובע משפחות א פרייליכן יום טוב סוכות

ש. טראכטער



# ווייל איך האב נאר דאס געוואלט

דעם פאראנגענעם סוכות תשפ"ה האבן מיר געהאט די זכי' צו זיין אין שטעטל ב"ה. חול המועד האבן מיר געכאפט א שפאציר אראפ די שיינע וועג (טרעיל) ביי די גארדן הויז גאס (די טאון אוו ליבערטי האט זיך גערעכנט מיט די ברסלב'ע איינוואוינער און זיי צוגעשטעלט א "התבודדות טרעיל".)

עס איז א הערליכע שיינע וועג וואס ציעט זיך זייער לאנג. די קינדער קענען דארט פארן מיט די בייקס, בשעת די עלטערע קענען כאפן א דערפרישנדע שפאציר, אין שויס פון די הערליכע בריאה. ספעציעל שיין איז עס אין די צייט פון יאר, ווען די בלעטער געזעגענען זיך פון דיביימער און זיי הייבן אן ווינקען די אנקומענדיגע ווינטער.

אזוי שפאצירנדיג, שטעלט זיך אפ נעבן אונז אן אמעריקאנע אלטע פארפאלק. זיי האבן נישט געצייגט קיין שום סימן פון אידישקייט, אבער עס איז אונז געווען אינטערעסאנט צו הערן די מוזיק וואס האט זיך ארויסגעהערט פון זייער טעלעפאן, "אפילו בהסתרה שבתוך הסתרה..."

דאן האבן זיי זיך אפגעשטעלט, און אונז באגריסט מיט א פריינדליכן "א גוטן מועד." מיר האבן פארשטאנען אז דאס זענען אידישע קינדער און זיי העפליך צוריקגעגריסט. די פארפאלק האט ווייזט אויס געהאט אסאך צייט און זיך געפריידט צו טרעפן א מענטש מיט וועמען צו שמועסן. זיי האבן זיך אנגעהויבן אינטערעסירן און זיך נאכפרעגן וואס מיר טוען דא און ארויסגעוויזן אינטערעס אז דא איז פארהאן א ברסלב'ע שטעטל. זיי האבן אונז דערציילט אז קומען נישט פון

דא. זיי זענען נאר געקומען פארברענגען די טאג חול המועד אין "אפסטעיט".

אינצווישן שלעפט די פרוי ארויס א בילד און זי צייגט מיר, "דאס איז מיין משפחה. מיינע קינדער און אייניקלעך."

די בילד האט מיר ערשטוינט. איך זע א בילד פון פרומע, חסיד'ישע און ליטווישע ערנסטע אינגעלייט, וואס געבן אן איינדרוק פון בני תורה. די פרויען גייען אלע מיט צוגעדעקטע קעפ און לאנגע צניעות'דיגע קליידער, און שמייכלען ארויס פונעם בילד פון צווישן קינדער געבענטשטע שטיבער.

די פרוי פארציילט מיר מיט שטאלץ, "מיינע אייניקלעך ווילן נישט נוצן מיין סמארטפאון. איך האב דריי קינדער. איינער וואוינט אין בני ברק און ער איז א מגיד שיעור. א צווייטע וואוינט אין בארא בארק און איז אויך א מרביץ תורה און א דריטע, א טאכטער וואוינט אין לעיקוואוד, און איר מאן איז א כולל אינגערמאן.

איך קוק און איך שטוין. איך בין זייער שאקירט. דא שטייט פאר מיר א פרוי, וואס ביז געציילטע מינוט צוריק האב איך נישט געטראכט אז זי איז בכלל א חלק פון דעם עם הנבחר, און זי צייגט מיר אצינד א בילד פון איר פרומע משפחה.

וויאזוי האט זי זוכה געווען דערצו? איך האב זיך נישט געקענט איינהאלטן און מיט געמאסטענע ווערטער פרעג איך איר, וויאזוי זי האט זוכה געווען צו אזא גליק. "ווי נישט ווי... זענען אייערע קינדער "אביסל" אנדערש ווי אייך?"

די פרוי צעשמייכלט זיך און זאגט מיר, "זייער אנדערש, מיינסטו צו זאגן..." דערנאך האט זי זיך פארטראכט און זי זאגט מיר מיט אן ערנסטע מינע, "מיין מאן און איך האבן שוין פיל מאל אריינגעקלערט דערין. און איך מיין אז מיר ווייסן אפשר א חלק פון די ענטפער."

זי האט מיר דאן דערציילט אז זי איז אויפגעוואקסן אין די בראנקס. זייער שטוב איז נישט באשטאנען פון צופיל אידישקייט. אבער דאס ביסל וואס זיי האבן יא געוואוסט האבן זיי געהיטן זייער ערליך און מיט א שטארקע תמימות און פשיטות.

און אזוי האט זי אויך געטון נאך די חתונה. זי דערציילט מיר אז איין זאך האבן זיי זיך בעיקר פארלייגט. שבת זאל זיין א פרייליכע און געשמאקע צייט ביי זיי אין שטוב! די גאנצע וואך האט זיך געדרייט ארום שבת.

"מיין מאן האט זייער ליב די זמירות פון שבת. ער זינגט אלע זמירות וואס ער קען און ער זינגט דאס מיט א מורא'דיגע בענקעניש. ווען מיינע קינדער זענען געווען יונג, פלעגן די חברים פון אונזערע קינדער ווערן צוגעצויגן צו אונזערע שבת סעודות. אסאך פון זיי פלעגן אפט זיין אונזערע שבת געסט. מיר פלעגן צוגרייטן גוטע זאכן פאר די קינדער און מיין מאן פלעגט זינגען מיט זיי שפעט אריין אין די נאכט."

עס איז מיר אריבער א קעלט אין דיביינער. איך האב איר געזאגט אז דער ברסלב'ע רבי זאגט אז די עיקר אידישקייט איז תמימות און פשיטות און דער הייליגער רבי כאפט אן א משל פון זינגען זמירות אום שבת.

קומט אויס אז די פשוט'קייט פון די פעולה, איז גארנישט אזוי פשוט!

"און נאך א זאך", זאגט זי מיר, "מיין מאן איז נישט קיין גרויסע תלמיד חכם, אבער איין זאך... ער האט אלעמאל ליב געהאט תלמידי חכמים און אלעמאל געשעצט בני תורה. ווען ער האט געהאט א געלעגנהייט האט ער געגומען די קינדער און זיך געשטופט אז זיי זאלן קענען באקומען א ברכה פון אן ערליכע איד, פון צדיקים און פון בני תורה.

"קען זיין," פירט זי אויס, "אז עפעס האט דאס א שייכות מיט דעם אז זיי האבן אלע געצויגן צום פרומען לעבנסשטייגער?"

קען זיין? זיכער. די גמרא זאגט אז אויב איינער האט ליב א תלמיד חכם וועט ער זוכה זיין צו קינדער תלמידי חכמים.

מיר האבן נאך אביסל געשמועסט, און איך האב זיך געזעגנט פון איר. איך בין אבער ארויס מיט אסאך צידה לדרך, א שטארק נקודה למחשבה.

די שמועס איז פאר מיר געווען א לעבעדיגע מוסר ספר. על אחת כמה וכמה, אויב א פארפאלק וואס איז געווען ווייט פון תורה ומצוות, האבן זוכה געווען צו וואס זיי האבן זוכה געווען, ווייל זיי האבן "ליב געהאט ערליכע אידן" און ווייל שבת און יעדע דבר שבקדושה איז ביי זיי געווען הייליג און טייער, קענסטו זיך פארשטעלן וויפיל מער מיר קענען זוכה זיין אויב מיר לייגן צו אביסל הארץ, אביסל תפילה און אביסל מחשבה צו וואס מיר טוען ממילא? אז מיר זענען ב"ה פרומע און ערליכע אידן, קענען מיר זיך אבער נישט קלאפן אין רוקן דערמיט, נאר אדרבה, לאמיר עס נעמען א טריט ווייטער.

אויב א שטוב וואס איז געווען געבויעט אויף די מינימאלסטע צרכים פון אידישקייט האט זוכה געווען צו וואס זיי האבן זוכה געווען איז דאך מדה טובה מרובה... צו ווייסטו צו וואס דו קענסט זוכה זיין ווען די ברענגסט אריין א "שמחה של מצוה" אין דיין הייליגע ארבעט?

אט שטייען מיר אין די הייליגע חודש תשרי, וואס מיר זענען ארומגענומען מיט מצוות אויף טריט און שריט. מיר אידישע מאמעס האבן א גרויסע און אקטיווע טייל דערין. ווער קען שאצן וויפיל חלות מיר האבן די זכי' צו מאכן און וויפיל מאל מען האט ארויפגעשטעלט פיש, זופ, און פלייש און אלעס ארום? צומאל כאפט זיך אריין א יצר הרע פון, "איך האב שוין נישט קיין כח..." און מען הייבט אן טון זאכן אן אפעטיט און אן חשק.

אבער לאמיר זיך אויפפרישן. לאמיר טון אונזער אידישקייט, אונזער רצון השם מיט שמחה, ווייל דאס גייט איבער צו די קינדער!

מיר שטעלן צו אזויפיל סעודות יום טוב. מיר זענען זוכה צו די הייליגע מצוה פון סוכה און ארבע מינים. עס לוינט צוצולייגן מחשבה, "איך טו עס שוין במילא, איז פארוואס זאל איך עס נישט טון מיט שמחה, מיט פרייד, מיט א פייער פון קדושה?"

איין קליינע תפילה, "באשעפער העלף מיר זוכה זיין צו קדושת החג און צו שמחת החג. באשעפער העלף איך זאל אריינברענגען א געשמאק אין יום טוב פאר מיינע קינדער אז יום טוב זאל בלייבן אין זייער הארץ ווי די געשמאקסטע און פרייליכסטע צייט פון יאר." אוי, וואס אזא קליינע תפילה קען אויפטון.

...

מיין חבר'טע איז געווען אין ירושלים עיר הקודש און האט דארט באזוכט א פרוי וואס האט זוכה געווען אז אלע אירע קינדער זענען מרביצי תורה און זענען ספעציעל ערליך און וואויל. די משפחה איז א שם דבר אין ירושלים, און מיין חבר'טע האט געוואלט טרעפן די אמה של מלכות. אין א שמועס מיט איר האט זיך איר געפרעגט, "וויאזוי האסטו זוכה געווען דערצו?"

און די פרוי ענטפערט איר מיט א פשטות, "ווייל דאס האב איך געוואלט."

מיין חבר'טע קוקט איר אן און פרעגט איר, "איך פארשטיי נישט. וועלכע אידישע מאמע וויל דאס נישט? יעדער וויל, אבער נישט יעדער איז זוכה."

זאגט די טייערע פרוי פאר מיין חבר'טע, "איך האב נאר דאס געוואלט!"

שטארקע ווערטער... ווערטער וואס פארלאנגט אסאך תפילה והתבודדות זוכה צו זיין צו אט די מדריגה. יא, אלע פון אונז ווילן ערליכע דורות, אבער וואס איז מיין עיקר ציל אין לעבן אויף וואס איך קוק ארויס? לוקסוס, כבוד און פרסום, און געלט, רייכטום און וואקאציע.

יא, טייערע שוועסטער, איך וויל אויך ערליכע קינדער און אויך נאך זאכן. אבער דער ראש ישיבה שליט"א האט מיר געגעבן א מתנה צו, 'וועלן, וועלן!' אז איך בין נאכנישט זוכה צו א מדריגה האב איך אבער א רעכט צו בענקען דערצו.

דער הייליגער רבי האט אונז שוין מגלה געווען אין שיחות הר"ן די גרויסקייט פון בענקענישן. די עיקר איז דאס וועלן, און אז איך וועל נישט אפלאזן דאס וועלן, וועלן מיר זוכה זיין צו שיינע זאכן.

ריכטיג, יעצט וויל איך נאך אסאך זאכן, אבער מיט תפילה והתבודדות וועל איך צוקומען איין טאג צו די בחינה אז "איך דארף נישט קיינעם (און גארנישט), נאר דיר באשעפער אליינס...."

איין טאג וועל איך זוכה זיין אז איך וועל נישט ווילן קיין שום זאך, נאר ונהנים מזיו השכינה. מיט תפילה וועלן מיר עס פועל'ן.

טייערע שוועסטער, לאמיר אפשטעלן די געיעג א מינוט. די מח לויפט, 'וואס נאך דארף איך פאר יום טוב? נאך א אייז קרים, נאך א צושפייז, נאך א קאמפאט, נאך א זאקעלע און נאך א קליידעלע.' ווי טייער און אוי ווי הייליג, אבער נאך איין זאך לאמיר נישט פארגעסן, 'שמחה.'

זייענדיג אזוי פאריאגט איז צומאל שווער צו האלטן די קאפ אין פלאץ און געדענקען אז אונזער מוט און אונזער שמחה של מצוה איז נאך וויכטיגער ווי אלע ספעציעלע זייטיגע זאכן וואס קומען צו. אונזער שמחה של מצוה איז וואס גייט אריין אין אונזערע קינדער'ס בלוט.

זיי וועלן נישט דוקא געדענקען וועלכע צושפייז אדער זוף אדער אייז קרים דו האסט סערווירט די דריטע טאג חול המועד און אויך נישט די זיסע שלייפעלע וואס האט באצירט די ציקער זיסע קליידל.

זיי וועלן אבער יא געדענקען די מצב רוח, די לופט, די שמחה. (און לאמיר בעטן א תפילה אז עס זאל נישט ח"ו זיין פארקערט...) זיי וועלן מיטנעמען אלץ צידה לדרך אין לעבן דאס וואס איז געווען וויכטיג ביי מיין מאמע.

"וואס האט פרייליך געמאכט מיין מאמע? וואס האט געמאכט איר געזיכט שיינען? איז דאס געווען ווען אלע קינדער זענען געווען אנגעטון אייניג? ווען די טיש האט געקלאפט, ווען די שכנים זענען געקומען באזוכן און די הויז איז געווען הערליך צוזאמגערוימט? אדער ווען טאטי אדער די קינדער האבן געמאכט א סיום? אדער ווען זיי האבן זוכה געווען צו גיין הערן און דערהערן נאך אביסל פערל ווערטער פון דעם ראש ישיבה שליט"א? וואס איז מיין מאמע געגאנגען אין לעבן? אז מיינע פיאות זאלן שטיין ווי סאלדאטן די דריטע טאג יום טוב אדער אז איך זאל זיין אן ערליכער איד?

און אז איך פרעג זיך די שאלות און איך בין אביסל אנטוישט פון די ענטפערס, דארף איך נישט ווערן צובראכן. דער הייליגער רבי, מיט זיינע לעכטיגע עצות, לאזט אונז נישט פאלן און איז אונז מחזק כסדר. מיר האבן די עצה פון תפילה והבודדות און מאך דערפון א תפילה, "באשעפער העלף מיר זוכה זיין צו לעבן מיט די אמת, פאר די אמת און מיינען אמת'דיג דעם אמת. העלף מיר טאטע, טון מיין תפקיד אויף די וועלט און מחנך זיין מיינע קינדער צו תורה, צדיקים און יראת שמים. "העלף מיר טאטע אז איך זאל נישט פארבלענדט ווערן פון נארישקייטן וואס עולם הזה פארקויפט. איך זאל געדענקען אז ימים טובים האסטו געגעבן אז מיר זאלן ווערן נענטער צו דיר און איך זאל זוכה זיין אריינצוברענגען די שמחה אין מיין שטוב. איך זאל לעבן מיט תכלית און מיט אמת און דאס זאל איך איבערגעבן פאר מיינע קינדער. העלף מיר טאטע וועלן נאר וואס דו ווילסט, און נישט קיין שום אנדערע זאך."

עס וועט אריבערגיין א תקופה און נאך אביסל וועסטו צוריקקומען און דו וועסט זוכה זיין צו זיין דעם "אם הבנים שמחה".

די ארומיגע וועלן זיך וואונדערן, וויאזוי האסטו זוכה געווען? וועסטו זיי קענען ענטפערן, "איך האב דאס געוואלט!"

והיית אך שמח

ש. ל. פליישמאן

# איפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## דאנקען מאכט געזונטער

א קליין קינד

וואס איז זיין dream?

א טראק פון ice cream...

אדער זיין א גרויסע שוויצער,

מיט sirens און בליצער.

א טראק פון זאמד,

שוין גאר אינטערעסאנט!

אה! זיין לעבן איז אים באַ'טעמ'ט...

אין זיין rosy דמיון מיט פריידן,

טראכט ער דאס איז גן עדן!

אז דו לייענסט די שורות אצינד,

ביסטו מן הסתם מער נישט קיין קינד.

דאן וואס איז פאר דיר היינט,

געשמאק און אינטערעסאנט?

וואס זענען דיינע השגות,

פון "אה! איך פארמאג עס!"

ווילסט דאך אמת'דיג וויסן,

וואס אין גן עדן מען טוט געניסן...

הער דעם הייליגן רבי'ן'ס שמועסן:

כי זה עיקר שעשוע עולם הבא - להודות ולהלל לשמו הגדול

יתברך (ליקוטי מוהר"ן)

דער עיקר פארגעניגן אין עולם הבא איז דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אויף דעם געזאגט:

אידישע מאמעס, אידישע פרויען,

מען קען ביים לעבן גן עדן ע'enjoy'ען,

מען קען שוין יעצט אנגעפאנגען,

דעם אייבערשטן צו דאנקען.

שפירן טעם עולם הבא,

שוין אויף די וועלט דא.

פארוואס נאר נאך די פטירה,

דעמאלטס דאנקען מיט שירה...

דיין קינד אויפן פלאר א שעה ליגט,

וויינט און ווערט נישט בארואיגט.

פארפירט און שטויסט,

ארום אים moist,

"שכח באשעפער פאר דעם געשאנק"

וויפיל חלש'ן פאר דעם יארן לאנג...

מיינע קינדער רוקן אוועק די סאפפער plate,

קיינער מיין ארבעט און כח זעט,

"שכח אייבערשטער, i appreciate!"

וויפילווארטן אויף דעם נסיון,

קינדער זאלן זיי annoy'ען

דיין מאן איז געבליבן ארבעטן overtime,

מיט פיצלעך ביסט אליין אינדערהיים.

דו קלאגסט, איך ארבעט אזוי שווער זומער ווינטער,

ווען שוין אהיים קומט ער!

זוך און טרעף גוטס פון אונטער,

וועסט פילן פריש און מונטער,

דאנקען מאכט געזונטער!

ווי מער וועסט דאנקען דורכ'ן טאג,

ווען עס פארגרינגערן דיין פלאג!

זאג:

באשעפער יישר כח thank you

דו וועסט שפירן טעם עולם הבא!

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9169**

# וואַרעמע
# בריעטן

*אין קורצן פון פריער: בתי' - קינד פון ר' יודא לייב וזוגתו בילא מייזליק ז"ל, איז געבליבן לעבן נאכן צווייטן וועלט קריג, מיט מסירות נפש היטן זיי אידישקייט אין רוסלאנד. ר' יודא לייבלאזט צוואה פאר זיין טאכטערל.*

*און יעצט לייגט ווייטער:* מיט יעדן טאג וואס גייט פארביי זענען מיר א טאג נענטער צום מיתה. איינעם קומט עס שנעלער און איינער געדויערט עס לענגער, אבער יעדע בשר ודם שטארבט צום סוף."

דערנאך האט דער טאטע ווייטער גערעדט צו איר. ער האט גערעדט פון זיינע זון וואס ער האט פארלוירן. זיינע ריינע יונגע זון וואס זענען אזוי ברוטאליש און יונג פארשניטן געווארן. "ווען איך וועל אוועקגיין פון דער וועלט, וועל איך פארלאזן די וועלט אן א קדיש. דערפאר בעט איך דיר א בקשה פון מיין הארץ, איך וויל אז דו בתי'לע זאלסט זיין מיין קדיש! איך וויל אז דו זאלסט זיין מיין מצבה! פון אלע מיינע רצונות וואס איך האב אמאל געהאט, פארבלייבט דאס מיין לעצטע וואונטש!"

בתי' איז געזעצן דארט שאקירט און דערשראקן. "טאטע איך פארשטיי אז דו ווילסט איך זאל זיין דיין קדיש אבער פארוואס דיין מצבה?" האט זי ארויסגעשטאמלט דערשראקן.

דער טאטע האט איר מסביר געווען, "דו האסט מיר נישט פארשטאנען, בתי'לע. א מצבה איז נישט פשוט א שטיין העכער א קבר. א מצבה איז אן אנדענק פון דעם מענטש. א מצבה פון גוטע מעשים און פון די קינדער וואס גייען נאך אין גוטע וועגן. דאס איז א מצבה פון נצחיות. דאס בעט איך פון דיר.

דערנאך האט ר' יהודה לייב ווייטער גערעדט צו זיין טאכטער, "איך דארף דיר נישט לאזן צוואה אז דו זאלסט היטן תורה און מצוות, דאס האט אונז שוין דער





27

## ש. טראכטער

אייבערשטער באפוילן ביים בארג סיני און איך ווייס אז די תורה וואס מיר האבן מקבל געווען איז טיף איינגעווארצלט אין דיר. איך וויל דיר נאר בעטן אז דו זאלסט זיך אויפפירן מיט קדושה און ערליכקייט אז ווען איינער וועט דיר זען גיין זאל מען טייטלען אויף דיר און זאגן "דא גייט ר' לייב מייזליק'ס טאכטער. דאס וועט זיין מיין קדיש און מיין מצבה."

אויך האט ער דאן געזאגט פאר בתי' וואס עס שטייט אין גמרא (סנהדרין קד) אז אויב א קינד פארלאזט דעם דרך ה' קען די זכות פון זיין טאטע אים נישט ראטעווען אפילו ער איז געווען א צדיק, אבער אויב דאס קינד איז א צדיק וועט זיין זכות ראטעווען דעם טאטן פון גהנים אפילו אויב דער טאטע איז געווען א רשע.

"דערפאר בתי'לע," האט דער טאטע זיך געבעטן צו איר, "פאר מיינעטוועגן, זאלסטו אפהיטן מצוות און אנטלויפן פון א זאך וואס קען מיר ח"ו ארויסשלעפן פון גן עדן. ווי מער דו וועסט זיך אויפפירן ווי ערליך אידיש קינד, ווי עס פאסט פאר א טאכטער פון לייב מייזליק וועסטו מיר ארויפטראגן העכער און העכער אין גן עדן און מיר ברענגען נענטער צום כסא הכבוד."

אזוי האט דער טאטע ווייטער גערעדט מיט איר הארציגע רייד און צוגעענדיגט, "יעדע התגברות וועט פארזיסן מיין טייל אין גן עדן און פארקערט אויך ח"ו."

בתי' דערציילט אין אירע זכרונות אז איר טאטע'ס פנים האט דאן געלאכטן מיט א הימלישע שיין. זי האט געשפירט ווי די שמועס איז עפעס העכער און מער הייליג.

דאן האט דער טאטע ארויסגענומען א שטיקל פאפיר פון טאש ווי עס איז געווען אנגעצייכנט א סעיף פון דעם חובת הלבבות:

א איד דארף אייביג געדענקען אז אלעס וואס פאסירט אויף די וועלט, סיי וואס פאסירט יעצט און סיי וואס גייט פאסירן איז נישט פערצופאל, עס פאסירט נישט מער און נישט וויניגער פון וואס דער הייליגער באשעפער האט גוזר געווען, סיי אין אינהאלט און סיי אין מאס, סיי אין צייט און סיי אין פלאץ. קיין שום זאך קען נישט פארמערט ווערן פון וואס ער האט גוזר געווען און עס קען נישט פארמינערט ווערן, עס קען נישט אפגעשטופט ווערן וואס עס איז באשטומט אז עס דארף זיין פריער און עס קען נישט צוגעאיילט ווערן וואס ער האט באשטומט אז עס דארף זיין שפעטער.

דער טאטע האט איר דאס געגעבן זאגענדיג, "דו זאלסט אלעמאל געדענקן די רייד און זיי חזר'ן. דאס זאל ווערן א חלק פון דיין מהלך מחשבה, אזוי וועסטו ניצול ווערן פון שלעכטס נישט קיין חילוק אין וועלכע נסיון דו וועסט זיך טרעפן.

די טאג האט אנגעהויבן אונטערגיין. דער טאטע איז געגאנגען דאווענען און בתי' איז אהיימגעגאנגען מיט א נאגענדיגע געפיל וואס האט איר נישט צורי געלאזט. זי האט געשפירט ווי איר טאטע האט זיך אצינד געזעגנט פון איר.

אביסל שפעטער איז דער טאטע אהיימגעקומען. מען האט געגעסן נאכטמאל, געליינט קריאת שמע און זיך געלייגט.

אינמיטן נאכט האט זיך ר' יהודה לייב דערוועקט און געזאגט אז ער שפירט נישט גוט. פון מינוט צו מינוט איז די מצב געווארן ערגער. פלוצלינג האט ער מער נישט געקענט רעדן און זיך נישט רירן. ר' יהודה לייב האט געכאפט א סטראוק (בלוט שטורץ).

מען האט גערופן דעם דאקטער, א ווארילער איד וואס האט זיי גע'עצה'ט אז עס איז נישט כדאי אים צו שיקן אין שפיטאל נאר זיי זאלן זיך אפגעבן מיט אים אין שטוב.

דריי טעג האט זיך ר' יהודה לייב געראנגלט צווישן לעבן און טויט. אינצווישן איז געווען שבת. מרת.ביילא האט געבעטן אז די קביעות'דיגע געסט זאלן ווייטער קומען און פארברענגען און זאל דאס זיין א זכות פאר'ן חולה. מיט שווערע געמיטער זענען די אידן געזעצן ארום דעם טיש, בשעת ר' יהודה לייב, זייער משפיע, ליגט אין בעט ביי די זייט מיט פארמאכטע אויגן.

זונטאג נאכט, ליל כ' סיון תש"כ, האט ר' יהודה לייב אויסגעהויכט זיין לויטערע און הייליגע נשמה. זייער שווער האבן די ציבור ערליכע אידן אויפגענומען די בשורה אז די באליבטע און ערליכע ר' יהודה לייב איז נישט צווישן זיי. זיין פטירה איז געווען א קלאפ פאר אלע וואס האבן זיך געשפירט ווי זיינע קינדער.

אידן זענען געקומען מנחם אבל זיין מיט מסירת נפש. מען האט גוט געוואוסט אז די קעי. זשי. בי. האלט אן אויג אויף ווער עס קומט און ווער עס גייט פון די דירה.

*לייגט קומענדיגע וואך ווייטער אי"ה*



# מיין שוועסטער

**פון א פאפולערע פולישע שאו שפילער צו אן ערליכע אידישע פרוי / וואס האט איר דערוועקט פון שלאף / די פילע שטיינער אויפן וועג / לכבוד יום טוב סוכות ברענגען מיר פאר די חשובע לייענער אן עקסקלוסיוו שמועס מיט בתי' פאפלאווקע תחי' וואס איז געווארן אונזער שוועסטער - א חלק פון כלל ישראל כ"א אייר תשפ"ה**

ש. טראכטער



# אנעטע

**איז געווען א יונגע פוילישע פרוי, 26 יאר אלט, וואס האט שטודירט אין פראג. עס האט איר גארנישט געפעלט. זי האט געהאט כבוד, געלט און א ווארימע שטוב. היינט, דרייט זי זיך אין די וויליאמסבורגער גאסן, מיט אן אפגעבינדן טיכל און פאררופט זיך א "סאטמארע, וויליאמסבורגער פרוי".**

**לכבוד סוכות, ווען מיר זיצן בתחת כנפי השכינה און ווי דער הייליגער זוהר הקדוש רופט עס בצילא דמהימנותא- אין שאטן פון דעם אייבערשטן, לאמיר הערן פון בתי' פאפלאווקע וועלכע האט זוכה געווען צו קומען בתחת כנפי השכינה כ"א אייר תשפ"ה. דאס יאר וועט זיין איר ערשטע סוכות אלץ פולשטענדיגע איד. בתי' האט איבערגעגעבן די באריכט ספעציעל פאר די ליינער פון קרית ברסלב בלעטל אין א פארצויגענע אינטערוויו פון כמעט דריי שעה. אט הערט וואס זי דערציילט:**

...

ביים סוף פון די צווייטע וועלט קריג זענען געקומען די אליארטע קרעפטן און איינגענומען דייטשלאנד פון צוויי זייטן. איין זייט איז געגאנגען צו אמעריקע, ענגלאנד וכו', וואס איז געווען דעמאקראטיש, און די צווייטע זייט איז געגאנגען צו רוסלאנד וואס איז דאן געווען קאמיוניסטיש. מען האט דאן אויפגעבויעט די באקאנטע "בערלינער וואנט" (זע בילד) וואס האט אפגעטיילט צווישן די חלק וואס איז געווען פריי און די אנדערע חלק וואס איז געווארן אונטערגעווארפן אונטער די קאמיוניסטן.

פוילן איז געפאלן אונטער די קאמיוניסטן. ווען די רוסן האבן באפרייט די אידישע פליטים פון פוילן, זענען די אידן געווען זייער דאנקבאר פאר די רוסן, נישט וואוסענדיג אין יענע צייט אז זיי גייען פון איין גלות צום צווייטן.

די אידן, פליטים פון די נאציס ימ"ש האבן זיך צוגעשטעלט צו די רוסן און זיי געהאלפן באזיגן דעם דייטש. זיי האבן זיך צוגעשטעלט צום "רויטן ארמיי" (ווי מען האט גערופן די רוסישע ארמיי) און האבן זיך פארשטעלט פאר "געטרייע קאמיוניסטן". ווען די קריג האט זיך געענדיגט און די אידן האבן געזען די אמת'ע פנים פון די קאמיוניסטן האבן זיי געטון אלע פעולות צו באהאלטן זייער אידישקייט. ליידער האבן זייער אסאך אפגעלאזט זייער גלויבן און זיך אנגעהויבן אויפפירן ווי די אלגעמיינע גוי'שע באפעלקערונג. דאס איז אנגעגאנגען פאר איבער פערציג יאר ביז בערך 1990 למספרם, ווען קאמיוניזם איז ענטגילטיג געפאלן אין פוילן. דעמאלטס האט מען פלוצלינג געהערט שטילע שמועות צווישן חבר'טעס אז "איך בין א איד. און איך אויך. און איך אויך...." מענטשן האבן אנגעהויבן דערציילן זייערע געשיכטעס אז זיי היטן אידישקייט אינדערהיים.

איך בין נישט אויפגעוואקסן אין א אידישע שטוב. מיין מאמע'ס טאטע איז אבער געווען א איד. ער איז געווען איינער פון די אידן וואס די רוסן האבן געראטעוועט פון לאגער, אבער ער האט ליידער אוועקגעווארפן זיין אידישקייט און געהייראט א נישט אידישע פרוי. איך בין זיכער אז איין טאג וועל איך נאך טרעפן ערליכע זיידעס און באבעס אין מיין יחוס בוים וואס האבן געדאווענט פאר זייערע דורות, וואס אין זייער זכות האב איך זוכה צו דעם אז איך בין פריש אנגעקניפט געווארן אין די אידישע פאלק.

איך בין אויפגעוואקסן אין פוילן ווען פוילן איז נאך געווען אונטער'ן רעזשים פון די קאמיניוסטן. מיר זענען געווען צוויי קינדער, איך מיט









מיין שוועסטער וואס איז עלטער פון מיר מיט פיר יאר. מיין טאטע איז געווען א געטרייער קאמיוניסט, א דימפלאמאט. ער האט געהאט אסאך געלט און כבוד. איך בין געווען פון די איינציגסטע מיידלעך אין אונזער שטעטל וואס האט באזיצט א פאספארט, א זאך וואס האט אויסגערופן כבוד און שעצונג. מיין טאטע האט געארבעט פאר די רעגירונג און ווען איך בין געווען 20 יאר אלט האבן מיר זיך אריבערגעצויגן קיין פראג, ווייל מיין טאטע האט באקומען א פאסטן פון די רעגירונג צו ארבעטן אין די אמבאסאדע דארט.

דארט בין איך אריין אין "פילם שולע". איך בין זיך געגאנגען לערנען וויאזוי צו שפילן און צוזאמשטעלן מאוויס. דאס איז געווען א שולע וואס נאר די "עליטע" האבן געקענט אריינגיין דארט. איך האב שטודירט און באקומען צוויי דעגריס פון יענע שולע. עס האט מיר גארנישט געפעלט, אבער איך האב נישט געוואוסט פארוואס איך האב געשפירט אז איך האב "גארנישט געהאט". היינט ווייס איך אז דאס איז פשוט געווען מיין אידישע נשמה וואס האט געזוכט איר שורש, אבער דאן האב איך זיך נישט אליינס נישט געקענט פארשטיין. איך האב נישט געוואוסט וואס איך שפיר. אלע מיינע חבר'טעס האבן מיר מקנא געווען. איך האב עס געהאט!

דאך האב איך אין מיין יונגע מח געטראכט אז "איך וויל מאכן שבת פאר זיך." און אזוי האב איך זיך געטראפן שטילערהייט פאקן פעק און אלץ 26 יעריגע מיידל זיך ארויסגעלאזט אויף א פלי רייזע קיין אמעריקע "זען וואס די וועלט פארקויפט." מיין פלאן איז געווען אז "איך גיי זיך טרעפן", איך וועל בויען מיין לעבן, מיין קאריערע, מיין עתיד אן זיין אפהענגיג אין קיינעם. איך האב געוואלט אויסזען די וועלט און מאכן מיינע אייגענע באשלוסן. קאמיוניזם האט מיר נישט געצויגן. איך האב געוואוסט אז א קאמיוניסט וויל איך נישט זיין. איך האב אלעס געהאט, אבער עס האט מיר געפעלט מיין אמונה אין אייביגן באשעפער!

איך בין אויפגעוואקסן נישט הערנדיג קיין ווארט איבער אידן און אידישקייט. איך האב געהערט פון מיינע פריינט און שכנים אזויפיל צו וויסן אז אידן זענען פארהאסט.

איינמאל איז אויסגעקומען אז מיין פעטער איז געווען ביי אונז אינדערהיים און עס האט אויסגעבראכן א קריגעריי צווישן אים און מיינע עלטערן איבער מיין זיידע. (מיין מאמע'ס טאטע).

דער פעטער האט גערעדט אלע סארט שלעכטע לשונות און אינצווישן האט ער אריינגעווארפן, "און ער איז א איד."

ווען איך האב דאס געהערט, האט זיך עפעס געריקט אין מיין מח. זאכן האבן אנגעהויבן שטימען. איך האב זיך אלעמאל געוואונדערט אויף אונזער שטוב. אין פוילן זענען 99% מענטשן קאטוילישע גלויביגע מענטשן אפילו זיי זענען קאמיוניסטן. ביי אונז אין שטוב איז נישט געווען קיין שום רעליגיע. איך האב נישט געוואוסט וואס איך בין און ווער איך בין. מיינע חבר'טעס זענען געגאנגען צו די שמייליגע פלעצער אבער ביי אונז האט מען גארנישט פראקטאצירט. דאס איז געקומען פון מיין זיידע, מיין מאמע'ס טאטע, און איך האב זיך שטענדיג געוואונדערט דערויף.

היינט פארשטיי איך עס, ווייל א איד, קיין חילוק ווי ווייט ער פאלט קען נישט טוישן רעליגיע. די נסיונות זענען נעבעך געווען צו שטארק פאר אים, אבער ער האט נישט געקענט אריינברענגען ביי זיך אין שטוב צו דינען אן אפגאט, ממילא איז די שטוב געבליבן "נישט גלויביג" (רח"ל).

איך האב זיך דאן ארויסגעכאפט און געפארן קיין אמעריקע. וואו גייט מען? ניו יארק. די השגחה עליונה האט אזוי געפירט אז די ערשטע פלאץ ווי איך בין אנגעקומען איז געווען אין די היימישע בארא פארק. איך האב דארט געוואוינט במשך די ערשטע צוויי יאר.

איך געדענק דאס ערשטע מאל ווען איך בין ארויס אויף 13'טע עוועניו. מיין מויל איז מיר געווען אפן פון שאק. איך האב געשפירט געפרוירן. איך האב נאר געקענט אמעריקא פון די מאוויס.







אין די מאוויס האב איך פארשטאנען אז אמעריקא איז א פרייע מדינה פיל מיט הפקרות און קלות ראש. ווער עס וויל רייכערן צום טויט, קען דאס טון, ווער עס וויל זיך אויפפירן געמיין, קען דאס טון. אבער איך האב קיינמאל נישט געטראכט פון אמעריקע אין די פערספעקטיוו פון א איד.

דאס איז געווען די ערשטע מאל וואס איך האב געזען אידן בכלל, און אוודאי היימישע, פרומע, חסידישע אידן. די עסק איז מיר געווען זייער מאדנע, אבער נישט אין א שלעכטע וועג. איך האב צום ערשטן מאל געקוקט אויף דיווארט "פריי" פון א פרישע קוק ווינקל.

פריי מיינט פריי צו דינען גאט לויט זיינע געבאטן. ***איך האב זיך צוגעקוקט פון די נאנט, אבער פון די ווייט. די אידישע, שיינע, איידעלע לעבן האט מיר זייער באצויבערט.*** איך האב באטראכט די איידעלע פרויען מיט די צניעות'דיגע קליידער. עס האט געפאנגען מיין הארץ. איך האב באטראכט די בא'חנ'טע אינגעלעך מיט די פיאות און קאפלעך. די גאנצע הלך ילך פון די אידישע ערליכע לעבן האט מיר באנומען. איך פלעג זיצן אין מיין קאר אין די נעכט מיט אן אפענע פענסטער און פשוט באטראכטן די טאג טעגליכע. עס האט מיר זייער געצויגן. איך האב דאס נישט געקענט מסביר זיין.

דערווייל האב איך זיך אויפגעארבעט א קאראריע אין די מאווי אינדאסטרי(פאך). איך בין געווען זייער סוקסעספול (מצליח) און פאפולער, און געמאכט שיין געלט. איך האב עס געמאכט, ווי מען זאגט. אין מיין הארץ האב איך געוואוסט אז איך וויל און איך דארף איין טאג ווערן א איד, אבער עס האט מיר אויסגעזען ווילד און ווייט.

די קומענדיגע 30 יאר בין איך געווען אין ביזנעס. איך האב שיין פארדינט און זיך אויפגעארבעט א גוטע נאמען ארבעטנדיג פאר די מידיע.

דורכאויס די צייט האב איך אבער שטיל געליינט און געפארשט אסאך וועגן אידישקייט. איך האב ארויסגעהאט אסאך וועגן די חסידישע לעבנסשטייגער. איך האב פארשטאנען צו אלע חסידות און צו אלע פאליטיק. מיין נשמה האט מיר געצויגן צו זיין ווי

די סאטמארע אידען. איך האב אויף דעם נושא אויך אסאך נאכגעפארשט און געוואוסט פון שיטת ויואל משה, איך האב אויך געוואוסט אז דער רבי האט שטארק מקפיד געווען אויף צניעות און מיין הארץ האט מיר דארט געצויגן.

***נאך 22 יאר האט אבער עפעס פאסירט וואס האט מיר געברענגט צו מאכן א שטיקל חשבון הנפש און פארשטיין אז די צייט איז געקומען צו מאכן א באשלוס אין מיין לעבן, איידער עס ווערט צו שפעט.*** איך האב באקומען א טעלעפאן רוף פון מיין שוועסטער, "קום צוריק, אויב דו ווילסט נאך זען דעם טאטן."

איך בין שנעל אהיימגעפלויגן. ווען איך בין אנגעקומען איז שוין מיין טאטע געווען אין "האספיס קעיר". (דאס הייסט די שפיטאל האט שוין אויפגעגעבן. ער האט שוין אפגעווארט דעם טויט.) איך קום אריין און געב א בליק אויף מיין טאטן. די בילד האט מיר אזוי צושטורעמט. מיין שטארקע, מעכטיגע און קוראזשפולע טאטע, איז געליגן איינגעבראכן און מרה שחורה'דיג. זיין בליק האט מיר דערשראקן. ער זאגט מיר, "פארוואס דארף איך שטארבן? איך וויל נישט שטארבן. אלע יארן האב איך זיך אזוי אוועקגעגעבן צו זיין א געטרייע קאמיוניסט, איך האב געטון פאר אונזער היימלאנד. איך האב אזויפיל אוועקגעגעבן צו זיין אן אנשטענדיגע מענטש און יעצט איז אלעס דערנאך? איך גיי פשוט אזוי אפשטארבן און פארטיג? פארוואס בין איך געבוירן געווארן? וואס איז די גאנצע ציל פון וועלט?"

מיין טאטע האט געמאכט א חשבון אז אויב טויט לייגט זיך אים נישט אויפ'ן שכל, דאן לייגט דאס די גאנצע זאך פון לעבן אונטער א גרויסע פראגע צייכן.

מיין טאטע איז געווען 82 יאר און ווי שוין געזאגט איז ער לויט די השגות פון אומות העולם געווען א "סוקסעספול מענטש". און דא שטייט ער פאר'ן טויט און ער וואונדערט זיך פארוואס ער איז געבוירן.

איך בין געווען אזוי צושאקלט. איך האב דאס נישט געקענט צוזען. איך האב געטראכט צו זיך, "אזא מיתה משונה. אזא טראגישע טויט. איך מוז לעבן א לעבן וואס איז ווערד צו שטארבן! איך מוז שטארבן א מכובד'דיגע טויט! איך וויל נישט אזוי אויסזען אין מיינע לעצטע טעג, זיך וואונדערן פארוואס האב איך בין געבוירן.

איך האב געוואוסט וואס איך האב צו טון. איך האב געוואוסט אז איך מוז זיך אנקניפן אין די אידישע פאלק און איך מוז דאס טון ווי שנעלער.

א טאג דערויף איז מיין טאטע געשטארבן. די צווייטע שאקל איז געווען ביי די באגרעבעניש צערעמאניע. מען קען עס ניטאמאל אנרופן באגרעבעניש.

איך בין דארט געשטאנען מיט מיין גאנצע פארצווייגטע משפחה. מיין טאטע איז געליגן דארט פאר אונז, טויט. ער האט פארלאנגט אז מען זאל פארברענען זיין קערפער. איך האב אים באטראכט און מען האט זיך געזעגנט. פלוצלינג זע איך ווי מען נעמט די בעט אויף וואס ער ליגט און מען טראגט עס פשוט אזוי צו פארברענען. איך האב געגעבן אזא קוויטש. איך האב שוין דאן געוואוסט אז ביי אידן איז דאס אן איסור און מען דארף זען צו באגראבן ווי שנעלער ווייל א נפטר האט יסורים. מיין משפחה האט זיך דערשראקן און מיר געפרעגט פארוואס איך שפיר ווי איך פאל צוזאם. "מען קען מיינען. ער איז טויט. ער שפירט שוין נישט."

אבער אין מיין האלב אידישע קאפ האט זיך געדרייט אז א נפטר שפירט יא (איך האב נישט געוואוסט דאן צו אונטערשיידן צווישן א גוי'שע קערפער און להבדיל א אידישע נפטר).

איך האב עס נישט געקענט נעמען און צוזען. דאס האט מיר נאכמער מחזק געווען אז דאס איז עס. ***"אנעטע, איין טאג מוזסטו זיך אנשליסן אין דעם הנבחר. איך וויל לעבן און שטארבן ווי א איד."***

איך בין צוריקגעפארן קיין אמעריקא. דאן האב איך מער אנגעהויבן זיך נאכפרעגן און אינטערעסירן. איך בין שוין דאן געווען 48 יאר אלט. מיין מאמע האט שוין נישט געלעבט. זי איז געשטארבן יונג, ווען זי איז געווען 64.

איך האב געטראכט צו מיר, "איך מוז זיך אריינדרייען ביים היימישן עולם." אבער וואס טו איך? אפילו איך האב געלעבט אין בארא פארק פאר צוויי יאר, האב איך נישט געמאכט א פערזענליכע קשר מיט קיין איין אידישע פרוי. אבער יעצט בין איך געווען פאר'עקש'נט. איך מוז זיך אריינדרייען. וויאזוי? איך ווייס נישט. איך וועל זיך דרייען אביסל אהער און אביסל אהין.

...

דאס דערמאנט מיר אז א בחור האט געפרעגט דעם ראש ישיבה שליט"א, עס שטייט אין די משנה, "אם אין קמח אין תורה, אם אין תורה אין קמח... אם אין חכמה אין בינה וכו'. איז וויאזוי ארבעט עס, וואס טוט מען ערשט? וויאזוי איז מען עס קונה?"

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט אז דער הייליגער רבי רעדט שוין דערפון. רבי נתן האט שוין געפרעגט דעם רבי'ן די שאלה, אז עס איז דא אסאך אזעלכע פלעצער אין הייליגן ספר ליקוטי מוהר"ן ווי מען זעט אז איין זאך איז געבינדען צום צווייטן און צום סוף קומט מען צוריק צום ערשטן. א ביישפיל: דער רבי ברענגט אראפ אז נאר אויב מען איז ערליך קען מען אנקומען צום צדיק און ווייטער שטייט אז נאר דער צדיק קען מתקן זיין א מענטש און אים מאכן ערליך.

האט דער הייליגער רבי געזאגט אז ווען עס קומט צו עבודת ה', דארף מען זיך אריינדרייען. אביסל פון דעם און אביסל פון דעם. אויב ריינע משחבות ברענגט צו קענען רעדן צום באשעפער און אז רעדן צום באשעפער ברענגט ריינע מחשבות, וואו הייב איך אן? אביסל רעדן און אביסל זויבערן די מח, אביסל און אביסל און עס פולט זיך אן א שיסל. אביסל רצון, אביסל תפילה, אביסל מעשים טובים און דו עפן א נאדל לאך און דער אייבערשטער וועט דיר שוין עפענען דעם טויער כפתח של אולם.

ווען איך האב דאס געהערט האט מיר עס זייער אויפגעוועקט פון שלאף. צומאל שפירט א מענטש אז "איך בין אזוי ווייט און אזוי פארזינקען אין מיינע מדות און תאוות, וואו הייב איך אן?" אביסל און אביסל און צוביסלעך זעט מען די ישועה.

...

איך האב אנגעהויבן זיך נאכפרעגן,

וואו קען איך טרעפן ארבעט. איינער האט מיר דערציילט איבער א פרוי אין בארא פארק וואס זוכט א געהילף. איך האב זיך אנגעטראגן פאר ארבעט. זי איז געווען א רייכע פרוי און מיר אנגעטראגן טויזנט דאלער א וואך פאר פערציג שעה ארבעט. אין אמת'ן בין איך דאך געקומען פון א הויכע באצאלטע ארבעט, אבער עס האט מיר נישט אינטערעסירט. איך בין געווען גרייט צו וואשן יענעם'ס פלאר און ביה"כ אבי זיך צו קענען דרייען צווישן היימישע ערליכע חסידישע אידן. די פרוי האט מיר אויפגענומען.

הארט פאר'ן ארויסגיין פון דעם אינטערוויו, האב איך געגעבן א ווארף אריין אז איך וויל זיך מגייר זיין. די פרוי האט געטוישט קאלירן. זי זאגט מיר, "אויב אזוי קען איך דיר נישט אויפנעמען."

איך בין געווארן זייער באליידיגט. "פארוואס?" האב איך געוואלט פארשטיין.

*"דארפסט פארשטיין, אויב דו וועסט ווערן א איד וועל איך זיך זייער שעמען דיר צו געבן די סארט ארבעט. דאס קען איך נישט געבן פאר א שוועסטער."*

איך האב איר פארשטאנען און איך בין ארויס. אבער איך האב געדארפט ארבעט. איינער האט מיר געזאגט אז אפשר זאל איך זיך אנטראגן הייליגע ארבעט. העלפן רייניגן ביי די ארבעט פון אידישע פרויען.

איך האב אבער נישט געוואוסט ווי צו זוכן ארבעט. איך בין ארויף אויף א וועבסייט פון חב"ד און אנגעהויבן ליינען אלעס ארום טהרות ישראל און קדושתן של ישראל. די וועבסייט האט מיר אסאך געלערנט און געגעבן אסאך אינפארצאמיע, אבער ווען איך האב געזוכט א טעלאפאן נומבער אדער אן אדרעס האב איך עס נישט געקענט געפינען.

איך האב פארשטאנען אז איך דארף מאכן אביסל שפיאניאזש ארבעט צו קענען טרעפן ארבעט. עס האט מיר גענומען א לאנגע פארצויגענע צייט און איך בין געשיקט געווארן פון איין פלאץ צום צווייטן אבער ענדליך בין אנגעקומען צו ארבעטן אין פלעטבוש יעדע נאכט און זיך קענען טרעפן מיט ערליכע פרויען.

ווען איך בין געקומען די ערשטע מאל צו די ארבעט האב איך געוואלט מאכן א גוטע רושם. איך האב נישט געוואוסט פון קיין מעשיות. איך האב שוין גענוג געהאט צוגעזען צו וויסן אז אידישע פרויען דעקן זיך צו די קאפ. איך בין אריין אין בארא פארק צו א שייטל מאכער און זיך געקויפט א שייטל פאר $800. דערנאך האב איך זיך איינגעקויפט א שווארצע לאנגע שעסל און זיך צוגעדעקט מיין ערמל און האלז און אזוי בין איך אנגעקומען צו די ארבעט אלץ "רוימערקע". די פרוי וואס האט מיר ענטפאנגען האט געגעבן איין בליק אויף מיר און זיך דערשראקן, "ביסט א איד?"

> **איך האב עס מיטגעטיילט מיט'ן רב. "איך וויל ווערן א סאטמארע פרוי. אבער איך קען דאך נישט אריינגיין אין א סאטמארע ביהמ"ד ווען איך קען ניטאמאל אידיש און זיי זאגן "א גוטן" איך וויל ווערן א איד און א סאטמארע..." זיי וועלן מיר ארויסווארפן.**

איך האב איר דערציילט דעם אמת, אז איך וויל זייער שטארק זיין א איד און איך וויל קומען ארבעטן צווישן אידן ווייל איך וויל זיך לערנען וויאזוי צו ווערן א איד. די פרוי האט מיר דאן געגעבן א נומבער פון א בית דין אין מאנהעטן וואס מאכט גיור און איך האב זיך פארבינדן צו זיי.

פון דארט בין איך געווארן פארבינדן מיט א רב אין די בראנקס. איך בין אראפ רעדן מיט'ן רב, און נאכ'ן הערן פון מיר ווי אמת'דיג איך מיין עס האט ער מיר געזאגט אז פאר צוויי יאר זאל איך זיך גוט לערנען אלע הלכות וואס א איד דארף וויסן און איך זאל האבן א קשר מיט א רב און געהערן צו א קהילה און נאך צוויי יאר זאל איך צוריקקומען און אז דער רב וועט זאגן אז איך האב טאקע געהיטן אידישקייט (וויפיל די הלכה ערלויבט) דאן וועל איך זיין גרייט צו קומען תחת כנפי השכינה.

איך האב געהאט דערמיט א שטיקל פראבלעם און איך האב עס מיטגעטיילט מיט'ן רב. "איך וויל ווערן א סאטמארע פרוי. דאס ציעט מיר זייער שטארק. אבער איך קען דאך נישט אריינגיין אין א סאטמארע ביהמ"ד ווען איך קען ניטאמאל אידיש און זיי זאגן "א גוטן איך וויל ווערן א איד און א סאטמארע..." זיי וועלן מיר ארויסווארפן. דער רב האט זיך צעשמייכלט און מיר געזאגט אז איך זאל זיך פארבינדן מיט די חב"ד רב אין מיין געגנט. אזוי האב איך טאקע געטון. איך בין צום ערשט געגאנגען צו חב"ד פון די געגנט אין ריטשוואוד ווי איך האב דאן געוואוינט, אבער דאס האט זיך נישט אויסגעארבעט פאר מיר. האב איך פראבירט א צווייטע חב"ד שול אבער אויך דארט האב איך נישט מצליח געווען.

צום סוף בין איך אנגעקומען צו חב"ד פון קלינטאן היל, וואס דאס איז אייגנטליך אין אלט ווילליאמסבורג און דארט האב איך אנגעטראפן א יונגע רב

און רביצין וואס האבן מסכים געווען זיך אפצוגעבן מיט מיר, און מיר לערנען דרך ה'. פאר די קומענדיגע כמעט צוויי יאר האב איך אסאך פארברענגט מיט די רב און רביצין. איך בין געווארן אן אקטיווע טייל פון די קהילה. איך האב אנגעפירט אן אוצר הספרים ביי די פרויען און מיר זענען זיך צוזאמגעקומען יעדע שבת און איבערגעשמועסט וואס מען האט געליינט און געלערנט און צוזאמען האבן מיר זיך מזחק געווען.

די שול איז געווען איבער א שעה פון מיין הויז, און יעדע שבת האב איך שפאצירט די מהלך אין די היצן און אין קעלט און שניי און אין רעגן. אלעס איז מיר ווערד געווען צו שפירן די טעם פון זיין א חלק פון כלל ישראל.

אין יענע צייט האב איך געטראכט צו זיך אז איך וויל זיך נענטער באקענען מיט די וויליאמסבורגער סאטמארע עולם. איך וויל זוכן ארבעט צווישן זיי. איך האב אנגעהויבן זוכן און זיך נאכפרעגן. עס איז דא א וועבסייט ווי פוילישע אימיגראנטן לייגן ארויף ווער עס זוכט ארבעט אדער אויב עס ווערט געזוכט אן ארבעטער. איך האב געוואוסט וואס איך זוך. איך האב געוואלט ארבעטן צווישן פרומע פרויען און זיין א טייל פון א "העכערע ציל". איך האב נישט געזוכט סתם ארבעט. נאכ'ן ארבעטן א יאר אין פלעטבוש האב איך שוין געוואוסט וואס איך זוך. נאך א שטיק צייט האב איך איין טאג געזען אן אנאנס וואס איך האב געוואוסט אז דאס מיינט מיר. עס איז געזוכט געווארן א פרוי פאר רעליגיעזע ארבעט.

איך האב גערופן א פוילישע פרוי האט אויפגעהויבן. איך האב זיך אנגעבאטן ארבעט. זי האט מיר געזאגט אז די ארבעט וואס עס פאדערט זיך איז פאר די נאכט שעות און קען זיך צומאל ארייינציען. זי פרעגט מיר אויב איך בין גרייט. "אוודאי. דאס זוך איך." האב איך זיך געפריידט.

די נעקסטע טאג בין איך אראפגעקומען זיך טרעפן מיט'ן מענעדשער, פייגי. איך האב זיך געטראפן מיט איר און ווען זי האט מיר אנגעטראגן ארבעט האב איך איר אנפארטרויעט די סוד אז איך וויל ווערן א איד. איך האב איר געפרעגט אויב עס מאכט א חילוק









פאר איר.

פייגי האט מיר געזאגט אז זי וועט מיר לאזן וויסן. נאך אפאר טעג האט זי מיר גערופן און מיר געזאגט אז עס איז נישט א פראבלעם, אבער זי וועט מיר רופן ווען אנצוהייבן, ווייל זי דארף נאך מסדר זיין אפאר זאכן. אזוי איז אריבער א וואך און צוויי. נאך צוויי וואכן האב איך איר גערופן. זי זאגט מיר אז זי האט נישט פארגעסן, נאר זי האט זיך נאכנישט מסדר געווען און זי וועט מיר נאך רופן. א שאד איך האב נאך דאן נישט געוואוסט פון מניעות צו זאגן, צו פארשטיין אז דאס די דרך אין עבודת ה׳, אזוי קומט מען נענטער.

...

אזוויו דער הייליגער רבי האט אונז געלערנט, כל המניעות שבאים לאדם בעבודת השם יתברך הוא כדי להגדיל החשק- אלע שוועריגקייטן וואס קומען פאר א מענטש ווען ער וויל גיין אין עבודת איז נאר אים צו ברענגען נענטער צום באשעפער. דורך די שוועריגקייטן וועקט זיך אויף די הארץ און מען בענקט מער דערצו.

...

נאך צוויי וואכן איז אריבער און איך ווייטער גארנישט געהערט. איך האב גערופן די פוילישע פרוי און זי זאגט מיר, ״איך ווייס נישט. מען האט קיינעם נישט אויפגענומען אנשטאט דיר. ווי ווייט איך ווייס האט מען דיר אויפגענומען פאר די ארבעט.״

אזוי איז אריבער צוויי חדשים וואס איך שטיי ארבעטסלאז און איךווארט צו הערן. איין טאג בין איך געווען אין חב״ד שול און דער רב רופט זיך אן צו אונז, ״איך פאר היינט צום אוהל. ווער וויל מיטקומען?״ איך האב זיך נישט צוגעכאפט, אבער די רביצין האט מיר מסביר געווען אז ביים אוהל קען מען פועל׳ן ישיעות. אויב א מענטש האט א בקשה (אזוי פירט מען זיך אין חב״ד) אז ער שרייבט עס אויף א שטיקל פאפיר און מען איז מתפלל און דערנאך צערייסט מען עס און מען זעט ישועות.

...

דער ראש ישיבה לערנט אונז כסדר אז ביי קברי צדיקים קען מען אסאך פועל׳ן, אזוויו דער רבי שרייבט אין ספר המדות״ על-ידי השתטחות על קברי צדיקים, קדוש ברוך הוא עושה לו טובות אף על פי שאינו ראוי לכך- דורך גיין צו קברי צדיקים טוט דער אייבערשטער טובות אפילו מען איז נישט ווערד דערצו, בזכות הצדיק. דער ראש ישיבה שליט״א לערנט אונז אז עפענען די מויל און רעדן צום באשעפער, אביסל התבודדות אויף די אייגענע שפראך, ובפרט ביי א קבר פון א צדיק שפאלט הימלען און ברענגט השפעות און ישיעות.

...

הערנדיג דאס האב איך געקלערט אז איך האב נישט וואס צו דערלייגן. איך פאר אהין. איך בין געפארן און געבעטן פון באשעפער צוויי זאכן. 1) איך זאל קענען זוכה זיין צו קומען אונטער די פליגלען פון באשעפער שנעל. 2) איך וויל באקומען א פאסטן צווישן סאטמארע פרויען אבער איך וויל עס שוין עכט, אזוויוי לאמיר זאגן, מארגן..

איך האב גערעדט צום אייבערשטן ווי א קינד וואס רעדט צו זיין טאטע, איך האב זיך געבעטן ווי א קינד וואס ווייסט נישט קיין כללים

מארגן...! באקום איך א קאל פון פייגי אז איך קען היינט אנהייבן די ארבעט! ווען איך האב דאס דערציילט פאר די חב״ד פרויען האבן זיי ***זיך צעשמייכלט און מיר געפרעגט, ״לאמיר קלאר פארשטיין. ביסט געגאנגען צו אונזער רבי פון חב״ד און אים געבעטן א פאסטן אין ״סאטמאר״? און ער האט דיר עס ערלעדיגט?!״*** דאס איז געווען פון די זיסע מעשה׳לעך דורכאויס די רייזע פון מיין לעבן, וואס האט מיר געמאכט שמייכלען.

ווען איך האב דאס איבערדערציילט אפאר וואכן צוריק פאר א גרופע פון פרויען וואו איך האב געהאלטן א דרשה, האט זיך א פרוי אנגערופן צו מיר אז דאס איז גראדע געווען זייער פאסיג. זי דערציילט מיר אז די צוויי צדיקים האבן געהאט שייכות. עס איז געווען אפאר מאל וואס זיי זענען זיך געגאנגען באזוכן איינער דעם צווייטן. עס איז געווען אבער מיינוגס פארשידנהייטן צווישן זיי, בעיקר בענין ציונות און חינוך הבנים והבנות. עס איז דא א פארשריבענע שמועס ווי דער רבי פון חב״ד זאגט פאר׳ן סאטמארע רבי זי״ע אז ער האלט אז מען דארף לאזן די מיידלעך זיך גיין לערנען. האט דער סאטמארע רבי זי״ע מיט זיין באקאנטע שארפקייט געזאגט, ״נו, איז גוט. איך וועל בויען בעלי בתים און איר וועט שיקן אייערע שטודירטע מיידלעך ארבעטן ביי מיינע בעלי בתים!״

...

דאס דערמאנט וואס דער הייליגער רבי זאגט אין ספר המדות: כְּשֶׁהַצַּדִּיק אוֹמֵר אֵיזֶהוּ דִּבּוּר, כָּל זְמַן שֶׁהַדִּבּוּר לֹא נִתְקַיֵּם, שֶׁעֲדַיִן לֹא בָּא זְמַנּוֹ, הַדִּבּוּר הַזֶּה

חָקוּק בָּעוֹלָם הָעֶלְיוֹן, אֲבָל אֵין מֵאִיר בִּבְהִירוּת, וּכְשֶׁמַּגִּיעַ הַזְּמַן שֶׁיִּתְקַיֵּם, אֲזַי הַדִּבּוּר מַתְחִיל לְהָאִיר בִּבְהִירוּת.

ווען דער צדיק זאגט א דיבור, ווילאנג די דיבור ווערט נאכנישט מקיום, ווייל עס איז נאכנישט אנגעקומען די צייט, איז די דיבור אריינגעקריצט אינעם עולם העליון, אבער עס שיינט נישט מיט א קלארקייט. און ווען עס קומט אן די צייט אז עס זאל ווערן מקיום, דאן הייבט עס אן צו שיינען מיט א קלארקייט.

יעדע דיבור פון א צדיק ווערט מקיום.

...

יענע טאג האב איך אנגעהויבן די ארבעט. איך האב שוין געהערט אז א אידישע פרוי גייט מיט א צוגעדעקטע קאפ און אפילו איך בין דאן נישט געווען חתונה געהאט האב איך שוין געוואלט זיין ווי א פרומע ערליכע פרוי. איך בין נישט געקומען יעדן טאג מיט א שייטל אבער איך בין געקומען מיט א טיכל, מיט א פארדעקטע קאפ.

איך האב דארט געארבעט פאר א יאר צייט און דורכאויס די צייט האב איך זיך אסאך געלערנט, איבער'ן טאג האב איך געלערנט אין די חב"ד שול און אין אווענט שעות האב איך געהאט אן אפענע טיר ביי מיין בעל הבית'טע, וואס איך האב שפעטער זיך דערוואוסט, איז די טאכטער פון א גרויסע סאטמארע רב אין וויליאמסבורג.

זי האט מיר אריינגערופן די ערשטע טאג פון ארבעט און מיר געזאגט אז אלץ א איד ליגט אויף איר א פליכט מיר אפצוערדן פון זיך מגייר זיין און זי וועט עס מקיים זיין. זי האט גערעדט מיט מיר א לאנגע צייט און איך האב זיך אזוי דערשראקן און נישט געוואוסט וואס זי ווייל. אבער פון יענע טאג און ווייטער איז זי געווען דירעקט גוט און ווייך צו מיר און מיר אלעמאל געגעבן אן אפענע טיר. איך פלעג קומען צו איר יעדן טאג און איר פרעגן אלע מיינע ספיקות און שאלות. איך האב אויך געדארפט טרעפן דעם מיטלוועג צווישן די סאטמארע לימודים און חב"ד. עס האט נישט אלעמאל געשטימט. מיין חבר'טע, שוועסטער, בעל הבית'טע האט מיר אויסגעקלארט מיט געדולד און סבלנות און וואס זי האט נישט געוואוסט האט זי געפרעגט איר טאטן.

נאכט נאך נאכט, פאר א גאנצע יאר האבן מיר פארברענגט. איך האב זיך געלערנט יעדן טאג נייע הלכות און באגריפן. עס איז שווער פאר איינעם וואס איז געבוירן אלץ א איד צו פארשטיין וואס דאס מיינט זיך צו לערנען אויף די עלטער הלכות שבת, הלכות יום טוב, הלכות ברכות, מנהגים, מסורה, מזוזה, קריאת שמע, לשון קודש, תהלים, אידישע היסטאריע ועוד ועוד. עס איז בכלל נישט אזוי פשוט.

דורכאויס די גאנצע צייט בין איך געווען בקשר מיט מיין רב פון די בראנקס און אים מיטגעטיילט ווי איך שטייג אין אידישקייט. איין טאג באקום איך א מעסעדש פון מיין רב, "די בית דין אין מאנהעטן האט באשטעלט א טאג פאר דיר אין זיבן וואכן ארום."

איך בין געווען אזוי בשמחה, אזוי פרייליך, אזוי איבעראשט. יענע אווענט בין איך אריינגעלאפן צו פייגי, מיין חבר'טע- בעל הבית'טע ביי די ארבעט און איך בין ארויפגעפאלן אויף איר, "פייגי, ביז זיבן וואכן בין איך א איד."

פייגי האט מיר אנגעקוקט און זי פרעגט מיר, "איך האב געמיינט אז דו ווילסט זיין א סאטמארע ווייבל."

"נו, אוודאי, אבער סאטמאר פירט נישט דורך א גיור."

און איך האב געטראכט צו זיך אז אפילו סאטמאר וועט יא מסכים זיין, וועט דאס מן הסתם געדויערן נאך צוויי יאר און איך קען נישט ווארטן. איך מוז שוין ווערן א איד ווי שנעלער.

פייגי האט מיר געזאגט אז זי וועט זען וואס זי קען טון.

יענע טאג באקום איך א קאל פון א רב וואס באגריסט מיר און מאכט זיך באקאנט אלץ "הרב טווערסקי." ער זאגט מיר אז ער וויל האבן א שמועס מיט מיר.

איך בין אראפגעפארן צו אים, און נאכ'ן רעדן מיט מיר א האלבע שעה פרעגט ער מיר, "דיין חבר'טע איז א טאכטער פון הרב ....?"

איך האב נישט געוואוסט. איך האב גערופן פייגי און זי זאגט מיר "יא, דאס איז מיין טאטע."

פרעגט מיר דער רב, "מיר קענען אדורכפירן די גיור קומענדיגע זונטאג אדער מאנטאג. וואס וועט ארבעטן פאר אייך?"

איך האב נישט פארשטאנען וואס דא גייט פאר. "וואס הייסט?" האב איך געפרעגט.

"איר ווילט זיך מגייר זיין. ריכטיג?"

"אוודאי."

"איז פרעג איך וואס איז אייך בעסער? זונטאג אדער מאנטאג?"

איך בין געווען געכאפט אין שאק. איך האב דאס נישט ערווארטעט. איך האב דערציילט דעם רב וועגן די פריעדיגע רב וואס באגלייט מיר שוין באלד צוויי יאר, און דער רב האט מיר דאן געזאגט אז איך דארף פריער רעדן צו יענע רב און באקומען זיין רשות און זיין ברכה צו ווייטער אנגיין מיט'ן גיור ביי אים.

איך בין אריבער צו די חב"ד שול וואס האט מיר אזויפיל געהאלפן און איך האב עס איבערגעשמועסט מיט זיי. זיי האבן מיר נישט געקענט פארשטיין, "פארוואס ווילסטו א סאטמארע גיור? וואס האסטו מיט סאטמאר?"

אין יענע תקופה בין איך שוין געווען ביי מערערע סאטמארע שטובער און עס האט מיר זייער באנומען די חסד וואס עס גייט דארט פאר.

איין פרוי אין קרית יואל האט מיר אריינגענומען צו זיך אויף שבתים. זי איז געווען אן אלמנה און האט שוין חתונה געמאכט אלע אירע צען קינדער, אבער זי האט אדאפטירט נאך דריי קינדער זיי אויפצוהאדעווען. ווען איך בין געקומען צו איר האב איך געזען אז די קינדער זענען נישט געזונטע און האבן דאון סינדראם. דאס האט מיר געברענגט טרערן. אזוינס האב איך נישט בייגעוואוינט. עס האט מיר זייער איבערגענומען. אויך האט מיר געכאפט די צניעות. איך האב געשפירט אז ווי מער מען איז געקליידט בצניעות מיינט דאס אז מען איז נענטער צו די שכינה. איך האב געוואלט די סארט לעבן.

***איינע פון מיינע סאטמארע חבר'טעס האבן מיר געגעבן א בוך פון דעם ברסלב'ע רבי.*** די בוך האט מיר זייער באנומען און איך האב געשפירט אז ברסלב און

סאטמאר כאפט מיין הארץ. איך האב א חבר'טע וואס איר מאן פארט מארגן (די אינטערוויו איז געמאכט געווארן פאר ראש השנה) קיין אומאן. ער גייט פועל'ן ביים צדיק. אויך האב איך באשטעלט די בוך "אקאמפלישמענטס און די צדיק (פעולת הצדיק) וואס מוהרא"ש זי"ע האט צוזאמגעשטעלט. איך בין אויך ארויף אויף ברסלב סענטער און געזען דארט די ענגלישע קונטרסים וואס האט מיר זייער געכאפט. איך האלט זיך אינמיטן ארייננטון בעיון דערין...!

...

די חב"ד רבנים האבן געמאכט אן אסיפה און באשלאסן אז עס מוז זיין אז איך וויל א שידוך מיט איינעם פון סאטמאר און דעריבער ציעט מיין הארץ אהין.

איך האב דאס נישט געלייקנט און דאס האט געמאכט "סענס" פאר זיי (געשטימט), און דעריבער האבן זיי זיך פארבינדן מיט מיין פריעדיגער רב וועלכע האט נאך אפאר טעג פון פראבירן צו דערגיין אויב דער רב איז אן ערליכער, מיר געשיקט א מעסעדזש, "דו האסט מיין רשות און מיין ברכה."

איך האב זיך זייער געפריידט..

...

מאנטאג כ"א אייר תשפ"ה, בין איך אנגעקומען אין בנין. פייגי האט מיר אפגעווארט. איך האב געזען אנגעגרייט א גרויסע סעודה, מיט שיינע בלומען און פיינע עסן. איך קוק און איך טראכט, "מן הסתם מאכט איינער א געבורטס טאג פייערונג פונקט היינט און פונקט דא." עס איז מיר נישט בייגעפאלן אז דאס איז צוגעגרייט פאר מיר.

פייגי איז ארייננגעקומען. זי איז מיר געקומען זאגן אז די רבנים שפעטיגן אביסל אבער זיי וועלן באלד דא זיין. איך האב געוואוסט אז איידער מען איז זיך מגייר דארף מען זיך פארברענגען ביי א רב וואס דערביי שטייט נאך צוויי רבנים פאר עדות און איך בין גרייט געווען דערצו.

פלוצלינג זע איך אז עס קומט אן א רב און דאן נאך איינס און דאן נאך און נאך. איך וואונדער זיך וואס גייט פאר? איך האב געמאכט א שנעלע חשבון אז לכאורה איז דא אן אסיפת הרבנים און

**מענטשן פרעגן מיך וויאזוי איך האב געשפירט איינעם טאג וואס איך בין געווארן א איד. דער אמת איז אז עס געווען פאר מיר אן איב-ערגעשטערענגטע טאג און מיינע הרגשים, וואס איך האב געקל-ערט אז איך וועל שפירן, זענען נישט געקומען.**

זיי האבן באשלאסן צו מאכן די אסיפה די זעלבע טאג ווי מיין גיור, ווייל אזוי איז מער פראקטיש פאר זיי.

אפאר מינוט שפעטער רופט מיר פייגי ארויף צו א צווייטע שטאק אין דעם בנין. (ווי איך האב געארבעט)

איך דערזע זיך פלוצלינג פאר א לאנגע טיש מיט פינף רבנים און נאך פינף שטייען פון אונטן. א גאנצע מנין האבן זיי מיר געבראכט!

איך קלער צו זיך, "איך מיין זיי ווילן מיר אנשרעקן, אבער איך וועל זיך נישט לאזן!"

צוויי שעה האבן זיי מיר פארהערט הלכות שבת, הלכות בישול, הלכות יום טוב און אסאך מער. איין שאלה האב איך נישט פארשטאנען און איין שאלה האב איך נישט געוואוסט.

די שאלה וואס איך האב נישט פארשטאנען איז געווען, "וויאזוי עסט מען פיש אום שבת?" איך האב געמיינט אז זיי רעדן בנוגע דעם אופן וויאזוי מען קען עסן געקאכטע פיש. איך האב זיי געזאגט אז שבת טאר מען נישט קאכן און אז מען קען עס אפקאכן פאר שבת און עס לייגן אויף א בלעך. אבער זיי האבן מיר ווידער געפרעגט, "וויאזוי עסט מען פיש?" איך האב נישט פארשטאנען די שאלה. דאן האט מיר איינער געפרעגט, "אויב דו האסט א קארב מיט עפל און עס איז דא צווישן דעם פארדארבענע וויאזוי מעג מען עסן דערפון?"

איך האב געכאפט. זיי האבן גערעדט פון הלכות בורר און איך האב זיי מסביר געווען אז מען מעג נאר נעמען די גוטע פון די שלעכטע און אז מען דארף עסן די פיש פון די ביינער און נישט ארויסנעמען די ביינער פון די פיש.

די שאלה וואס איך האב נישט געוואוסט צו ענטפערן איז געווען: אויב דיין חבר'טע קומט צו דיר איידער עס ווערט שבת און איר וואוינט אין איין בנין, אידן מיט להבדיל נישט אידן. עס ווערט שבת און זי גייט צוריק צו איר שטוב. דו זעסט אז זי האט עפעס איבערגעלאזט דארט, מעגסטו עס אריבערטראגן צו איר?"

איך האב נישט געוואוסט. איך האב זיי געזאגט אז לכאורה נישט, ווייל מען מעג נאר טראגן מיט אן עירוב. אבער זיי האבן מיר איבערגעפרעגט אפאר מאל און דערפון האב איך פארשטאנען אז די ענטפער איז אנדערש. איך האב זיי געזאגט אז דאס איז וואס מען האט מיר געלערנט און אז עס קען זיין איך ווייס נאכנישט אלעס, און אדרבה זיי זאלן מיר זאגן.

די רבנים האבן הנאה געהאט פון מיין ענטפער און מיר געלערנט ערובי חצירות.

שפעטער ביים סוף האבן זיי מיר געגעבן א פרעג, נאך אלע שווערע שאלות, "וואס מיינט חלה?"

און איך טראכט צו זיך, "אזא פשוט'ע

שאלה? זיי פרעגן מיר די טייטש פון א שטיקל ברויט?"

ניין. איך האב פארשטאנען אז עס איז עפעס מער און איך האב זיך אויפגעזעצט גראד און זיי געזאגט, "חלה איז איינער פון דריי מצוות וואס מיר פרויען האבן באקומען. דאס זענען חלה, הדלקות הנר און טהרת המשפחה."

דאן בין איך אריין אין א באריכט איבער די הלכות פון די מצוות. די רבנים האבן זיך צעשמייכלט און מיר געזאגט, "גענוג. איר זענט גרייט צו ווערן א איד."

...

מענטשן פרעגן מיך וויאזוי איך האב געשפירט אינעם טאג וואס איך בין געווארן א איד. דער אמת איז אז עס געווען פאר מיר אן איבערגעשטרענגטע טאג און מיינע הרגשים, וואס איך האב געקלערט אז איך וועל שפירן, זענען נישט געקומען.

אבער אפאר טעג פריער האב איך שוין געהאט א נפשיות'דיגע גיור. דאס איז געווען ווען איך בין צוגעגאנגען צו מיין חבר'טע איין טאג און איר געזאגט, "איך וויל אפשערן מיינע האר."

"פארוואס?" האט זי געפרעגט..

"ווייל איך וויל שפירן ווי אן ערליכע איד."

מיין חבר'טע האט זיך ארויסגעדרייט. זי האט מיר נישט געוואלט העלפן. איך האב זיך געבעטן ביי איר. אבער זי האט מיר געזאגט אז איין טאג וועל איך חרטה האבן און קומען טייטלען מיט שולד צו איר. דאס האט מיר נאך מער געמאכט וועלן. מיין נשמה האט געצויגן צו דאס וואס דער סאטמארער רבי האט אזויפיל געוויינט "ביי האר איז ווי האר." ווי באקאנט האט דער רבי זי"ע כל נדרי ביינאכט געוויינט צו די פרויען אז זיי זאלן זיך שערן די האר און געזאגט אז די "גאולה הענגט אויף א האר."

מיר האט געברענט זיך צו שערן. איך האב נישט געוואלט זיין פארשאלטן ווי דער זוהר הקדוש שרייבט אזעלכע שארפע לשונות (וואס דער ראש ישיבה שליט"א דערמאנט אונז כסדר, כסדר.)

תּוּנְבָא לֵיתֵי' א קללה זאל קומען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ' אויף דעם מענטש, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ' וואס לאזט זיין ווייב, 'דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁה לְבַר' אז איר האר פון קאפ זאל זיך ארויסזען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינּוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָה', דאס איז פון די יסודות פון א אידישע שטוב, אז מען זאל נישט זען די האר פון די פרוי. 'וְאִתְּתָא דַּאֲפִיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁה לְבַר' און א פרוי וואס גייט מיט אויפגעדעקטע האר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ' זיך שיין צו מאכן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא' איז זי גורם אז עס זאל זיין ארעמקייט אין שטוב, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא' און זי איז גורם אז אירע קינדער וועלן נישט מצליח זיין און זיי וועלן נישט זיין חשוב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא' אזוי אויך איז זי גורם אז דער סמ"ך מ"ם און די נישט גוטע זאלן זיך געפונען אין איר שטוב. 'מַאן גָּרִים דָּא' ווער איז דאס אלעס גורם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר' די פרוי וואס איר האר זעט זיך ארויס.

איך האב זיך איינגעבעטן ביי מיין חבר'טע און נאך צוואנציג מינוט האט זי מסכים געווען בתנאי איך נעם עס אינגאנצן אויף זיך. איך האב מסכים געווען. מיין חבר'טע האט מיר צוגעהאלפן, און ווען איך האב ענדליך זוכה געווען דערצו, האב איך פלוצלינג אנגעהויבן וויינען.

מיין חבר'טע האט זיך דערשראקן און זאגט מיר אנטוישט, "איך האב געוואוסט."

אבער איך האב איר בארואיגט און געזאגט, "דו פארשטייסט נישט. איך פיל אזוי... אויסגעלייזט. יעצט שפיר איך "אידיש". איך פיל ווי יעצט האב איך אוועקגעווארפן מיין אלטע טמא'נע לעבן."

איך האב געשפירט בחוש אז די קליפות זענען אוועק פון מיר. דאס איז געווען געציילטע טעג פאר איך האב זוכה געווען זיך אנצוקניפן אין די הייליגע פאלק.

א טאג פאר די גיור האט מיר הרב טווערסקי אנגערופן און מיר געפרעגט וואספארא נאמען איך וויל נעמען. איך האב נישט געהאט קיין ספעציעלע אויסוואל. דאן האט מיר דער רב אנגעטראגן בתי' וואס האט זיך געשפירט זייער פאסיג. בת י-ה די טאכטער פון דעם אייבערשטן. און דאס איז די נאמען וואס איך האב אנגענומען.

...

אריינגקומענדיג אין די פליגלען פון די אידישע פאלק און קומען נענטער צום באשעפער קאסט א פרייז. אזוי גייט עס. עבודת ה' איז נישט אומזיסט. ווי איך הער פון מיינע אידישע חבר'טעס איז עס אויך אזוי, ווען א מענטש וויל גיין פון גוט צו בעסער. איך פארשטיי אז ווען א מענטש וועלט זיך אויס א וועג אין עבודת ה' קומט עס אלעמאל מיט א פרייז. ביי איינעם איז עס געלט, ביי איינעם איז עס משפחה, און ביי איינעם איז עס די מח, און צומאל אלעס צוזאמען. עס שטייט דאך אז ווי גרעסער א מענטש איז אלץ גרעסער איז זיין יצר הרע. און איך שפיר עס בחוש. דער יצר קומט אויף אלע וועגן און אומוועגן און זוכט מיר צו צוברעכן. אין מח און פון אינדרויסן. אבער איך וועל זיך נישט לאזן.

***פאר מיר איז געווען שווער אז אין מיין אלטע לעבן בין איך געווען זייער פאפולער. איך האב געהאט הונדערטער פוילישע פריינדינס. איך פלעג מאכן פארטיס און גרילס. פון ווען איך האב אנגעהויבן זאגן אז איך וויל זיך מגייר זיין, האב איך צוביסלעך באמערקט אז אן רעדן א ווארט זענען זיי צוביסלעך אלע פארשוואונדן געווארן פון מיר.*** איך האב זיך געטראפן איינזאם אליינס און אן קיין פריינט. דאס האט מיר דאן נישט געשטערט, ווייל איך האב געזוכט פטור צו ווערן פון מיין גוי'שע לעבנסשטייגער און איך בין געווען זייער פארנומען מיט מיין גיור.

אבער אין די פראצעדור, האב איך אויך נישט געהאט צייט צו מאכן נייע אידישע און חסידישע פריינט. אזוי האב איך זיך דערזען אין די לעצטע פאר וואכן עקסטער איינזאם און אליינס. איך האב נאכנישט אנגעקניפט באקאנטשאפט דא, און איך בין נישט חתונה געהאט, דעריבער איז מיר זייער שווער די דורכגאנג.

א ספעציעל שווערע נסיון פאר מיר איז געווען די פטירה פון רביצין הינדא פאזען ע"ה.

איך האב אויסגעדרוקט מיין ווייטאג אין א בריוו. איך וויל עס מיטטיילן מיט אייך.

(איבערגעזעצט פון ענגליש)

*איך האב פארלוירן א חבר'טע, א שוועסטער.*

*מיין נאמען איז בתי' און איך בין פערצן וואכן אלט.*

*אין עלטער פון 63 יאר בין איך געווארן א חסידיש סאטמארער שוועסטער. דאס איז פאר מיר זייער א דערהויבענע און ספעציעלע צייט אבער דאס גייט האנט און האנט מיט די גרעסטע נסיונות וואס איך האב געהאט אין מיין לעבן. איך קריג זיך פאר מיין לעבן, זיך צו קענען דערהאלטן ביים אמת.*

*גלייך נאך מיין גיור האב איך זיך באקענט מיט א טייערע פריינט - א שוועסטער. די פרוי, מיין נייע שוועסטער איז געווען אן עלטערע פרוי, א שוואכע פרוי - א באבע און א מאמע. א אידישע צדיקת. איך האב זיך אפגעגעבן זייער געטריי מיט איר. פאר דריי וואכן בין איך געזעצן יעדע נאכט מיט איר אין שפיטאל פאר עלף שעה. זי איז געווען פיזיש שוואך און קראנק אבער גייסטיש איז זי געווען שטארק ווי אייזן.*

*איר מח איז געווען קלאר און שארף. אין דריי וואכן האט זי געלערנט מער ווי איך האב זיך געלערנט אין די יארן פאר מיין גיור.*

*איין נאכט האט זי מיר געזאגט, "איך וויל וואס מיין מאן וויל. און איך טו וואס מיין מאן טוט. זיין עבודה איז מיין עבודה." דאן האב איך איינגעזען אז איך זיץ דא פאר א ריז. א ריז אין תורה, עבודה און יראת שמים. איך האב דאן פארשטאנען וואס עס מיינט אן ערליכע פרוי. איך האב געפילט ווי איך זיץ נעבן א לעבעדיגע ספר תורה.*

*איך בין געזעסן מיט איר ביז'ן סוף. ביז די לעצטע מינוט. איך האב געשפירט א שטארקע ליבשאפט צו איר. איך האב איר אזוי ליב געהאט, די טייערע אידענע, שוואך בכח אבער אזוי ווי שטארק אין מח!*

*איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן פון איר. איר ליכטיגע שמייכל האט געהאט א הימלישע חן. היינט איז זי נישטא, און איך האב פארלוירן מיין טייערסטע און ספעציעלסטע חבר'טע.*

...

אבער אויך יעצט טייערע אידישע שוועסטער, וועל איך זיך נישט לאזן. איך וועל זיך האלטן שטארק און זיך פריילך מאכן, און וויסן אז דער אייבערשטער איז ביי מיר, נעבן מיר און ארום מיר. איך זע וויאזוי טאג טעגליך שיקט מיר דער אייבערשטער מלאכים אין פארעם פון מענטשן וואס געבן מיר אזא גוטע ווארימע געפיל און נעמען אוועק מיין איינזאמקייט.

איך בעט דעם אייבערשטן אז איך זאל נאך זוכה זיין חתונה צו האבן כדת משה ויהודית, ווי אן ערליכע כשר'ע פרוי. און איך זאל קענען פארשפרייטן כבוד שמים ברבים.

...

א ספעציעלע מאמענט איז געווען פאר מיר די פארגאנגענע שבת (ערב סליחות) ווען איך האב זיך אנגעטון א טיכל (שפיצל). מיין חבר'טע פייגי האט מיר אפגערעדט דערפון. זי האט מיר געזאגט, "ביסט נישט חתונה געהאט."

אבער איך בין געגאנגען צום רב וואס האט מיר מגייר געווען און איך האב אים געפרעגט, "איך מעג זיך שערן די האר? איך מעג גיין מיט א שפיצל?"

ער האט מיר געזאגט אז אלע הלכות וואס גייען אן ביי א פארהייראטע פרוי' גייט נישט אן ביי מיר, ממילא דארף איך נישט שערן די האר. אבער איך האב איבערגעפרעגט, "איך מעג?"

דער רב האט מיר געזאגט אז איך מעג טון וואס איך וויל.

איז דעריבער האב איך געטון דאס וואס איך וויל! איך בין אריבער צו א טייערע ווייבל אויף בעדפארד עוועניו און זי האט מיר געמאכט צוויי הערליכע שפיצל פארעמס מיט געבינדענע טיכלעך דערויף. נעכטן (שבת פרשת כי תבא) בין איך די ערשטע מאל ארויס אין גאס דערמיט. קיין גליקליכערע פון מיר איז נישט דא! איך בין ענדליך זוכה צו זיין און אויסזען ווי אן אמת'ע בת מלך א אמת'ע בת ישראל. אן אמת'ע בת י-ה! געלויבט דעם אייבערשטן.

מיין חבר'טע האט מיר געזאגט אז מיין נאמען איז זייער פאסיג פאר מיר, ווייל בתיה האט ארויסגעצויגן משה פון וואסער און אויך איך האב ארויסגעצויגן מיין נשמה פון די וואסער פון טמאה. איך בעט צום אייבערשטן אז איך זאל נאך קומען נענטער און נענטער צו אים כל ימי חיי.

...

**מיר טוען זיך באדאנקן פאר בתיה פארן אוועקגעבן פון איר טייערע צייט, און איבערגעבן די לעבנסגעשיכטע, פון וואס מיר זענען זיכער אז אלע וואס ליינען דאס וועלן זייער הנאה האבן.**

**מיר דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר זענען א חלק פון אזא הייליג פאלק, און מיר וועלן פון פריש אנהייבן זיך צו פרייען מיט יעדע מצוה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן במתנה,**

**ווי אויך דאנקן מיר דעם אייבערשטן אז מיר זענען מקורב צו אזא רבי וואס דערמאנט אונז כסדר די גליק און פרייד אז מיר זענען אידן, און יא, מיר דארפן זיין פריילך מיט דעם אליין, מיט פשטות יהדות, די מענער גייען מיט א קאפל, בארד, און פאות, מיר זענען ארומגענומען מיט מצוות, מיר היטן הלכות פון א אידישע שטוב. מיר האבן א הייליגע תורה מקובל דוד פון דור ביז משה רבינו ביים בארג סיני, מיר האבן א העכערע סארט לעבן. שכח אייבערשטער אז איך בין א איד!** ■




# די נתי שאו

נתי'ס שמחה איז געווען גרויס. מיט איין אטעם לויפט ער אהיים פון בית המדרש א' דחול המועד און רופט אויס די פרייליכע נייעס וואס ער האט געזען אויף א צעטל וואס הענגט אין שול.

"היינט נאכט וועט זיין צוגעשטעלט "די באקאנטע נתי שאו".

נתי'ס גליק איז געווען איבערן לבנה. ער האט שוין אזוי פיל געהערט וועגן די באקאנטע, די בארימטע נתי שאו. און דא, צו זיין גליק, קומט אים עס אונטער ממש צום טיר.

ער האט שיינערהייט געבעטן אז ער וויל זייער שטארק קענען אנטייל נעמען אין די שאו. ברוך השם, עס איז אונז אונטערגעקומען עס צו האבן פאר פרי, אן דארפן צאל.

נתי איז א א פאכמאן, וואס גייט ארום פארשטעלן שאו'ס פון קינסטלערישע מעדזשיק טריקס, וואס כאפט אן עולם. די קינדער האבן שוין געהערט פון שכנים חברים און באקאנטע וועגן די שאו, און זיי האבן אלעמאל געוואלט קענען זיין ביי אזא שאו. דא, ביים איינשטיין אויף יום טוב ביי די באבע, איז פינקט צוגעשטעלט געווארן - ווי מען רופט עס - ביי מיר אין הויף, די נתי שאו.

אדרבה, האט דער טאטע געזאגט, די קינדער קענען גיין און הנאה האבן פון די קינסטלערישע שאו. די גאנצע טאג זענען די קינדער געווען גליקליך און צופרידן, שפילנדיג מיט טשאלק, פארן מיט בייקס, און סתם אזוי פארברענגען, אן די געוויין

וואס קינדער פירן זיך חול המועד צו זינגען, "וואו קען מען היינט גיין, וואס קען מען היינט טון?" זיי האבן ארויסגעקוקט אויף די נאכט, ווען זיי וועלן קענען גיין הנאה האבן פון די געשמאקע שאו.

ענדליך איז שוין אנגעקומען די גליקליכע אכט אזייגער.

מען האט באגלייט די קינדער צו די פרייליכע, באקאנטע נתי שאו. זיי זעצן זיך אוועק, און כאפן אן די בענקלעך מיט שפאנונג. זיי האבן שוין געהערט אז די אומערווארטעטע קען פאסירן אינמיטן די פרייליכע מעדזשיק שאו.

דער מעדזשישען, נתי, קומט אריין מיט גרויס פאמפע צו די קלאטשעריי פון אלע קינדער.

ער פארט אויף אן איין-רעדלדיגע בייק- און דרייט מיט זיינע צוויי פיס.

בשעת'ן דרייען האט ער געהאלטן אפאר באטלעך אויפ'ן שפיץ פנים אונטער זיין מויל, וואס ער האט באלאנסירט עס זאל נישט פאלן. אזוי איז ער דורכגעפארן פארנט פון אלע קינדער, אהין און צוריק, און זיך אפגעשטעלט אינמיטן, אפצונעמען זיין ברוך הבא אין די פארעם פון די הויכע געשריי און קלאטשעריי פון די קינדער.

די שאו איז אין קראפט.

די קינדער זיצן מיט אפענע אויגן, און האלטן מיט ווי נתי נעמט ווייזט זיינע מעכטיגע טריקס נאכן צווייטן.

די באטלעך האט ער באזייטיגט, און ער ציט ארויס א האנט טאשטיך פון זיין ביזעם טאש. עס איז געווען א שרייעדיגע רויטע האנט טאשטיך וואס ער האט ארומגעווארפן איבערן ציבור, און געגעבן פאר אלעמען א געלעגנהייט אנצוכאפן די טאשטיך, עס צו שפירן, אז עס איז אמת'דיג דא. דאן האט ער עס צוריקגענומען, געשאקלט אהין און צוריק מיט זיין האנט, און אויסגערופן הויך:

"אבראקדברא..."

ער האט געגעבן איין לעצטע דריי, און געזאגט "איך גיי עס יעצט אריינפאקן אין מיין הענט. ער הייבט אן שטופן טיף, טיף, אריין אין די פאלם פון זיין לינקע האנט, בשעת די פינגערס פון זיינע רעכטע הענט קוועטשן עס אראפ, אלץ טיפער און טיפער אריין אין זיין האנט.

די קינדער ווארטן מיט שפאנונג צו זען וואס וועט יעצט געשען, און נתי געבט א מאך אויף זיין האנט. צו אלעמענ'ס גרויס איבערראשונג, זעט מען די הויט פון זיין האנט, אן א זכר פון די רויטע טאשטיכל. וואו איז עס פארשוואונדן געווארן? וואונדערן זיך אלע. נתי waved-שאקלט זיין האנט צו אלעמען, און ווייזט זיי ביי-ביי.

ער הייבט אן זוכן, רעכטס און לינקס, פון איין טאש, צום קאפל, צום שיך, צום הויזן... וואו איז זיין טאשטיכל פארשוואונדן געווארן? נאך א שטיק צייט, וואס דער עולם האט זיך מייאש געווען פון טרעפן דעם רויטן טאשטיכל, האט נתי אויסגערופן הויך "און יעצט, לאמיר זען וואס וועט געשען..."

ער לייגט צוריק אריין זיינע פינגערס אין די לינקע האנט, און "אבראקדברא," די רויטע טאשטיכל איז צוריק.

א גרויס קלאטשעריי האט אויסגעבראכן, די קינדער האבן אנגעהויבן שרייען: "נאך איינס! נאך איינס!"

דאס מאל האט נתי אונטערגעצינדן אפאר מעסערס מיט פייער, און באוויזן א קינסטלערישע שאו פון דזשאגלינג מיט שארפע, ברענעדיגע מעסערס. ער האט עס אזוי ארויפגעווארפן, איינס, צוויי, דריי, איינס נאך די אנדערע, און ארומגעדזשאגלט מיט פינף ברענעדיגע מעסערס. די קלענערע קינדער האבן זיך אביסל דערשראקן און דערווייטערט, אבער די עלטערע קינדער האבן זיך פראבירט נענטער צו שארן, צו קענען זען ווי אזוי נתי מאכט די מסוכנ'דיגע, פארכאפענדע דזשאגלעריי.

דער עולם האָט געהאפט שטילערהייט, אַז ער זאָל זיך נישט אָפּברייען פון די פ◌ער, אָדער חלילה כאפּן שניטן, אָבער נתי איז געלערנט דערויף, און האָט געענדיגט דעם סכנה'דיגע קונץ, אויך מיט פליעדיגע קאָלירן.

דער עולם האָט זיך געגאנגען כאפן דעם אָטעם, מיט די עסן און טרינקען וואָס מען האָט דארט אַרויסגעלייגט אינדרויסן ביים סוכה. מען איז אַרויסגעגאַנגען צום סוכה, געמאכט ברכות, געגעסן די לייכטע איבערבייס, און זיך שנעל צוריק אַריינגעיאגט צו קענען מיטהאַלטן דעם נעקסטן טריק.

דאָס מאָל איז נתי אַר◌נגעקומען מיט אַ קליין קעסטל. ער האָט געמאַכט אַ גאַנצע מצב ווי ער דרייט עס און שאקלט עס, אַרויף אַראָפּ, אַהין און אַהער, צפון דרום מזרח מערב, און דאן מאַכט ער עס אויף. אַלע האָבן זיך געוואונדערט וואָס מען וועט טרעפן אין יענעם

באַקסעלע. אָבער ב◦ם עפענען זענען זיי געוואָרן אַנטוישט, זיי זעען א ליידיגע באַקס, אַ ליידיגע קעסטל.

נתי האָט זיי אַלע בארואיגט און אָנגעהויבן זינגען דעם אַלעמען־באַקאַנטן אַבראַקאַדאַבראַ ניגון. די קינדער האָבן שוין געקענט דעם ניגון און מיטגעזונגען, וואַרטענדיג צו זען וואָס וועט יעצט פּאַסירן. פּלוצלינג געבט אַ שפּרינג אַרויס אַ קליין וו◦סע האזעלע פון דעם קעסטל, אַ באני-ראביט. דאָס האזעלע האָט אָנגעהויבן אַרומלויפן צווישן דער עולם, און ס'איז געוואָרן כאָאס.

מען האָט אָנגעהויבן שר◦ען, וויינען און לויפן פון דעם קליינעם האזעלע. ביז געציילטע מינוטן, האָט אבער נתי ווידעראַמאָל געזאָגט ז◦ן באַקאַנטע אַבראַקאַדאַבראַ, און דאָס האזעלע איז צוריק אַר◦נגעלאָפן אין ז◦ן קעסטל. ווי איבערראַשט זענען די קינדער ווידעראַמאָל געוואָרן, ווען נתי האָט פארמאכט דעם קעסטל, און תיכף דערויף צוריק געעפנט די טיר דערפון, און דאָס קעסטל איז נאָכאַמאָל געווען ליידיג!!

אַזוי האָט נתי אַר◦נגעצויגן איין טריק אין די צווייטן, און די קינדער האָבן זיך געהאַלטן ב◦ די זייטן מיט גרויס נ◦גער און פרייד איבער יעדע נ◦ע קונץ וואס נתי האָט געמאַכט.

דאן איז געקומען די באַקאַנטע טריק וואָס מען מאַכט מיט אַ הויפל גלעזלעך איבערגעדרייט, ווי מען קלאַפּט מיט אַ ד◦ס, און עס ווערט פאַרשוואונדן די באליס וואָס מען האָט אַר◦נגעלייגט דערין. נאָכדעם זענען געווען די געימס וואָס מען האָט געשפּילט מיט אויסקלויבן אַ געוויסע קאַרטל פון אַ גאַנצע פ◦ל, און די גרויס שמחה ווען נתי האָט טאַקע צוגעטראָפן די ריכטיגע קאַרטל וואָס די קינדער האָבן אויסגעקליבן און צוריק באַהאַלטן אין די אויסגעמישטע פ◦ל.

ביים סוף פון די שאו, האט נתי געגעבן א געלעגנהייט פאר עטליכע קינדער ארויף צו קומען פרובירן די טריקס. איין קינד האט נישט געוואלט מאכן די טריק, נאר זיך גע'עקשנ'ט און געבעטן נתי זאל ווייזן וויאזוי ער מאכט זיינע קונצן, וויאזוי קען ער פון לופט אראפברענגען א האזעלע, זיך נישט אָפּבריען זיינע הענט פון פייער, מאכן אז א שמאטע זאל נעלם ווערן אין די דינע לופט, און אזוי ווייטער...

נתי האט זיך געבראכן פאר די קינד'ס געבעט. ער האט מסכים געווען צו ערקלערן וויאזוי ער האט געמאכט די ערשטן קונץ, באהאלטן דעם רויטן טאשטיכל, און עס דאן ארויסציען פון די דינע לופט.

ער האט ארויסגענומען פון זיין



פינגער, אוןביים אריינשטעקן דעם טאשטיכל אין מיין האנט, האב איך עס אריינגעשטעפט אין די לאך פון אינעווייניג פון דעם נאכגעמאכטן פינגער, און איך האב געגעבן א גליטש אריין מיין אמת'ע פינגערל אין דעם. דאן האט עס אויסגעקוקט ווי דאס איז מיין פינגער, אבער טיף אינעווייניג דערין איז געווען באהאלטן דעם טאשטיכל. שפעטער, ווען מען האט שוין מייאש געווען פון טרעפן דעם שמאטע, האב איך צוריק אריינגעשטעקט מיין פינגער אין דער צווייטער האנט, און אזוי האב איך ארויסגעשלעפט דעם טאשטיכל פונעם פאלטשע פינגער'ל, צוריק אנגעטון דעם ליידיגן פינגער'ל, און אבראקאדאבראַ, די שמאטע איז צוריק אין קראפט."

מיר זיצן יעצט אין אונזער אייגענע צירקוס - אונזערע סוכות - ארומגענומען בצל כנפיך, מיט די פליגלעך פון דעם אייבערשטן.

דאס אז מיר בויען א סוכה, און גייען ארויס פון אונזער קאמפורט זאון, פון אונזער באקוועמליכקייטן אינדערהיים, און שטעלן אוועק א נייע היים אונטערן פרייען הימל, איז א קלארע ראיה אז מיר גלייבן אז דער אייבערשטער האט אונז געהאלפן אין אלע דורות. ספעציעל אין מדבר, ווען אידן זענען געווארן נאכגעלאפן דורך די פיינט, ווען פרעה האט פרובירט אונז צוריקצונעמען אלס קנעכט, האט דער אייבערשטער ארומגענומען זיינע קינדער מיט זיין שאטן, ער האט געשיקט א וואלקן ארומצונעמען כלל ישראל און זיי באשיצן פון די דרויסנדיגע קעגנערס.

אזוי טוען מיר יעדע יאר אין דעם יום טוב סוכות. מיר זעצן זיך ארויס צו שטארקן, אין אויפווייזן אונזער אמונה, אז מיר גלייבן אז דער אייבערשטער נעמט אונז ארום אין יעדע מצב, אין יעדע זמן. און פונקט ווי דער אייבערשטער האט געקענט באשיצן די אידן אויף אזא אומדערהערטן אופן, פון שיקן וואלקענעס וואס זאל זיי וואשן די וועש, גלאט מאכן די ערד, באשיצן פון די אריינקומענדיגע פיילן, אזוי אויך נעמט אונז דער אייבערשטער יעצט, און אין יעדן דור ארום. מיר גלייבן אין זיין השגחה עליונה. און מיר פרייען זיך דערמיט.

מוהרא"ש איז מסביר, אז סוכות איז מען ארומגענומען מיטן אייבערשטן. דאס, אז דו גייסט אריין אין די סוכה, איז א ראיה אז דו גלייבסט אין די פארלאזט דיך אויף דעם אייבערשטן, און עס איז שוין א מצווה וואס דו האסט אריינגעטרעטן מיט דיין גאנצן גוף, אין שטיק געטליכקייט נעמט דיך איבער. מען ווערט איינס מיטן אייבערשטן.

אבער וואס איז טאקע אמונה?

אמונה איז גלייבן אין דעם אייבערשטן אן מיין שכל וואס וואלט געטראכט פונקט פארקערט, גאר אנדערש, אין יעדע פרט. אמונה איז, בלינדערהייט גלייבן אז דער אייבערשטער פירט מיט א פינקטליכן פלאן. ווען מיר הייבן אן מאכן חשבונות און טראכטן, "אפשר דארף וועט זיין אזוי, אדער אפשר בעסער וואלט געווען אויב אזי", דאס איז שוין א שוואכקייט אין אמונה.

פונקט ווי א מעדזשיק שאו.

ווען דו זעסט קינצלעריי דאס ערשטע מאל, נעמט דיך עס איבער, און דו טראכסט צו זיך, 'וואוו, וויאזוי האט אזא זאך געקענט פאסירן? עס איז דאך חוץ לדרך הטבע. ס'איז מורא'דיג, ס'איז אומגלויבליך'. אבער איין מאל דו דערלערנסט זיך דעם פאך פון מעדזשיק, פון קינצלעריי, איז עס בכלל נישט אומגלויבליך. עס ווערט א טעכנישע שכל'דיגע פאקט.

אויב טוט מען אזוי און אזוי, פאסירט דאס און דאס. עס איז פשוט א לימוד וואס מען קען פארשטיין. אויב איך וועל אנטון א פאלשע פינגערל, און איך שטופ אריין די שמאטע אין יענץ, וועט מען דאן שוין נישט טרעפן דעם שרייענדיגן טאשטיכל.

אבער נישט דאס איז אמונה.

אמונה איז, גלייבן אז דער אייבערשטער האט זיינע וועגן. איך דארף נישט פארשטיין וויאזוי דער אייבערשטער וועט שיקן מיין הילף. איך דארף זיך נישט זארגן וויאזוי איך וועל נישט אפגעבריט ווערן פון די פייערן וואס רוישן אויפן גאס. איך דארף זיך נישט דאגה'נען וויאזוי זיך צו באלאנסירן אויף א בייק מיט איין רעדל.

ווייל אויב איך וועל זיך דערלערנען דעם פאך, מאך איך כביכול דעם אייבערשטן'ס שכל אזוי קליין ווי מיין שכל- איז עס מער נישט אינטערעסאנט צו זען. עס איז מער נישט קיין קונץ, עס איז בכלל נישט אינטערעסאנט צו נאכאמאל קוקן וויבאלד איך ווייס דאך שוין קלאר די אנווייזונגען, און עס

פארלירט די high וואס מען שפירט דורכ'ן זען די אומערווארטעטע.

"אמונה מיינט בעטן דעם אייבערשטן ווען איך ווייס נישט ווען און וויאזוי מיין הילף וועט קומען" זאגט מיר פונקט מיין חברט'ע איין שווערן טאג.

"אט אזעלכע ווערטער האב איך געזיכט צוצוענדיגן דעם ארטיקל", האב איך זיך אויפן קול געוואונדערט.... זי זאגט צוריק א זאך וואס איך וואלט שוין אליין ווען געמעגט וויסן, אבער אונזער גרויסער באשעפער האט ענדערש געוואלט זיך אנטפלעקן צו מיר, איך זאל שפירן זיין ליבליכן גלעט... "דאס האט מיר דיין אייגענע טייערע מאמע איבערגעזאגט פון דיין חשוב'ן טאטע א לאנגע צייט צוריק, און מיט דעם טרייסט איך זיך טעגליך"... דער אייבערשטער פירט צו ווען און וואס און וויאזוי מען זאל זען/ הערן/שפירן... מיט א פונקטליכן השגחה פרטית, מיר זאלן אים אנערקענען, און זיך ווידער פארלאזן נאר אויף אים.

דער גרויסער צדיק רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב - בעת צרה - האט זיך געזעצט שרייבן א ליסטע פון 28 וועגן ווי אזוי דער אייבערשטער קען אים העלפן זיך ארויס זעהן פון זיין פראבלעם. וועלכע עצה פון די ליסטע קלערט איר האט דער אייבערשטער אויסגעוועלט אים צו העלפן? די 29'סטע.

א שאד זיך צו זארגן. א שאד זיך צו ברעכן קאפ.

מען זאגט "זיך זארגן איז ווי זיצן אויף א ראקינג בענקל: עס געבט עפעס צו טוען, אבער עס טראגט דיר אין ערגעץ". ענדערש טון צו די זאך. בעט און גלייב און הייב נאכאמאל אן. בעט און גלייב...

דארפסט מער? זוכסט ראיות? זיך נישט צו ווייט.

קוק זיך ארום די באצירטע סוכה וועגט.

**אברהם אבינו** ער האט געגלייבט און געטוען צום זאך אן חשבונות, לך לך, זיך געהויבן און ארויסגעצויגן....

**יצחק אבינו** האט געבעטן מען זאל אים שטערקער ארומבינדן ביים עקידה, ער האט געוואלט זיין א קרבן שלום, פאלגן בשלימות.

**יעקב אבינו** אנטלאפן פון דער היים, געארבעט שווערע יארן געפאפט צו ווערן, זיך געראנגלט מיטן פיינט, און ווייטער אויפגעשטעלט א משפחה פאר'ן אייבערשטן.

**משה רבינו** איז געקליבן געווארן צו זיין אונזער גוואל בשעת'ן פאשן שאף, א ווייכע רחמנות'דיגער, גייט אריין אונעם מויל פונעם לייב, כאטש זיין דיבור האט אים נישט געניצט. געפאלגט דעם דבר ה'.

**אהרן הכהן** ב"ם באגלייטן משה רבינו צו פרעה'ס פאלאץ, האט ער געקענט חלומ'ען אז ער וועט איין טאג צוקומען צו די כהונה אין די בית המקדש? בלינדע אמונה.

**יוסף הצדיק** ב"ם שמאכטן אין תפיסה, פארלאזט פון זיין משפחה, בע'עוול'ט מיט אויפגעטראפענע בלבולים, האט דען געקענט וויסן אז נאך אביסל וועט ער זיין משנה למלך, און אזוי זיך צוזאמטרעפן צוריק מיט זיין טאטע, אויף וועמען ער האט אזוי געבענקט?

**דוד המלך** איז שייך בכלל צו רעדן פון די פיין און די רדיפות וואס ער האט מיטגעמאכט? זיין אייגענע משפחה, זיין טאטע און קינדער האבן אים נאר געוואלט באגראבן. און מיט דעם אלעס האט ער זיין אמונה נישט פארלוירן, נאר געגלייבט אין די אויסלייזער פון די אידן, און אזוי ארויסגעגעבן די הערליכע ספר תהילים, די שיץ פאר אידן און אלע צייטן. די תהילים טוט יעדן באגלייטן.

ווילאנג איך ווייס נישט די חשבונות און איך ווייס נישט די אויסלייז פלאן, אבער דאך זיץ איך אויף מיין בענקל און איך גלייב אז עס וועט זיך אויסקאכן צום בעסטן, עס וועט זיך ענדיגן בשלום, וועל איך צום סוף זען אז אלעס איז געווען פאר מיין טובה וועגן- דאס איז אמונה. איך פארשטיי נישט, אבער איך גלייב.

"הייליגע באשעפער, איך זיץ און דיין שאטן, אבער ווען און וועל איך דיר שוין שפירן? ווען וועל איך דיר שוין זען? איך וויל נישט האבן קיין קשיות אייבערשטער, נאר איך וויל גלייבן אין דיר ווי קינדער און פרויען גלייבן. אבער אויב איז נאך מיין אמונה ווייט און פארנעפלט אייבערשטער, איך שפיר נאכנישט וואס דער רבי האט געמיינט צו זאגן אז מען זאל גלייבן ווי פרויען, בעט איך דיר טאטע, אז איך זאל נישט אויפגעבן און בעטן אויף דעם אויך, ביז איך וועל גלייבן און דיר מיט אזא קלארע אמונה אז איך וועל נישט דארפן קיין ראיות, איך וועל דיר שטענדיג שפירן מיט מיר אין יעדע צייט."

# לאמיר שמועסן

נאמען: מרת י. קליין.

וואוינארט: עיר התורה בני ברק.

קינדער: זיי וועלן נאך אונטערקומען.

א ניגון וואס עפנט דיר די הארץ: די "האר" ניגון פון די נייע סידי מיין בעסטע פרענד.

א פלאץ אדער צייט וואס דו האסט ליב צו רעדן צום אייבערשטן: אין בעט פארן גיין שלאפן.

וואס גלייכסטו צו טון אין דיין לייזיגע צייט: באקן, און הערן דערוויייל לידער פון דער ראש ישיבה שליט"א.

דיין ציל אין לעבן: אויפשטעלן א שיינע שטוב, מיט ערליכע דורות וואס לעבן מיטן אייבערשטן און מיט צדיקים.

פאר בערך פיר יאר צוריק, איך האב באקומען א איבערגעזעצטע חיזוק יומי פון דער ראש ישיבה שליט"א, עס איז מיר זייער שטארק געפאלן די ווערטער ווי דער ראש ישיבה רעדט, פון פשטות יהדות פון זיין פריילעך און פון רעדן צום אייבערשטן. איך האב געהערט אין חיזוק יומי נאכן צווייטן און אנגעהויבן צו זוכן די גאנצע שיעורים.

איך האב נאכנישט געקענט קיין אידיש, אבער אזוי האב איך אויסגעהערט א שיעור נאך א שיעור. אביסל האב איך יא פארשטאנען און אביסל נישט. מיט די צייט נאכן הערן אסאך שיעורים האב איך זיך אויסגעלערנט אידיש און אנגעהויבן צו פארשטיין אז דער ראש ישיבה איז נישט נאך עפעס א בעל דרשן, און די שיעורים זענען נישט סתם שיעורים, נאר דאס איז א וועג פון לעבן, לעבן א פריילעכע לעבן מיטן אייבערשטן, אנהויבן פונדאסניי און זיין פריילעך מיט די הייליגע תורה און מצוות.

אזוי איז אריבער א האלבע יאר וואס איך האב געהערט שיעורים. ביז איך האב אפגעמאכט דאס איז עס, אזא לעבן וויל איך, און אזא שטוב וויל איך אויפשטעלן.

חנוכה תשפ"ב האב איך געשריבן א בריוו צו דער ראש ישיבה שליט"א, צו עס איז בכלל מעגליך איך זאל אויפשטעלן א ברסלב'ע שטוב, אדער איך זאל ארויסטרייבן די געדאנק פון מיין מח? איך קום נישט פון א חסידישע שטוב, איך האב געלערנט אין ליטווישע מוסדות, עס איז מעגליך?

און דער ראש ישיבה שליט"א האט געענטפערט אז אויב איך וועל בעטן דעם אייבערשטן דערויף וועל איך אם ירצה השם אויפשטעלן א 'ערליכע ווארעמע ברסלב'ע שטוב'. און דאס האב איך טאקע געטון, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל אויפשטעלן א שיינע ערליכע חסידישע שטוב, א שטוב וואס וועט זיין געבויעט אויף די וועג וואס דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אונז אויס. און שכח אייבערשטער אז דריי חדשים

## ש. ח. שטעסל

צוריק האב איך חתונה געהאט מיט א וואוילער חסידישער בחור וואס לעבט מיט די עצות פונעם הייליגן רבי'ן.

איך האב געדארפט צו חתונה האבן י"ט סיון, מען האט זיך געגרייט צו די חתונה, אבער צוויי טעג פאר די חתונה האט אויסגעבראכן די מלחמה מיט איראן.

עס האט אויסגעזעהן אוממעגליך אז די חתונה וועט קענען זיין די קומענדיגע תקופה, ווייל די זאלן זענען געווען צוגעשפארט, באסעס איז נישט געווען, מענטשן האבן זיך נישט געדרייט סתם אין גאס, און ווער רעדט בכלל פון א חתונה.

עס איז געווען א נאכט פאר די חתונה מוצאי שבת 11 אזייגער ביינאכט, און מען האט נאכנישט געוואוסט וואו און ווען און וואס גייט זיין מיט די חתונה. איך האב דעמאלס זייער אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל זיך נישט דארפן אפשטופן, און מען זאל קענען מאכן די חתונה אין די באשטימטע צייט.

למעשה האט מען אפגעמאכט אז מען גייט נישט אפשטופן די חתונה זאל זיין וואס זאל זיין, אפילו עס גייט קומען נאר א מנין.

מען האט געמאכט די חופה איינס אזייגער מיטאג, און עס איז געווען ברוך השם א פריילעכע לעבעדיגע חתונה, זייער אסאך מענטשן זענען געקומען און זיך מיטגעפריידט מיט אונז.

זיבן אזייגער האט זיך געענדיגט די חתונה, און איך בין געווען אזוי פריילעך מיט די פשוטע פריילעכע חתונה וואס איך האב געהאט.

פון ווען בית פיגא-בני ברק האט זיך געעפנט האב איך זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל אויך האבן א חלק אין העלפן דעם הייליגן רבי'ן, איך האב געשריבן פאר דער ראש ישיבה שליט"א, און געזאגט פארן לערן לעווי אז אויב מען דארף הילף אין שולע; צו אין רייניגן, העלפן, זיין א פארטרעטערין, בעביסיטן, בין איך גרייט.

ווען לערן רעכניצער האט געבוירן א בעבי האט מען מיר גערופן איר קומען איבערנעמען, און ווען זי איז צוריקגעקומען האט לערן רייזמאן געבוירן א בעבי, בין איך געווארן לערן אנשטאט איר, ביז ווען זי איז צוריקגעקומען.

ווען זי איז צוריק געקומען האט מען זיך שוין נישט גענויטיגט אין נאך לערערינס, האב איך צוריק אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען ווייטער העלפן אין בית פיגא.

ווען עס איז געקומען זומער בין איך צוריקגעגאנגען אין שולע און געווען די קאונצלער אין די זומער טעג, און מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועל איך אויך קענען זיין לערן די

## א טיפ פאר די אידישע מאמע:

מען נעמט שניצל פלייש, און מען צושניידט עס אין קליינע שטיקלעך.

מען מישט עס אויס אין א שיסל מיט מיט זאלץ, שווארצע פעפער, רויטע פעפער, סילאן און אויל.

דערנאך באקן אין אויוון פאר 20 מינוט.

- מרת ל. ג. אשדוד

# בשורה טובה לתושבי קעטסקילס

אין ליכט פון די שטארקע הצלחה פון די זומער וואכן וועט
די היימישע ספעציאליסט פאר קינדער און ערוואקסענע

## NECHAMA DINA JAFEE, PA

בלייבן אינעם ליבערטי מעדיקל צענטער פאר א גאנץ יאר.




איר לאנגע יארן ערפארונג און אויסגעצייכנטקייט וועט אונז העלפן
באדינען דעם ציבור במשך דעם יאר אויפ'ן בעסטן פארנעם.


aHava™ medical

Home to better health™ | ahavamedical.com
25 Carrier St. Liberty, NY 12754 · 845.281.7200
To reach our manager Mr. Klein dial #4053

קינדער בלעטל

# צושטאכן!

- ברסלב'ע חידות




א פריילעכן יום טוב טייערע בלעטל קינדער!

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**אייבערשטער**

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: "קיינער טאר נישט פעלן"

## ברסלב'ע חידות

**ווען מען שאקלט לולב**
**צושטעכט מען**

א. דעם יצר הרע
ב. די רשעים
ג. די שלעכטע מדות
ד. די עברות

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: אהר'לע און בערעלע זענען נישט געקומען!

## געב א שמייכל

**וואס איז די חילוק פון א מיליאנער און א ביליאנער?**

א פריילעכער וויץ

געבערענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה - חלק ראשון**

**סה. כְּשֶׁאֵין אֱמֶת, אֵין חֶסֶד.**

אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אֱמֶת, אִיז נִישְׁטָא קַיין חֶסֶד.



# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מעןליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)



בילד פון פארגאנגענע וואך: **נתי אפענהיים - נורסערי - קרית ברסלב**

# מענטשעלעך

## אִיךְ שְׁטוֹיס נִשְׁט דִי מִצְווֹת

### וְשָׂמַחְתָּ

בְּחַגֶּךָ... "שִׁמְעוֹן הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעזוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג אַרוֹיס צוּ זֵייעֶר סוּכָּה, מִיט דִי אֶתְרוֹג אוּן לוּלָב וָואס זַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעקוֹיפְט אִין זַיין הֶענְט.

עֶר הָאט פָארְזִיכְטִיג אוֹיפְגֶעמַאכְט דִי אֶתְרוֹג הַאלְטֶער, "אוֹי וֵויי" הָאט שִׁמְעוֹן גֶעוֵויינְט, "דִי פִּיטוּם אִיז אַרָאפְּגֶערִיסְן", עֶר הָאט פְּרָאבִּירְט צוּ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אֶפְשָׁר הָאט אֵיינֶער גֶעמֵיינְט אַז עֶס אִיז אַ פְּרוּכְט אוּן אַרָאפְּגֶערִיסְן דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע טֵייל פוּן דִי אֶתְרוֹג. אָבֶּער יֶעצְט אִיז זַיין אֶתְרוֹג נִישְׁט כָּשֵׁר. עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, עֶר וַוארְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג צוּ טוּעֶן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן שָׁאקְלֶען לוּלָב אוּן אֶתְרוֹג. דִי יָאר אִיז עֶר גֶעוָוארְן סְפֶּעצִיעֶל פְרֵיילֶעךְ וַוייל זַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעקוֹיפְט זַיין אֵייגֶענֶע ד' מִינִים.

שִׁמְעוֹן הָאט דָאךְ גֶעוָואלְט טוּן דִי מִצְוָה אוּן עֶר הָאט גֶענוּצְט זַיין טַאטֶע'ס אֶתְרוֹג. "בָּרוּךְ ... עַל נְטִילַת לוּלָב", הָאט שִׁמְעוֹן אוֹיסְגֶערוּפְן הוֹיעֶךְ, עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַז עֶר קֶען נָאךְ אַלְץ טוּעֶן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה.

אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם שׁוּל הָאט זַיין טַאטֶע גֶעפְרֶעגְט, "פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעשְׁטוֹיסְן דִי אֶתְרוֹג אוּן עֶס מֶער צוּבְּרָאכְן וֶוען דוּ הָאסְט גֶעזֶען אַז דוּ קֶענְסְט עֶס סַייוִוי נִישְׁט נִיצְן?"

"וַוייל אַ אִיד שְׁטוֹיסְט נִישְׁט אוּן צוּבְּרֶעכְט נִישְׁט זַאכְן וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט פּוּנְקְטְלִיךְ וִוי אַזוֹי עֶר וִויל, זִיכֶער נִישְׁט אַזַא הֵיילִיגֶע זַאךְ וִוי אַן אֶתְרוֹג", הָאט שִׁמְעוֹן גֶעעֶנְטְפֶערְט.

זַיין טַאטֶע הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ זַיין עֶנְטְפֶער "אוּן פַארְוָואס הָאסְטוּ נָאךְ אַלְץ גֶעוָואלְט שָׁאקְלֶען לוּלָב אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר גֶעוֶוען שְׁוֶוער, הָאסְט גֶעדַארְפְט נִיצְן מַיין אֶתְרוֹג?"

"וַוייל אִיךְ הָאבּ לִיבּ צוּ טוּעֶן מִצְווֹת", הָאט שִׁמְעוֹן גֶעעֶנְטְפֶערְט. "מִצְווֹת מַאכְט מִיר פְרֵיילֶעךְ אוּן אוֹיבּ אִיךְ קֶען נִישְׁט טוּעֶן אַ מִצְוָה, וֶוער אִיךְ אַבִּיסְל טְרוֹיעֶרִיג".

"זֵייעֶר פַיין שִׁמְעוֹן! יֶעצְט וֶועל אִיךְ עֶנְק דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן דִי הֵיילִיגֶע גְּמָרָא.

וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט גֶעבְּן פַאר דִי אִידְן אַזוֹיפִיל גוּטְס וֶועלְן דִי גוֹיִם זֵייעֶר מְקַנֵּא זַיין דִי



בילדער: ח. שטיינבערג



אִידְן.

"אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ אִיד", זָאגְט דֶער כִינֶעזֶער גוֹי.

"אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ אִיד אוּן בַּאקוּמֶען אַלֶע גוּטֶע זַאכְן", זָאגְט דֶער סְפַּאנִישֶׁער גוֹי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זֵיי דֶעמָאלְטְס גֶעבְּן אֵיין זֵייעֶר גְרִינְגֶע מִצְוָה צוּ אוֹיסְפְּרָאבִּירְן אוֹיבּ זֵיי וִוילְן טַאקֶע הִיטְן דִי תּוֹרָה.

"לָאמִיר זֶען אוֹיבּ עֶנְק קֶענֶען זִיצְן אִין אַ סוּכָּה פַּאר 7 טֶעג".

דִי גוֹיִם בּוֹיעֶן קְלֵיינֶע סוּכָּה'לֶעךְ. "זֶעסְט מַיין סוּכָּה?" לַאכְט דֶער אַרַאבֶּער, "אִיךְ דַארְף נָאר זִיצְן פַּאר 7 טֶעג אוּן נָאכְדֶעם וֶועל אִיךְ בַּאקוּמֶען אַלֶע גוּטֶע זַאכְן פוּן דִי אִידְן!"

וֶוען אַלֶע גוֹיִם וֶועלְן שׁוֹין זִיצְן אִין דִי סוּכָּה וֶועט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי זוּן פוּן אִיר הַאלְטֶער אוּן עֶס וֶועט וֶוערְן זֵייעֶר זֵייעֶר הֵייס.

דֶער פּוֹלִישֶׁער גוֹי טוּט אוֹיס זַיין מַאנְטְל, "עֶס אִיז אַבִּיסְל הֵייס דָא אִין דִי סוּכָּה", רוּפְט עֶר זִיךְ אָן.

"אַבִּיסְל?" רֶעגְט זִיךְ דֶער רוּס, עֶר טוּט שְׁנֶעל אוֹיס זַיין וַוארֶעמֶער הוּט, "עֶס בְּרֶענְט!"

דֶער עֶנְגְלִישֶׁער וִוישְׁט אָפּ זַיין שְׁוֵויס, "וִויפִיל טֶעג דַארְפְן מִיר זִיצְן דָא? 7 טֶעג? אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיס 7 מִינוּט!"

דִי גוֹיִם קֶענֶען מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן דִי הִיץ, זֵיי לוֹיפְן אַרוֹיס אוּן שְׁטוֹיסְן אוּן צוּבְּרֶעכְן זֵייעֶר סוּכָּה'לֶעךְ. "יֶעצְט דַארְפְן מִיר מֶער נִישְׁט זִיצְן אִין אַ סוּכָּה", פְרֵיידְט זִיךְ דֶער אַרַאבֶּער.

דֶעמָאלְטְס וֶועט יֶעדֶער זֶען אַז דִי גוֹיִם וִוילְן נִישְׁט טוּעֶן דִי מִצְווֹת פוּן דִי תּוֹרָה, אוּן אַלֶע גוּטֶע שְׂכַר וֶועט זַיין נָאר פַאר דִי אִידְן.

יַעְנְקִי פְרֶעגְט זַיין טַאטֶע, וָואס אִיז דִי פְּרָאבְּלֶעם אַז זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דִי סוּכָּה? מִיר זִיצְן אוֹיךְ נִישְׁט אִין דִי סוּכָּה וֶוען עֶס רֶעגְנְט, אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט מוּז מֶען נִישְׁט!

"שִׁמְעוֹן, אֶפְשָׁר וֵוייסְטוּ פַארְוָואס דִי גוֹיִם בַּאקוּמֶען נִישְׁט קֵיין שְׂכַר?" הָאט זַיין טַאטֶע אִים גֶעפְרֶעגְט.

"וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁטוֹיסְן דִי סוּכָּה", הָאט שִׁמְעוֹן גֶעעֶנְטְפֶערְט.

"זֵייעֶר גוּט", הָאט דֶער טַאטֶע גֶעזָאגְט, "אַ אִיד וִויל נָאר טוּעֶן דִי מִצְווֹת פוּן דִי תּוֹרָה, עֶר פְרֵיידְט זִיךְ צוּ טוּעֶן מִצְווֹת אוּן אוֹיבּ עֶר קֶען נִישְׁט טוּעֶן אַ מִצְוָה - שְׁטוֹיסְט עֶר נִישְׁט אוּן צוּבְּרֶעכְט נִישְׁט, עֶר אִיז טְרוֹיעֶרִיג אַז עֶר קֶען נִישְׁט טוּעֶן דִי מִצְוָה אוּן עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל יָא קֶענֶען טוּעֶן דִי מִצְוָה".

"אוֹי וִוי גוּט צוּ זַיין אַ אִיד", הָאט שִׁמְעוֹן אוֹיסְגֶערוּפְן.



# לאמיר שפילן

# א צדקה אתרוג

## סצענע 1

ביים צדיק רבי ארון לייב פרעמישלאן זי"ע אין שטוב.

רביצין: מיר האבן נישט קיין געלט און באלד קומט שוין סוכות. וואס וועט זיין מיט אן אתרוג?

רבי ארון לייב: וואס קענען מיר טאקע טון?

רביצין: לאמיר אנהייבן אוועקלייגן אביסל געלט. יעדעס מאל וואס מיר האבן אפאר עקסטערע גילדן, וועלן מיר עס ארײנלייגן אין א פושקע, און אזוי וועט זיך צוביסלעך אנקלייבן א גרויסע סכום.

רבי ארון לייב: ש'כח אייבערשטער אז איך האב אזא ערליכע פרוי. דאס איז זייער א גוטע עצה. דא האב איך א פושקע וואס דא וועלן מיר ארײנלייגן אונזערע איבריגע געלט. (דער צדיק נעמט ארויס א פושקע)

איבער די נעקסטע פאר וואכן, לייגן זיי ארײן יעדע טאג א גילדן אדער צוויי אין די פושקע, וואס עס שטייט דערויף "אתרוג."

## סצענע 2

רבי ארון לייב: קוק, מיר האבן שוין צוזאמגעקליבן פופציג גילדן.

רביצין: אומגלויבליך!

רבי ארון לייב: אצינד וועל איך פארן קיין לעמבערג און איך וועל פראבירן צו קויפן א שיינע אתרוג. פופציג גילדן איז גאנץ א שיינע סכום.

רביצין: (פאקט אים איין אביסל עסן מיטצונעמען): פאר געזונטערהייט און דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט טרעפן א שיינע אתרוג.

אבער איך וויל דיר פרעגן נאך איין זאך... פון וואו וועלן מיר האבן געלט אויף יום טוב?

רבי ארון לייב: זארג זיך נישט, בזכות די גרויסע מצוה פון ד' מינים וועלן מיר האבן גרויס שפע.

## סצענע 3

אין וואלד, אויפ'ן וועג צום מארק.

(מען הערט איינעם וויינען פון די ווייט)

בעל עגלה: וואס גייט פאר?

רבי ארון לייב: לאמיר גיין זען. אפשר דארף איינער הילף?

(זיי גייען נאך די קול און טרעפן א איד זיצן אין וואלד און וויינען.)

רבי ארון לייב: ר' איד, פארוואס וויינט איר אזוי? וואס גייט פאר?

איד: איך בין אזוי צובראכן. מיין פערד האלט ביים שטארבן.

רבי ארון לייב: אוי ווײ.

איד: יא, און איך בין א בעל עגלה, דאס מיינט אז איך בלייב אן פרנסה. איך האב א משפחה מיט קינדער. פון וואו וועל איך זיי שפייזן?? (וויינט)

רבי ארון לייב: וויינט נישט! וויפיל קאסט א נייע פערד?

איד: פופציג גילדן.

רבי ארון לייב ציילט איבער זיין געלט. ער האט צוויי און פופציג גילדן. ער טראכט נישט קיין צוויי און נעמט ארויס פופציג און געבט דאס איבער פאר דעם איד.

רבי ארון לייב: נעמט דאס און גייט קויפן א נייע פערד. דער אייבערשטער זאל אייך באגליקן. נאר זייט פרייליך און דאנקט דעם באשעפער, ווייל ער היט און שפייזט אונז.

איד: רבי! שכ'ח! וויאזוי קען איך אייך באדאנקען? אוי! איך בין אזוי איבערגענומען. איך קען ממש נישט רעדן....

דער צדיק געזעגנט זיך פון אים און גייט ווייטער זיין וועג.

## סצענע 4

אין לעמבערג ביי א גרויסע מארק מיט אתרוגים.

רבי ארון לייב: איך וויל זען א שיינע אתרוג. וואס האט איר?

פארקויפער: אזויווי עס איז שוין באלד ערב יום טוב און רוב אתרוגים זענען שוין אויסגעגאנגען, וועל איך מאכן אן אויספארקויף. איך וועל מאכן א גורל.

רבי ארון לייב: וואס מיינט איר צו זאגן?

פארקויפער: איך האב דא א הערליכע אתרוג וואס איז ווערד צוויי הונדערט גילדן. ווער עס וויל קען ארייינלייגן צוויי גילדן און צום סוף וועל איך ארויסציען איין געווינער פאר'ן הערליכן אתרוג.

רבי ארון לייב: איך וויל ארייינגיין אינעם גורל. דא האט איר צוויי גילדן.

פארקויפער: נאך איינער וויל אריין אין די גורל?

מענטשן קומען און לייגן אריין.

פארקויפער: אקעי. איך האב שוין גענוג מענטשן. איך גיי יעצט מאכן דעם גורל.

פארקויפער: לאמיר זען. איינס... צוויי... דריי... דער געווינער איז.... "רבי ארון לייב!"

דער צדיק איז זייער איבעראשט און גייט אפנעמען די הערליכע טייערע אתרוג.

רבי ארון לייב: דער אייבערשטער איז אזוי גוט צו מיר! שכח אייבערשטער! דאס איז זיכער בזכות די מצוה פון צדקה. ווייל איך האב אוועקגעגעבן די געלט, האב איך באקומען אסאך א טייערערע אתרוג ווי איך וואלט זיך געקענט ערלויבן.

דער צדיק לאזט זיך צוריק ארויס אויפ'ן וועג אהיים, פלוצלינג הערט ער ווי איינער שרייט אים נאך.

איד: רבי, רבי!

רבי ארון לייב: (דרייט זיך אויס) דו רופסט מיר?

איד: יא, געדענקסט מיר נאך?

רבי ארון לייב: אוודאי. דו האסט פארלוירן דיין פערד.

איד: כמעט! פרעג נישט. למעשה איז מיין פערד געווארן געזונט און איך האב נישט געדארפט קויפן א נייע פערד. איך וויל דיר צוריקגעבן די געלט.

רבי ארון לייב: אבער איך האב דאס שוין אוועקגעגעבן פאר צדקה. איך וויל עס נישט צוריקנעמען.

איד: אבער איך דארף עס נישט. און איך וויל נישט נהנה זיין פון צדקה אויב איך מוז נישט.

רבי ארון לייב: איך וויל עס נישט צוריקנעמען.

איד: איך בעט אייך. נעמטס די געלט און נוצט עס פאר אן אנדערע מצוה.

דער צדיק נעמט צוריק די געלט פון דעם איד.

## סצענע 5

דער צדיק איז צוריק אינדערהיים.

רביצין: שלום עליכם! איך האב אזוי שטארק געווארט אויף דיר. דו האסט באקומען א שיינע אתרוג?

רבי ארון לייב: ב"ה! א הערליכע אתרוג! א נס.

רביצין: דערצייל מיר.

רבי ארון לייב: אויפ'ן וועג האב איך געטראפן א איד וואס האט זיך געניטיגט אין פופציג גילדן פאר זיין פערד וואס האט געהאלטן ביים שטארבן. איך האב אזוי רחמנות געהאט אויף אים, ווייל ער איז א בעל עגלה, און דאס איז זיין פרנסה. דעריבער האב איך אים געגעבן די פופציג גילדן און איך בין איבערגעבליבן מיט צוויי גילדן.

רביצין: און וואס האסטו געטון נאכדעם?

רבי ארון לייב: איך בין געגאנגען אין מארק און געהערט אז דער פארקויפער וויל מאכן אן אויספארקויף. ער האט אנגעטראגן אז אויב מען לייגט אריין צוויי גילדן, גייט מען אריין אין א גורל צו געווינען א הערליכע אתרוג וואס איז ווערד אין אמת'ן צוויי הונדערט גילדן. איך האב אזוי געטון.

רביצין: און?

רבי ארון לייב: און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז איך האב געווונען די גורל. און נאכמער, אויפ'ן וועג אהיים, האב איך געטראפן דעם איד און ער האט מיר צוריקגעגעבן דאס געלט, זאגנדיג אז זיין פערד איז געזונט געווארן.

רביצין: איז וואס גייען מיר טון מיט די געלט?!

רבי ארון לייב: מיר וועלן עס נוצן פאר א צווייטע מצוה. מיר וועלן איינקויפן מכל טוב וטוב פאר יום טוב. נעם די געלט און גיי ארויס אין מארק און קויף איין פון אלעם גוטן.

און אזוי בזכות די הייליגע מצוה האט ער זוכה געווען צו האבן סיי א הערליכע אתרוג און סיי א הערליכע יום טוב!

טייערע קינדער, מיר לערנען ארויס דערפון ווי שטארק צדיקים האבן געבענקט צו קענען מקיים זיין א מצוה און אז איין מצוה ברענגט צו נאך א מצוה.

אויך מיר דארפן בענקען צו טון נאר מצוות און גוטע מעשים. לאמיר בעטן צוזאמען דעם באשעפער, "איך וויל אלעמאל טון נאר מצוות. איך וויל ליב האבן צו טון מצוות."

אוי ווי גוט צו זיין א איד, אוי, ווי גוט צו זיין א איד!! אוי, ווי פרייליך מיר זענען צו קענען מקיים זיין מצוות און ווי פרייליך מיר זענען אז מיר זענען זוכה צו די הייליגע סוכה און די ארבע מינים! ■

א מעשה פון תפילה

# געמאלן



איך וויל מאכן
שיינע נוי
סוכה
אײבֶּערְשְׁטֶער
וואס זאל איך
מאכן?



אה איך וועל
מאכן א שיינע
שטערן



שְׁכֹּחַ
אײבֶּערְשְׁטֶער
עס איז
הערליך
געלונגען



אײבֶּערְשְׁטֶער
הֶעלְף די האניג
קוקיס זאל גוט
אויסקומען



איך מיין עס
קומט אויס
זייער גוט, עס
שמעקט אין די
נאז אריין.



אה שְׁכֹּחַ
אײבֶּערְשְׁטֶער
עס איז
אויסגעקומען
זייער גוט

געמאלן דורך:
רבקה וועבערמאן תחי'
שיקט אריין אייער מאלעריי'ס:
845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# קליין און פיין







משפחת מיטעלמאן





בית פיגא שטעטל פיפטע קלאס



שלמה וויזעל



נתי זוסמאן



שלמה בוים

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



ברכי און סימי בלעדי



ישראל דוד וויינבערגער



יואליש סאמעט



חיה הײמליך



שרי און שלמה הערצאג




ליפא פארקאש



פיגא און חיה לאנדא



פיגא פרידריך און חיה אסתר יאקאבאוויטש



יואליש סאמעט

# געשעניש

## אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



סליחות מיטן דיין



ביים רעקארדירן נייע ניגונים פארן נייע אלבום



ביים מנחם אבל זיין מו"ה ישעי שטערן הי"ו



התחלת כתיבת ספר תורה אין אומאן

קרעדיט: משה איינהורן, שמואל בלעדי, דוד דייטש, שלמה האמער, ישראל האסקל, שמעי' וואקס, מרדכי ווערטהיימער, נפתלי זאבעל, נתן ליכט, לייבי ליברמאן, שלום לעווין, איציק מענדלאוויטש, יוסי סאמעט, שמעון פארטוגאל, שמעון פיש, יוסי פרערויא, מרדכי ראזנפעלד, אייזיק ראטה, לייבי ראטה, יואל שעכטער.



אנשי שלומינו לערנען אויפן וועג קיין אומאן



אנשי שלומינו ביים געבן פדיון נפש ערב ראש השנה




**אנשי שלומינו אויפן וועג קיין אומאן**













**תלמוד תורה היכל הקודש אין אומאן**



אנשי שלומינו ברענגן זייערע מתנות (סיומים) צום רבי'ן









די געטרייע עסקנים פונעם בנין און אומאן ביים צוגרייטן די עסן אויף יום טוב





ביים איבערקוקן פון תולעים



א שמועס מיט די גבאים פון ביהמ"ד



מו"ה יואל שניצלער הי"ו ביים ארבעטן אויף די עצתו אמונה



ביים איבערגיין די נוסח מיטן בעל תפילה מו"ה אברהם הערש וועבערמאן




תפילת שחרית אין אומן




ביים ציון




הבדלה און מלוה מלכה



התרת נדרים



סליחות זכור ברית





הפצה אין אומן




קרית התורה ערב ראש השנה









**דף שיעור אין אומאן**





**ריקודים אויף די וועגן**





**ביים ציון פון פלא יועץ**















**אויף די וועגן און שטעגן**




**ערב ראש השנה פאר מנחה**









**אוי האט זיך עס געלוינט**